STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01641

# DERTSEYLUNGEN FUN OYSTRALYE

Pinchas Goldhar

*Permanent preservation of this book was made possible*
*in honor of*
*David & Ruth Eisenberg*
*by their family*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פנחס גאָלדהאַר

# דערציילונגען פון אויסטראַליע

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון
פאַריין יידישע בינע א. נ. דוד הערמאַן.

מעלבורן 1939

הילע און אילוסטראַציעס פון נאָעל קוניהעם

דרוקעריי „יאָרק פּרעס" — מעלבורן
געזעצט און מאָנטירט דורך א. מאַלער.

# אינהאַלט:


| | |
| --- | --- |
| אַלמע פריינט | 7 |
| אויף דער עלטער | 31 |
| דער לעצטער מנין | 43 |
| בישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט | 93 |
| אויף אַ פּאַרב | 102 |
| גרינע | 123 |
| דער ברית | 136 |
| אַ לוויה | 144 |

# אַלטע פּריינט

יעקב ווייסליץ.

## א

זינט מען געדענקט די לייגאָן סטריט, שטייט דאָרט דזשאָו בענדזשאַמינס פּאָון־שאָפּ — אַן אָפּגעריסן, הילצערן הייזל, שטוב אַריינגעקוועטשט צווישן דעם יאַריד פון קראָמען און געפּילדער פון טראַמווייען, אויטאָס און מענטשן. די גאַס איז שטענדיק פול מיט טומל, שרייט מיט אַלערליי קאָלירן פון די שוי־פענצטער אַרויס און רייסט־אויף די אויגן מיט צעפּלאַמטע ליכט־רעקלאַמעס — און בענדזשאַמינס הייזל שטייט דערצווישן אַ פינצטערס און אַ שווייגנדיקס מיט אַ סודותדיק־פאַרמאַכטער טיר, אָבער וועלכער עס הענגען ווי אַ סגול דריי קופּערנע, פון אַלטקייט פאַרגרינטע טעלערס. דאָס נידעריקע, פון יאָרן נישט געבוצטע שוי־פענצטער איז אָנגעוואָרפן מיט אַ געמיש פון זאַכן: פאַרזשאַווערטע יעגער־ביקסן, אָפּגעשטשערבעטע פאָר־צעלאַנען, אַלטע מלבושים, אייזנוואַרג, פאַרצייטישע נאַפט־לאָמפּן. אויף אַ דראָט אינמיטן פענצטער זענען אויפגעצויגן אַלטמאָדישע ציבעלע־זייגערס און רינגלעך מיט גרויסע, פאַלשע בריליאַנטן. פון אַ ווינקל הענגען־אַראָפּ אַ פּאָר אָפּגעבליאַקעוועטע רייט־הויזן און אַ ראָד פון אַ ראָווער, און פון צווישן זיי קוקט שאָטנדיק אַרויס אַ הייליק בילד הינטער אַ צעשפּאָלטן גלאָז. אויפן גאַנצן ביסל אַלטוואַרג ליגט אַ געדיכטער, קלעפּיקער שטויב און אַ טרויעריקע אַלטהיימישקייט, וואָס בלייבט אויף

זאכן נאָך אַ לאַנגער באַרירונג פון מענטשליכע הענט.

דזשאו בענדזשאַמין איז אַ שווערלייביקער, צעווירעוער פאַרשווין מיט אַ צעפּלאַסן, לויז פּנים און מיט אַ קאַלטנדיק פּרענזל ברודיק־גרויע האָר ארום גרויסן, פּליכעוואַטן קאָפּ. סיי זומער, סיי ווינטער דרייט ער זיך ארום אַ האַלב־אַנגעטוענער, ווי ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף, אין אַ צעקנעפּלטער וועסט איבער דעם אָפּענעם העמד, פון וועלכן עס קריכט־אַפּער די האָריקע באַוואַקסנקייט פון זיין ברוסט, ווי קלאַטשעס פון אַ צעריסענער קאַנאַפּע. די אַלטע, פאַרבלדיקע הויזן האַלטן זיך אין איין אַראָפּגליטשן פון זייןאויפגעלאָפּענעם בויך, און יעדעס מאָל ווען ער ציט זיי ארויף, דעקן זיך אָפּ זיינע קלאָציקע, רויטע פּיס, וואָס שטעקן אין אַ פּאָר צעפּאָרענע, ווייבערשע שטוב-לאַטשן.

זעלטן אַמאָל זעט מען דזשאו׳ן אינדרויסן. ער לעבט איינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער טומלדיקער גאַס. בלויז טיילמאָל אין אַ גרויסער זומער־היץ, ווען די גאַנצע גאַס ליגט אַ צעבריטע און אַ פאַרחלשטע אָן אַ פּיצל שאָטן אונטער אַ צעפּייערטן הימל, באַווייזט ער זיך אין דער טיר פון זיין שאַפּ און קוקט זיך פאַרשלאָפן ארום מיט זיינע אויגן, רויט־צעפּרע־סענע פון טונקלקייט און שטויב.

באַלד רוקט זיך אונטער זיין שכן, אייבי ראָזען, אַ פלינק, צעטראָגן מענטשל, וואָס האַלט אַ גאַלאַנטערי־קראָם הארט נעבן דזשאו׳ס שאָפּ. איינגאַנצן איז ער הויט און ביין מיט אַ פּאָר שפּיציקע קינבאַקן אויפן קליינעם, איינגעשרומפּענעם פּנים, וואָס האַלט זיך אין איין דרייען אהין־און־צוריק אויף זיין שמאָל, גאַרגלדיק העלזל ווי אויף אַ שרויף. עס גייט אים נישט איבעריק געהויבן אין די ביזנעס, און שטענדיק לויפט ער ארום אַ פאַרטראָגענער, ווו צו כאַפּן אַ גמילת־חסד. אין דער גאַנצער גאַס, אפילו ביי די קריסטליכע שכנים, איז ער פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ. בלויז דזשאו׳ן, מיט וועלכן ער וווינט שוין כמה יאָרן אין שכנות, קאָן ער בשום אופן נישט איינבייסן. פון אַ „מאָנעי־לענדער”, און דערצו נאָך פון אַזאַ איינעם ווי דזשאו, ווייסט ער, איז אַזאַ זאַך ווי אַ גמילת־חסד נישט צו דערוואַרטן.

פונדעסטוועגן רעדט ער זיך איין, אַז סוף־כּל־סוף וועט ער אויך אים אָנקריגן, און מיט אַ היבשער מטבע דערצו. ער, ראָזען, איז אַ מומחה אויף גמילות־חסדים, און זעצט ער זיך אָן אויף איינעם, וועט שוין יענער פון אים זיך נישט ארויסדרייען. זאָל זיך נאָר אײַנמעדרוקן עפּעס אַ געלעגנהייט, וועט ער אויך דזשאָון אריינ־קריגן, נישקשה. יעדעס מאָל ווען עס מאַכט זיך אַ שעת־הכושר צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, איז ער שוין דאָ ביי זיין זייט מיט אַ גדולהדיק שמייכלעם אויפן איינגעשרומפּענעם פּנים, און דאָס קול ביי אים שמעלצט זיך חניפהדיק אין דעם גאָרגלדיקן העלזל.

— העללאָ, מיסטער בענדזשאַמין, העלאָ! וועל,וועל, וואָס מאַכט מען עפּעס?

אָבער דזשאָו איז נישט פון די לייכטע מענטשן. ער לאָזט זיך בשום אופן נישט ארויסקריגן אויף אַ שמועס. זיינע באַקן, וואָס זענען אָנגעבערשטלט מיט אַ ברודיק־בלוילעכן, נישט ראַזירטן אָנוווקס לאָזן זיך ברוגזדיק אראָפּ, ער גיט אַ בייזן שמאַרע מיט דער נאָז און ענטפערט נישט.

— וואָס זאָגט איר נישט צו די היצן, מיסטער בענ־דזשאַמין? — שטייט ראָזען נישט אָפּ. — זיי שטעלן דאָך בדיל־הדל, מאַכן אַ תל פון די ביזנעס!

אין דזשאָו׳ס קורצן, צעגאָסענעם האַלז הויבט זיך אָן קייקלען אַ געדיכטער ברום, ווי עס וואָלט זיך דאָרט עפּעס געקאָכט. ער וואַרפט אַן אומגעדולדיקן בליק אריין אין דער טונקלקייט פון זיין שאָפּ, גיט אַ שלעפּ־ארויף די הויזן מיט אַ פלינקער, געוווינטער באַוועגונג, און אָן אַ וואָרט ארויסצורעדן לאָזט ער זיך צוריק אריין אינעווייניק, פאַרהאַקנדיק הינטער זיך די טיר.

ראָזען בלייבט שטיין אַביסל אַ צעמישטער. ער פילט זיך אָבער נישט באַליידיקט. אדרבא, עס געפעלט אים דזשאָו׳ס שווייגנדיקע אַנטשלאָסנקייט, און ער באַוואונדערט אים ווי אַ העלד, וועלכן ער קאָן בשום אופן נישט בייקומען.

— אַן אַלטער קורח, האָט דעם קאָפּ אויף דער רעכטער

זיים! — שאָקלט ער התפּעלותדיק מיטן קאָפּ נאָכן פאַרשווונדע־נעם דזשאַו.

ער האַלט פון דזשאַו'ן אַן עולם ומלואו. ער שאַצט אים אין די שווערע טויזנטערס אַריין. אַז עס קומט אים אויס צו רעדן וועגן דזשאַו'ן, קלאַפּט ער זיך באַרימעריש איבער דער ברוסט, און דאָס קול זיינס איז פול מיט וויכטיקייט:

— וועגן דזשאַו בענדזשאַמין זאָלט איר מיך פרעגן. עס האָט דען אַ שיעור, וויפיל ער פאַרמאָגט? אונז אַלעמען קאָן ער אָפּקויפן, כ'לעבן, די גאַנצע לייגאַן סטריט מיט אַלע ביזנעס צוזאַמען. שפּילט זיך מיט דזשאַו בענדזשאַמין!...

און מען גלייבט אים, ראַזענען. דזשאַו'ס אָפּגעזונדערטקייט האָט אין זיך עפּעס סודותדיקס, וואָס רייצט די פאַנטאַזיע ביי אַלעמען אין גאַס. מען דערציילט זיך אויסטערלישע מעשיות וועגן זיין עשירות, וואָס ער זאָל האַלטן פאַרשלאָסן אין די אייזערנע קאַסעס ביי זיך אין שלאָף־שטוב, וווּ קיינער האָט נישט קיין צוטריט, און וועגן געהיימע אוצרות, וואָס ליגן כלומרשט באַגראָבן אונטערן דיל פון זיין שאָפּ. כאָטש מען קאָן אים שוין אַזויפיל יאָרן, ווייסט נישט קיינער פון וואַנען ער קומט, צי ער איז אַ חתונה־געהאַטער, אָדער נאָך אַ בחור, צי ער האָט ערגעץ משפּחה. זעלטן זעט מען, עמיץ זאָל צו אים קומען. פון דער אייביק פאַרמאַכטער טיר פון זיין פאָון־שאָפּ טראָגט זיך אַן אומהיימליכע פאַרבאָרגנקייט. באַווייזט זיך אַמאָל פון דאָרט איינער פון זיינע קליענטן (זיי שאַרן זיך שטענדיק אַרויס שטילערהייט פון דער טיר און מערסטנס זענען דאָס עלטערע, שוואַרץ־געקליידעטע פרויען מיט אויסגעצווייקטע, אַלמנהדיקע פּנימער, און טיילמאָל אויך מאַנסלייט, אויסגע־פּראַנטעוועטע, מיט לויזע ליפּן און אויפגעשוואָלענע, נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן), ווערט אַ געקוקעריי פון די קראָמען, און מען שאָקלט מבינותדיק מיט די קעפּ:

— נו יאָ... אַזוי שאַרט מען דאָס געלט!...

— אַ חרפּה פאַר די גוים... וואָס זיי זאָגן אויפן יידן, זענען זיי כשר געווען! — זאָגט זיך מיט אַ פייכט זיפּצעלע מיסמייר

מאָררים, דער „האַלסעילער", און גלעט זיך מיט צערטליכקייט זיינע ווייכע, ווייבערישע הענטלעך.

די אַלמנה בעלקין, אַ ברייט־צעגאָסענע און מיט שמאַלציקע גוידערס, קייקלט זיך שווער ארויס פון איר „ספּאָקסטיטשיגג" שאַפּ. ווי נאָר עס מאַכט זיך אין גאַס אַ גערעדעניש וועגן דזשאו'ן, דערשנאַפּט זי עס באַלד, מעג זי זיין ווי פאַרטון מיט ארבעט אין איר שאַפּ. זי טראָגט אַן איינגעבאַקענע שנאה צו דזשאו'ן נאָך פון די צייטן, ווען זי האָט זיך צו אים געהאַט געשדכנט. געווען איז עס מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק, נישט לאַנג נאָכדעם ווי דער מאַן איז איר אָפּגעשטאָרבן. די לייגאָן סטריט האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דער אַלמנה, נעבעך, און מען איז געפאַלן אויף אַ המצאה זי חתונה צו מאַכן מיט דזשאו'ן. אַ מענטש איינער אליין, גוט אוועקגעשטעלט, מיט אַן איינגעפירט געשעפט. וואָס קאָן זיין גלייכער? זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון: ווי קומט צו איר דזשאו בענדזשאמין, אַזאַ פּראָסטע זאַך... איר מאַן איז דאָך געווען אַזאַ איידעלער און ציכטיקער מענטש, אַ געלערנטער, מיט אַ האַנטשריפט ווי געדרוקטס. האָט מען אָבער מיט איר איינגעטענהט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז זי האָט מסכים געווען אויפן שידוך. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געוויינט אין קישן אריין און צומאָרגנס געווען אויפן מאַנס קבר, געבעטן ביי אים מחילה.

אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך די זאַך מיט גאָרנישט. ווען מען איז געקומען צו דזשאו בענדזשאמין וועגן שידוך, האָט ער זיך לאַנג געקראַצט די קאַלטנדיקע האָר, געקוועטשט די פאַר־שלאָפענע אויגן און געהויבן די אַקסלען.

— חתונה האָבן, נו יאָ... מען דאַרף זיך איבערלייגן... מ'וועט זען...

מען איז געגאַנגען צו אים, גערעדט אהין און אהער, דערציילט נסים וועגן דער מיססים בעלקין, סאַראַ בריה זי איז, סאַראַ סוחרטע, נישט קיין אויסבערענגערין ווי אַנדערע ווייבער, און דזשאו האָט אַלץ געהאַלטן אין איין איבערלייגן זיך, ביז די שדכנים איז נמאס געוואָרן.

— ווער ווייסט אים דאָרט, דעם שמאַטניק... האָט אפשר

גאר א ווייב ערגעץ... ווער קאן אזא איינעם דערגיין? — האט מען אויף דער לייגאן סטריט א מאך־געטון אויף אים מיט דער האנט, און פון שידוך איז געווארן אוים. די מיססים בעלקין האט פון דעמאלט אן געטראגן אויף אים א האס, און יעדעס מאל, ווען אויף דער לייגאן־סטריט שמועסט מען זיך איבער וועגן דזשאו׳ן, קייקלט זי זיך באלד ארוים פון איר שאפ, דאס פנים און די גוידערס פלאמען ביי איר, און דער הויכער בוזים וויגט זיך האסטיק ארויף און אראפ. זי שטעלט זיך אוועק מיטן גאנצן פארנעם פון איר ברייט־צעגאסענער געשטאלט הארט נעבן דזשאו׳ס שאפ און שרייט אריין צו אים דורך דער פאר־מאכטער טיר מיט א געדריידלטן, תחינהדיקן ניגון:

— אלטער תרח, בלוטזויגער, א בראך צו ד־י־י־י־ר! מאך דיך איין מיט דיין געלט, שטיק אלטווארג דו, שפ־י־י־י־ן וואס דו ביסט! א בראך צו דיינע יא־א־רן!

ב

דער איינציקער, וואס פלעגט אמאל האבן א צוטריט צו דזשאו בענדזשאמין, איז געווען אייזעק גרין, אן אויסגעצויגע־נער פארשוין מיט צוויי אנגעשפיצטע, גלאנציקע אייגעלעך, און מיט א הונגעריקן גארגל־קנאפ, וואס האט זיך כסדר געקייקלט ארויף און אראפ און געשלונגען שפייעכץ. ער איז געווען א „ריעל־עסטעיטניק" און געהאט הייזער איבער דער גאנצער שטאט. ער האט זיך שטענדיק ארומגעשלעפט איבער די גאסן אויף זיינע לאנגע, ברייט־צעשטעלטע פלאט־פיס און איינגעמאנט דאס דירה־געלט מיט א נעבעכדיק, פארוויינט קול. דאס פנים ביי אים איז געווען א פארדאגהטס, א זויערס, ווי עס וואלט אים געקוועטשט אן ענגער שוך, און שטענדיק האט ער געהאט אויף עפעס זיך צו באקלאגן: די היצן טריקענען אים אוים די הייזער, צעפרעסן די ציגל און ס׳געהילץ, די רעגנס שווענקען אים אונטער די פונדאמענטן, די לאקאטארן מאכן אים איין דירה־געלט. ער האט כסדר געחשבונט די היזקות, וואס ער האט

אויסצושטיין, געווען אַ דם־שונא זיינע לאָקאַטאָרן, וואָס זיי נוצן אים אָפּ די הייזער און שטעלן אים בדיל־הדל.

אַממערסטן צרות האָט ער געהאַט פון זיינע הייזער אין אַ פאַרוואָרפן הינטערגעסל, ווו עס האָבן געוווינט פּראָסטיטוט־קעס. ער האָט דאָרט שטענדיק געטראָפן אָפּגעדראַפּעטע, מיט וואַנצן־נעסטן באַפּינטלטע ווענט, פון וועלכע די טאַפּעטן האָבן זיך געשיילט און אַראָפּגעהאָנגען אין לאַנגע, ברודיקע פלאַכטעס, צעבראָכענע טירן און ארויסגעזעצטע פענצטער, וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די שכורע שלעגערייען צווישן די נקבות מיט זייערע אַלפאָנסן און געסט. די הייזער זענען געזונקען אין אָפּגעלאָזנקייט און געפוילט אין זנותיקן געשטאַנק. ווען ער פלעגט דאָרט אהינקומען איינצומאָנען דאָס דירה־געלט, האָבן די נקבות אים אַריינגענומען אין אַ קרענצל, געמאַכט צו אים מיאוסע חנדלעך, געקיצלט אים דעם צאַפּלדיקן גאָרגל־קנאָפּ און צו אים געוווּנקען מיט אויסגעלאַסענע העוויות.

— נאָ מאָנעי, דאַרלינג, נאָ, נאָ!...

— וואָס הייסט נאָ מאָנע? — פלעגט אייזעק זיך אַזש פאַרכלינעט. — איך בין אַן אַלטער, קראַנקער מאַן. פון וואַנעט וועל איך נעמען צו לעבן?

די יונגע ריטאַ, אַן איטאַליענערין מיט אַ קאָפּ ווילד־געקרייזלטע האָר און מיט שוואַרצע רייפן ארום די אונטערגע־האַקטע אויגן, פלעגט מיט אַ שטיפעריש געלעכטער אים ארומ־כאַפּן, קושן אים גלייך אין די ליפן און שטופּן אים אין מויל אַריין שאָקאָלאַד, אָדער אַ פּאַפּיראָס. די נקבות ארום האָבן זיך געהאַלטן די זייטן פון לאַכן און געקוויטשעט מיט אויפגע־ריסענע מיילער:

— נעם זי פאַרן דירה־געלט, אַלטער, נעם זי!...

אייזעק איז געשטאַנען אין קרענצל אַ פאַרלוירענער, מיט אַ צעפלאַמט פנים, געקוקט ארום זיך מיט אומבאַהאָלפענע אויגן, נאַריש אונטערגעשמייכלט, און לסוף יאושדיק אַ הויב־געטאָן די פּלייצעס און אוועק אָן דירה־געלט.

נאָך אַ גאַנצן טאָג ארומלויפן איז ער יעדן אָוונט געקומען צו דזשאָו'ן און זיך אַראָפּגערעדט פאַר אים פון האַרץ, געוויזן

אים שוואַרץ־אויף־ווייס ווי מען שטעלט אים אויס פאַר אַן אָרימאַן, און ארויסשלעפּנדיק פון די בוזים־טאַשן צעקנייטשטע בויגנס פּאַפּיר, זיי פונאַנדערגעוויקלט אונטער דזשאַו׳ס נאָז:

— נאַ, זע, ווידער שטייערן צו צאָלן! פאַר וואַסער, פאַר הכנסה, פאַרן פאַרמעגן, מ׳שטיינסגעזאָגט. אריינגעבראַקט לעבעדיק געלט אין די טויטע מויערן, און צאָל זיי נאָך צו. מען רייסט פון מיר לעבעדיקע שטיקער, דזשאַו! וואָס טוט מען? געוואַלד, וואָס טוט מען?

— וואָס קאָן מען טון? — פלעגט דזשאַו ענטפערן מיט אַ רחמנותדיקן זיפץ און אויסציען די קורצע, האָריקע הענט צו די פּאָליצעס, וואָס זענען געווען פאַרלייגט ביז אונטערן באַלקן מיט משכנות און אַלטוואַרג. — מיינסט, אַז מיר איז בעסער? אַ פאַרמעגן ליגט דאָ נישט אויסגעקויפט און פוילט, אַ תל ווערט פון אַלעם, אַ פּענע דערפון נישט ארויסצוקוועטשן.

מיט אַ שיטער קרעכצעלע און שאָקלענדיק צו זיך מיטן קאָפּ פלעגט דזשאַו אוועקזעצן זיך צום טיש, ארויסנעמען פון שופלאָד אַן אַלטע צעריבענע טאַליע קאָרטן, וואָס איז געווען זאָרגפעלטיק איינגעוויקלט אין אַ סך פּאַפּירן, און זייערע אויגן האָבן אומרואיק גענומען נאָכלויפן אייזעקן, וועלכער האָט זיך געדרייט ארויף און אראָפּ און פאַרטראַכטערהייט אריינגעברומט אין זיך.

— מיר׳ן מאַכן אַ „געים״, האָ? — פלעגט ביי דזשאַו׳ן זיך ארויסקוועטשן אַ געדיכט, פאַרשמאָלצן הוסטל. ער האָט דערביי פלינק געמישט די קאָרטן, וואָס האָבן מיט יצר־הרעדיקן אַזאַרט געטראַסקעט צווישן זיינע פינגער.

— מיר׳ן מאַכן אַ „געים״, וואָס קאָן דאָ זיין? — האָט אייזעק זיך צוגעזעצט צום טיש מיט אַ נישט ניחאדיקן פּנים.

## ג

דאָס שפּיל פלעגט זיך ביי זיי פאַרציען ביז אין דער שפּעטער נאַכט אריין. זיי האָבן געשפּילט אויף גרויסע געלטער,

אָבער קיין מזומן האָבן זיי זיך נישט געצאָלט. מען האָט גע־שפּילט אויף באָרג, אויף אָפּצושפּילן זיך, און ביידע האָבן זיי געפירט אַ געגויע בוכהאַלטעריע פון די קאָרטן־חשבונות, וואָס האָבן זיך געצויגן זינט לאַנגע יאָרן. דזשאָו פלעגט צום רוב זיין דער פאַרשפּילטער, און זיין חוב צו אייזעקן האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און געגרייכט אין די טויזנטערס אַריין. עס איז אים געגאַנגען אין לעבן אויסצוגלייכן דעם חשבון מיט אייזעקן, און יעדן אָוונט, ווען ער האָט זיך געזעצט שפּילן, האָט דאָס האַרץ זי נס געקלאַפּט מיט אַ באַהאַלטענער האָפנונג, אַז דאָסמאָל וועט זיך דאָס מזל איבערדרייען אויף זיין זייט. ער האָט גע־שפּילט אומגעדולדיק, מיט פאַרביסענעם אַזאַרט, און זיינע קורצע וורשטלדיקע פינגער האָבן געציטערט, אויסוואַרפנדיק די קאָרטן.

אייזעק האָט דערפאַר געשפּילט געלאַסן און כלומרשט גלייכ־גילטיק, ווי איינער וואָס איז געוווינט צו געווינען און נעמט זיך נישט איבער מיטן שפּיל. ער פלעגט מיט ישוב־הדעת אַרויסשלעפּן פון אַ הינטער־טאַש אַ געדיכט־פאַרשריבן שטיקל פּאַפּיר, לאַנג און באַטראַכט אַריינקוקן דערין און געשעפּטסמע־סיק אַ זאָג־טון:

— ווי האַלטן מיר עס מיט אונזער חשבון, הייסט עס? אָווא, שוין איבער דריי טויזנט פונט.

— דריי טויזנט פונט? — פלעגט זיך אַזש דזשאָו דערשרעקן.

— דריי טויזנט צוויי הונדערט זעקס־און־ניינציק פונט! — פלעגט אייזעק לאַנגזאַם און ערנסט אַרויסציילן די ווערטער, צופּויקנדיק מיטן פינגער אויפן טיש, און שטילערהייט איבער־חזרן פאַר זיך מיט חלומדיק־פאַרזשמורעטע אויגן: — דריי טויזנט צוויי הונדערט זעקס־און־ניינציק פונטלעך, אַזאַ פאַרמעגן!...

— נישט געפערליך... — פלעגט דזשאָו ביטולדיק צוריק־וואַרפן. — מיר וועלן נאָך שפּילן, נישקשה, איך לעב נאָך אויף דער וועלט.

דאָס שפּיל פלעגט אין אָנהויב צוגיין שלאַבערדיק, און

אינטערעס. אייזעק האָט נאָך נישט באַוויזן אָפּצוטרייסלען פון זיך דעם דרויסן. זיינע רעיונות האָבן נאָך אַלץ געוואַנדערט איבער דער שטאָט. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געפּלאָנטערט מענטשן, הייזער און גאַסן, און אין די אויערן האָט געזשומעט דער הו־האַ פון אַ גאַנצן טאָג ארומלויפן און ארומהאַוועז. ער פּלעגט ארויסשלעפּן פון טאַש דעם האַלב־צעקוועטשטן פּאַפּיראָס, וואָס ריטאַ האָט אים געגעבן, פאַרזיכטיק אויסגלייכן אים צווישן די פינגער פון די קנייטשן און פאַמעלעך, מיט ישוב הדעת אים פאַררויכערן און פאַרציען זיך מיט טיפער הנאה, באַהערשט פון זיס־נאָגנדיקע געדאַנקען וועגן דער שיינער איטאַליענערין, וואָס האָט זיך געוויקלט פאַר זיינע אויגן אין די בלוילעכע רויך־קנוילן.

— האָסט געהערט וועגן ראָטמאַנס באַנקראָט, דזשאַו? הונדערט טויזנט, זאָגט מען, האָט ער אָנגעזעצט, דער גנבֿ! — פלעגט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנען, ווארפנדיק אַ קאָרט.

— מיין עסק, אַבי ער האָט ביי מיר נישט צוגענומען.

— וואָס טוט זיך מיט דיר, דזשאַו? עפּעס הונדערט טויזנט פונט... ס'איז דאָך אַ פאַרמעגן!

אָפּשפּילנדיק אַ ווייל אין שווייגעניש, פלעגט ער זיך דערמאָנען וועגן עפּעס אַנדערש:

— כ'האָב געהערט אין שטאָט, אין פּוילן איז שוין ווידער געווען אַ פּאָגראָם, וואָס זאָגסטו נישט דערצו?

— וואָס זאָל איך זאָגן? אַ נייעס ביי דיר אַ פּאָגראָם אין פּוילן? — האָט דזשאַו אומגעדולדיק געקוועטשט די אַקסלען און איילנדיק גענומען צונויפשאַרן די צעוואָרפענע קאָרטן.

— האָסט געהערט אַ מעשה? די „פּייפּערס" שרייבן שוין ווידער וועגן אַ מלחמה מיט רוסלאַנד. עס קאָן זיך מאַכן אַ נייע וועלט־מלחמה — האָט אייזעק אין אַ פּאָר מינוט אַרום ווידער גענומען דערציילן.

— מיר שפּילן אין קאָרטן, צי נישט? — האָט זיך דזשאַו גענומען ברוגזן. — אַז שפּילן, זאָל זיין געשפּילט, און דיר קריכן אַלץ נאַרישקייטן אין קאָפּ: מלחמות, פּאָגראָמען... וואָס


Noel Counihan

גייט עס דיך אָן — האָט ער מיט אַ בייזן טראַסק געוואָרפן די קאָרטן.

— נו, יאָ... — האָט אייזעק נאָכגיביק אָפּגעזיפּצט און אַנטשוויגן געוואָרן. איינציקוויז האָט ער זיך געלאָזן אַריינציען אין שפּיל, און זיינע ביינערדיקע פינגער האָבן האַסטיק גענומען קלעטערן צווישן די קאָרטן. די אויגן זיינע האָבן זיך אָנגעשפּיצט מיט אַ שאַרפן גלאַנץ, און איבער די איינגעפאַלענע באַקן האָט זיך פאַרצויגן אַ הייסע רויטקייט. אַ גנבהש שמייכעלע האָט זיך געוויקלט צווישן זיינע דינע, איינגעפאַלענע ליפּן. די קאָרט איז, ווי דער שטייגער, אים געגאַנגען, און עס האָט פון אים אַרויסגעשפּאַרט אַן איינגעהאַלטן, נחתדיק הוסטל:

— קכי, קכי, אַז געשפּילט זאָל זיין געשפּילט...

דזשאו איז געזעסן אַן אָנגעצויגענער, אַ צעיאָכמעטער, געוואָרפן די קאָרטן און היים געפּרייכט מיט זיין שווערן, קורצן אָטעם:

— שנע, קאָרטן... עס גייט נישט! אַ האַנט מיט „שמאַטעס" יין מיט „סמאַרקעס", טו עפּעס אַ ויה!...

יעדע קאָרט האָט ביי זיי געהאַט אַן אַנדערן צונאָמען. „שמאַטעס" האָבן זיי גערופן די קליינע קאָרטן, „סמאַרקעס" האָבן געהייסן אונטערס, „שיקסעס" — די אויבערס. אַ קעניג האָבן זיי גערופן „באָסס", און אַ טויז — „דזשאָן בול". די קאָרטן זיינען ביי זיי געווען ווי לעבעדיקע באַשעפענישן, יעטוועדער איינע מיט איר אייגענעם ווילן און אייגנאַרטיקע קאַפּריזן. זיי האָבן געוווסט זיך צו באַהאַלטן, ווען מען האָט זיי אַמסמערסטן געדאַרפט. מען האָט געמוזט אומגיין זיך מיט זיי פאָרזיכטיק, דעליקאַט און אָנווענדן פאַרשידענע קונצן, זיי זאָלן קומען אין דער ריכטיקער צייט. עס זיינען געווען קאָרטן נאַרישע און קלוגע, בייזע און גוטע. סיי דזשאו און סיי אייזעק האָבן געהאַט צווישן די קאָרטן פאַוואָריטן, פריינט און שונאים. יעדע קאָרט, וואָס זיי פלעגן אַרויסוואַרפן, האָבן זיי באַגלייט מיט צערטלדיקע אויסרופן, מיט בקשות און ווינטשעוואַניעס. זיי האָבן גערעדט צו די קאָרטן מיט גוטן און מיט בייזן, זיי געלויבט און געזידלט. און אַז עס איז געקומען אַרויסצושפּילן אַ שטיקל

כ.רומף, האָבן זיי זיס־רחמנותדיק אונטערגעקרעכצט דערביי.

— נאָדיר א שיקסע, אייזעקל, פרעס דיך אָן! — פלעגט דזשאו ארויסוואַרפן א דאַמע מיט א ברייטן, גרויסמויליקן ישעסט. — דו האָסט דאָך ליב שיקסעס...

— אודאי האָב איך ליב, נאָר אייגענע, נישט קיין פרעמדע, קכי, קכי!... פלעגט אייזעק מיט זיין צעהוסט געלעכטערל אים צוּוואַרפן א קליינע קאָרט.

— הע, הע, דזשאָן בול, ווו האָסטו זיך ערגעץ באַהאַלטן? זע נאָר, ווי דאָס טייזעלע האַרץ איז אונטערגעקומען צו דער ריכטיקער מינוט... — האָט דזשאו מיט הרחבה ארויסגעלייגט די רויטע טויז. — ווייז אים, דעם פושער, וואָס דו קענסט!

געשטאָרבן, דזשאו, געשטאָרבן! דאָס מאָל נישט געטראָפן, דזשאו, קכי, קכי... געשטאָרבן דאָס טייזעלע האַרץ! — האָט אייזעק גיך ארייַנגעכאַפּט די ארויסגעוואָרפענע קאָרט.

— עס גייט נישט... — האָט דזשאו מאַט און מיט אַנטוישונג ארויסגעוואָרפן א פרישע קאָרט. די טויז האַרץ איז געווען זיין ליבלינג. ער האָט זיך געשפּיגלט אין איר, גערופן זי מיט צערטלדיקע נעמען, און געוואָרפן זי אויפן טיש נצחונדיק און מיט שטאָלצקייט, ווי א פּאַרצייטישער ריטער די הענטשקע צו זיין געגנער. די טויז האַרץ האָט געשפּילט ביי אים א וויכטיקע, געהיימנישפולע ראָלע. זי איז געווען א שטאָלצע קאָרט, וואָס נישט אזוי לייכט האָט מען זי געקאָנט ארייַנקריגן. זי איז שטענדיק געווען ערגעץ באַהאַלטן און פּליצעם ארויסשווימען פון צווישן די קאָרטן מיט א מאָדנעם מאַיעסטאַט און באַלד צוריק פאַרשווינדן ווערן ווי א מיוחסדיקער גאַסט. אַז אייזעק פלעגט זי קאָנען צונעמען ביי דזשאָון, האָט זיין גאַנץ פּנים זיך צונויפגעשאַרט אין געדיכטע, דינע קנייטשעלעך און זיינע איינגעפאַלענע ליפּן האָבן געמליאַסקעט מיט א נקמהדיק שמייכעלע: געשטאָרבן, נעבעך, געשטאָרבן!... נישטאָ קיין יחסנים!...

אזוי פלעגן זיי שפּילן זינט לאַנגע יאָרן טאָג נאָך טאָג ביז אין דער שפּעטער נאַכט אריין. די שעהן זענען שנעל געלאָפן אין דער נאַכטיקער שטילקייט און זיך לייכט געברעקלט צווישן

די צעריבענע קאָרטן, ביז בײדע פּלעגן זײ צוזאַמענפאַלן פון מידקײט, און די אַלטע, שיטערע בלוטן אין די האַלב־פאַרקאַלכטע אָדערן פּלעגן האַמערן פאַרחלשט אין די שלײפן.

— נו, זאָל שױן זײן גענוג אױף הײנט... — פּלעגט אײזעק דער ערשטער זיך אױפשטעלן מיט אַ צעבראָכענעם קרעכץ און זיך אַרומװיקלען אין זײן שמאָלן, אױסגעריבענעם מאַנטל, אײנהאַלטנדיק צװישן די ציטערדיקע ליפּן דעם קאַלטן שװידער, װאָס איז אים געלאָפן איבערן גאַנצן לײב.

דזשאַו פּלעגט גאָרנישט ענטפערן, זיצנדיק אַ פאַרגליװערטער אױפן אָרט און גלאָצנדיק מיט די רױט־פאַרפלאַמטע אױגן, װאָס זענען געװען פאַרצױגן מיט אַ מאַטקײט װי פאַרשיכורטע.

— דער חשבון האַלט שױן דרײ טױזנט זעקס הונדערט און פערציק — האָט אײזעק געשעטערט אין דעם פאַרשריבענעם פּאַפּירל, פאָרזיכטיק עס צונױפגעקנײטשט און באַהאַלטן אין טאַש. — דרײ טױזנט זעקס הונדערט און פערציק פונט, אַ קלײניקײט אַרױסצוזאָגן.... — האָט ער אױפן װעג קרעכצנדיק אַרײנגעחזרט אין זיך און, ענגער אַרײנטוליענדיק דעם אױפגעשװידערטן גוף אין דעם שמאָלן מאַנטל, פאַרשלונגען געװאָרן אין דער קילער, בײנאַכטיקער פינצטערקײט.

## ד

מיטאַמאָל האָט אײזעק גרין אױפגעהערט צו קומען. אַדורך אײן טאָג, צװײ טעג, דרײ טעג, מען זעט אים נישט. דזשאַו אָבער האָט זיך װײניק װאָס דערמיט איבערגענומען. עס איז אים אפילו נישט אײנגעפאַלן נאָכצוקלערן, טאָמער איז עפּעס געשען מיט זײן פרײנד. אַ דאגה האָט ער מיט אים, דעם אַלטן שײסער... אַנישט האָט ער ערליך געשפּילט אין קאָרטן? אַ מענטש זאָל כסדר געװינען, זאָל זיך קײנמאָל נישט לאָזן כאַפּן, מוז עפּעס דערין שטעקן אַ קונץ. אַ נאַר איז ער, דזשאַו, געװען, װאָס ער האָט זיך געלאָזט פון אים באַשװינדלען אַזױפיל יאָרן.

איז טאַקע גוט, וואָס ער קומט נישט מער, פּטור געוואָרן פון דעם אָנשיקעניש...

אין האַרצן אָבער איז דזשאו געווען אומרואיק. זיין לעבן האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטעלט אין אַ פעסטן סדר — ביי טאָג ביזנעס, ביינאַכט קאָרטן, אַזוי טאָג נאָך טאָג זינט יאָרן. און דאָ מיטאַמאָל איז דער סדר צעשטערט געוואָרן. ער האָט נישט געהאַט וווּ אַהינצוטון די ליידיקע אָוונטן און זיך אַרומגעדרייט איבער די פינצטערע חדרים פונם שטילן, פּוסטן הויז, לאַנגווייליק אַריינגעזיפצט אין זיך, און לסוף זיך באַרקליבן צוריק אין שאַפּ אַריין און גענומען נישטערן צווישן די קופּעס אַלטוואַרג, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן אַ געדיכטער שטויביקער ריח.

— געלט, געלט!... — האָט ער הייס אַריינגעברומט אין זיך. — יעדעס ברעקעלע איז געלט, כע, כע, גאָלד מיט בריליאַנטן...

מיט פאַרזיכטיקע, געגנבעטע טריט האָט ער זיך צוגעשאַרט צו דער אייזערנער קאַסע, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אין אַ פינצטער ווינקעלע, לאַנג געדרייט מיט די שליסלען אין די טיפע שליסל-לעכער, און מיט אַן אָנגעשפּיצט שמייכעלע אויף די ליפּן האָט ער פּאַמעלעך אויפגערוקט די שווערע טיר און אָנגעהויבן אַרויסנעמען פּעקלעך פּאַפּיר־געלט. ער האָט דאָס געלט אויסגעסדרט אויפן טיש און אויף יעדן באַנקנאָט אויפגעשריבן מיט קליינע אותיהלעך זיין נאָמען מיט דער דאַטע. דאָס איז געווען זיין בעסטער און ליבסטער צייט־פאַרטרייב. אויף יעדן שטיקל פּאַפּיר־געלט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט, האָט ער געמאַכט זיין צייכן, איידער ער האָט עס געלאָזן צוריק אין גאַנג אַריין. אַזוי האָט ער זיך געפירט אַלע יאָרן, און איז אַמאָל אַזאַ פּאַפּירל צוריקגעקומען אין זיינע הענט אַריין, האָט זיין פרייד נישט געהאַט קיין שיעור. ער האָט געלאַכט דערצו, אַרויסגעגלעט דערפון יעדעס קנייטשעלע און באַהאַלטן עס אין אַ באַזונדער שופלאָד אין זיין קאַסע. אַזאַ געלט האָט ער שוין מער נישט אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט. עס האָט געהאַט פאַר אים אַ באַזונדערן ווערט, אַ טייערקייט, ווי עפּעס אַ הייליקע זאַך, וואָס

קערט זיך נישט אָן מיט קיינעם אין דער גאַנצער וועלט, נאָר מיט אים אליין.

ער האָט ביז שפּעט אין דער נאַכט אריינגעאַרבעט אין די געלט־פּאַפּירלעך, געציקלט אויף זיי מיטן קלענסטן כתב זיין נאָמען, עס צונויפגעלייגט אין גלייכע קופּקעלעך און מיט אַ בייד, לייטזעליק שמייכעלע עס באַהאַלטן צוריק אין דער קאַסע.

— אָפּגעטון אַ שטיקל אַרבעט — האָט ער זיך געשמאַק צעגענעצט, און קראַצנדיק זיך די האָריקע ברוסט האָט ער זיך צוריק צוגעזעצט צום טיש, אַרויסגענומען פון שופלאָד דאָס פּעשל קאָרטן און אָנגעהויבן אויסלייגן אַ פּאַסיאַנס. דאָס איז אים אָבער באַלד נמאס געוואָרן.

— נישטאָ מיט וועמען צו מאַכן אַ ריכטיקע „געים". — האָט ער לסוף אויפגעריסן דאָס מויל אין אַ ברייטן, שלעפעריקן גענעץ. — דער רוח האָט אים גענומען, דעם אַלטן שווינדלער! זאָל ער גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר...

ער האָט נאַכלעסיק אַ שאַר־געטון די קאָרטן אוועק פון זיך, פאַרוואָרפן די הענט איבערן קאָפּ אַריבער און געבליבן זיצן פאַרגליווערט אין מידקייט. אַרום אים איז געשטאַנען אַ מאַסיווע שטילקייט, ווי אַ טונקעלע מויער. דער אומרו האָט ווידער אַ צאַפּל געטון ביי אים אין האַרצן. מיט אַ דינעם שווידער איבערן לייב האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט און מיט גיכע טריט, נישט אומקוקנדיק זיך, אַריין צו זיך אין שלאָף־שטוב.

אָבער שלאָפן האָט ער נישט געקאָנט. ער איז געלעגן אויפן רוקן אין זיין שמאָל, אַלט־בחוריש בעט, וואָס איז געווען קאַלט און מיט אַ שווערן, פייכטן ריח. מיט אויסגעגלאָצטע אויגן האָט ער געקוקט אין דער טיפער פינצטערניש אַריין. דורך די שטום־פאַרהאַקטע טיר־און־פענצטער האָט זיך פון דרויסן אריינגעגראַבלט דער סודותדיקער, ביינאַכטיקער טומל פון דער גאַס. פון צייט צו צייט האָט זיך געלאָזט הערן אַ האָפערדיק פישטשען פון שטשורעס, וואָס האָבן זיך געראַיעט אינעם אַלט־וואַרג. אין זיין האַלב־פאַרשלאָפענעם מוח האָבן זיך געפּלאָנ־טערט אויסטערלישע רעיונות וועגן קאָרטן און וועגן געלט. גאַנצע שטויסן געלט האָבן זיך געהויבן ביזן באַלקן אַרויף, זיך

געבלעטערט מיט אַ טרוקענעם קנאַק, און פון צווישן דעם געלט זענען אַרויסגעשווומען קאָרטן־פיגורן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין ענדערן זיך: פון אונטערס זענען געוואָרן אויבערס, פון אויבערס מלכים, טייז, און דערנאָך האָט זיך אַלץ צונויפגעגאָסן אין איין מאַסע, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ ריזיקע טויז האַרץ ווי אַן אויפגעשוואָלענער בויך.

— אייזעקל גנב פעלשט די קאָרטן... ער באַגזלט מיך!... — האָט זיך אים געמישט אין קאָפּ. זיין פּעטע, באַוואָקסענע ברוסט, אין וועלכער עס האָט טעמפּ געהאַמערט זיין מיט שמאַלץ פאַרלייגט האַרץ, האָט זיך געהויבן גיך און שווער אין אַ פאַר־האַקטן, אַפּאָפּלעקטישן אָטעם, ביז עס איז אים באַפאַלן אַ פינצטערער דרימל אָן חלומות. אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַ־נען אַן אויסגעמאַטערטער, באַשלאָגן פון קאָפּ ביז פיס מיט אַ קלעפּיקן שווייס.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן שאַפּ אַ צעטראָגענער מיט אַ שווימעניש אין קאָפּ. אַלץ איז אים געפאַלן פון די הענט. ער האָט כסדר געמאַכט טעותים אין די חשבונות, און ביי אַ קונה, אַן אויפגעפּוצטער, שמעקעדיקער דאַמע, וואָס האָט ביי אים פאַרזעצט אַ זייגערל, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן אָראָפּצורעכענען די צינזן. ער איז אַרויס פאַר דער שוועל פון שאַפּ, כדי צו כאַפּן אַביסל פרישן אָטעם און איינצושטילן די צעטראָגנקייט. דער טומל אין דער גאַס האָט אים אַ שלאָג־געטון אַנטקעגן מיט אַ פרייליכן אימפּעט. מענשן האָבן זיך גע־איילט, פול־געפּאַקטע טראַמווייען האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן מיט געבראַזג, אַרום די געוועלבער האָט זיך גערודערט. אַן אַלטער מאַטראָז איז אַדורכגעגאַנגען מיט אַ צעוויגטן טראָט, טראָגנדיק אַ שטייג מיט פּאַפּוגייען. צוויי אינדישע האָקערס אין ווייסע טורבאַנען האָבן זיך מיד געשלעפּט מיט זייער שווערן געפּעק איינגעוויקלט אין לייוונט אויף די פּלייצעס. דזשאָו איז געלאָפן מיט די אויגן איבער דער גאַס, טיף אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם טומל, און די גאַס איז אים אויסגעקומען מאָדנע ליב און היימיש. ער האָט צופרידן אַ שלעפּ־געטאָן די הויזן אויפן בויך

ארויף און פֿאַרלייכטערט אָפּגעהוסט מיט אַ נחתדיק, פּייכט הוסטל.

באַלד אָבער איז אונטערגעקומען איבי ראָזען מיט אַ צעשמייכלט, גדולהדיק פּנים און זיינע אויגן האָבן געבלינצלט מיט חניפהדיקער גוטברודערישקייט.

— ווער מען זעט, וועמען מען זעט!... האַללאָ, מיסטער בענדזשאַמין, וואָס מאַכט מען עפּעס? אַ שאָק מיט יאָרן אייך נישט געזען. וואָס איז עפּעס מיט אייך, וואָס איר באַווייזט זיך גאָרנישט? כ'האָב שוין אָנגעהויבן איבערקלערן אַז עפּעס איז מיט אייך. מען זעט אייך שוין לעצטנס גאָרנישט. אפילו אויף גרינס לויה זייט איר נישט געווען.

— וועמענס לויה? — האָט דזשאַו צעטומלט אַ פּינטל־געטון מיט די אויגן.

— ס'הייסט, וועמענס לויה? אייזעק גרינס...

— האַ?...

— נו־יאָ, אייזעק גרינס. גלויבט מיר, איר ווייסט אפילו נישט, אַז ער איז געשטאָרבן.

— געשטאָרבן!... — האָט זיך פון דזשאַון אַ ריס־געטון מיט אַ כאָרכל.

— אַלץ הייסט געשטאָרבן! מען שלאָגט זיך שוין ארום איבער זיין ירושה. וואָס מיינט איר, מיסטער בענדזשאַמין, אַלע שטאַרבן, און אין קבר אריין נעמט מען מיט זיך גאָרנישט מיט! — האָט איבי מיט אָנצוהערעניש אים אַ קוק־געטון גלייך אין די אויגן אריין.

דזשאַו האָט אומרואיק אַ שאָקל־געטון מיט די ליפּן, און זיינע קורצע פינגער האָבן בלאָנדזשענדיק גענומען טאַפּן די לופּט. ער האָט אָנגעשטעלט זיינע רויטליכע אויגן אויף איבי'ן, און דער בליק זיינער איז געווען אַ גלאָזיקער, אַ צעשראָקענער. אַ שפּאָרע ווייל איז ער געשטאַנען אַזוי אַ פאַרגלאָצטער און דערנאָך האָט ער שווער אַ הויב־געטון די אַקסלען אין אָן אַ וואָרט ארויסצורעדן מיט איילנדיקע טריט צוריק אריין אין שאָפּ.

עס האָט אים מיטאַמאָל ארומגענומען אַ מוראדיקע שטיל־קייט. די שאָפּ איז אים אויסגעקומען פינצטערער און גרעסער

זוי תמיד. אין דער לופט איז געהאַנגען אַן אָנגעצויגנקייט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמיץ שטייט הינטער אים און קוקט אים נאָך. ער האָט זיך גיך אויסגעדרייט, און זיין בליק האָט מיט איין צאַפּל ארומגעכאַפּט די שטילע שאָפּ. ער האָט אַ שאָקל געטון צו זיך מיטן קאָפּ, אַ וויש־געטון מיט דער האנט דאָס פּנים און פאַרקוועטשט די אויגן.

— געשטאָרבן, כע, כע!... — האָט אַ צעבראָקלט געלעכטערל אויסגעקראָכט זיינע ליפּן. — אָנגעפּיפּן דיך, אייזעקל... וועגן די דריי טויזנט זעקס הונדערט פונט מעגסטו שוין פאַרגעסן, כע, כע!

אָבער דאָס געלעכטערל זיינס איז איינגעזאַפּט געוואָרן אין דער שטילקייט, וואָס איז געשטאַנען אָנגעצויגן און דראָענדיק. ער האָט זיך גענומען דרייען איבער דער שאָפּ און געשטעלט ברייטע, האַסטיקע טריט, וועלנדיק אויפטרייסלען די שטילקייט ארום. עס איז אים ענג געווען די לופט, ער האָט נישט געקענט אויפאָטעמען, און עס האָט אים צוריק אַ צי־געטון אינדרויסן ארויס. עס האָט זיך אים כסדר אויסגעוויזן, אַז עמיץ האָט זיך באַהאַלטן אין דער שאָפּ און קוקט אים נאָך. ער איז צו צו דער טיר, זי ברייט אויפגעפּראַלט און ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ אינדרויסן. באַלד האָט ער זיך מישב געווען, צוריק פאַרמאַכט דיר טיר און צוגעגאַנגען צו דער קאַסע. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער זי אויפגעשלאָסן, ארויסגערוטשט די קליינע שופלעדלעך מיט די פּעקלעך פּאַפּיר־געלט און עס גענומען מהומהדיק איבערציילן. דערנאָך האָט ער פון אַ קליין קעסטעלע ארויסגענומען אַ לעדערן טאָרבעלע, פון וועלכן ער האָט ארויסגעשיט אויף דער דלאַניע אַ הויפנדל בריליאַנטן. די בריליאַנטן האָבן כישופדיק אַ בלענד־געטון מיט אַ שאַרפן, געשליפענעם גלאַנץ. דזשאָו האָט זיך שפּיציק צעשמייכלט, פאָרזיכטיק איבערגעוואָרפן עטליכע מאָל די בריליאַנטן פון איין האַנט אין דער צווייטער און דערנאָך איינס ביי איינס זיי צוריק אריינגעציילט אין טאָרבעלע.

— ליגסט אין דער ערד, אייבי ראָזען, כי, כי... — האָט זיך זיין פּנים פאַרקרומט אין אַ ביטערע געלעכטערל. ער האָט

צוריק פאַרשלאָסן די קאַסע, אַ גלעט־געטון מיט ביידע הענט די קאַלטע, גלאַטיקע קאַסע־טיר און טיף־אויפגעאָטעמט. ער איז אריין אין קיך, זיך אָפּגעקאַכט זיין אָרימען, איינזאַמען מאָל־צייט, וועלכן ער האָט אויפגעגעסן מיט אַפּעטיט, אָפּגעלעקט די ליפּן און, פּאַטשנדיק זיך איבערן בויך, צוריק אריין אין שאַפּ, זיך אוועקגעזעצט ביים טיש צום שווערן קאַנטאָ־בוך און זיך פאַרטיפט אין חשבונות. ער האָט שוין מער נישט געקלערט וועגן אייזעקן.

## ה

אין שאַפּ איז אריינגעקומען אַ קונה, אַ צווייטער. דזשאָו האָט אויפגעלעבט. ער האָט אויפן קול ארויסגעציילט די באַנק־נאָטן פון דער קאַסע ארויס, געקלימפּערט מיטן קליינגעלט, ביטולדיק געשמאַרעט אויף די בריליאַנטענע רינגלעך, וואָס מען האָט אים געבראַכט צו פאַרזעצן, געשריבן קוויטאַנציעס, געחשבונט, געפּאַקט, געקלעטערט אויף דער לייטער צו די הויכע פּאָליצעס מיט די פּעק משכנות און אַן אויפגערוימטער גע־שמאַיעט איבער דער גאַנצער שאַפּ. באַטש עס איז נאָך געשטאַ־נען גרוסער טאָג אינדרויסן, האָט ער אָנגעצונדן די עלעקטרי. זאָל זיין ליכטיק, ס׳איז ביזנעס, מען טאָר נישט זשאַלעווען — האָט ער גרויסמוטיק אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט און מיטאַמאָל זיך צעלאַכט. עס האָט זיך אים דערמאָנט אייבי ראָזען. דער קבצן האָט שוין געמיינט, מי יודע וואָס, כע, כע... אָבער נישקשה, דזשאָו בענדזשאַמין לעבט נאָך אויף דער וועלט, אַלעמען צו־להכעים! ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר פון דער שאַפּ, יעדע פּאָר מינוט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ אינדרויסן, און זיינע רויט־צעפּרעסענע אויגן האָבן געגלאַנצט ווילעריש, מיט אַן ארויסרוף.

אינגאַנצן רואיק אָבער איז ער נישט געווען. אַ באַהאַלטע־נער רעיון האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט אין זיין קאָפּ ווי אַ האָר, וואָס קריגט זיך אריין אין מויל מיטן עסן. עס איז צוגעפאַלן דער

פאַרנאַכט. פון די ווינקלען האָט אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן די אָוונטיקע פינצטערקייט און זיך צעלייגט מיט שוואַרצע שאָטנס איבער דער שאַפּ. ער האָט אָנגעצונדן די עלעקטרי אויך אין שוי־פענצטער, אַ זאַך, וואָס ער האָט זעלטן אַמאָל געטון, און זיך אַוועקגעשטעלט אינדרויסן פאַר דער געעפנטער טיר. הינטער זיך אָבער האָט ער געפילט די שטילקייט, וואָס איז געשטאַנען אין שאַפּ, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי עמיץ וואָלט זיך דאָרט געדרייט מיט שאָטנדיקע טריט.

ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען עס איז אָנגעקומען די טויבע דזשעססי. זי פלעגט צו אים קומען פון צייט צו צייט אויפרוימען דאָס הויז און אויסוואַשן די אָנגעקליבענע וועש. זי איז געווען אַ ליידנשאַפטליכע שכורטע, און איר אויסגעצערט, געגרונצלט פנים, וואָס איז געווען באַוואָקסן ווי ביי אַ מאַנס־פאַרשוין, איז שטענדיק געווען צעפלאַמט מיט אַ טונקעלער רויטקייט פון טרינקען. פון אירע אָפּגעריסענע, ברודיקע מלבושים האָט זיך געטראָגן אַ שווערער, איבערגעשטאַנענער ריח פון אַלקאָהאָל. זי האָט, ווי דער רוב טויבע, כמעט קיינמאָל נישט גערעדט און כסדר שווייגנדיק געגלאָצט מיט אירע אַרויס־געזעצטע, האַלב־משוגענע אויגן. אַלע אין גאַס האָבן זיך מיט איר געשפּאַט, גענומען זי צו די שווערסטע און מיאוסטע אַרבעטן, און זי האָט גלייכגילטיק, ווי אַ גולם, אַלעמען געהאָרכט און געטון אַלץ, וואָס מען האָט זי נאָר געהייסן. אפילו קינדער האָבן איבער איר באַלעבאַטעוועט, געשיקט זי אַ גאַנג, און אין די נעכט האָבן מענער זי געשלעפּט אין די פינצטערע ווינטער־געסלעך און געטון איבער איר אַלערליי מיאוסקייטן.

קומען פלעגט זי צו דזשאָו'ן, ווען זי האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף צו טרינקען. מיט שווימענדיקע אויגן און פאַר־חלשט־צעעפנטע ליפּן פלעגט זי שטיל עפענען די טיר און זיך הכנעהדיק אַריינשאַרן אינעווייניק. אין קיך האָט זי געהאַט איר ווינקעלע נעבן דעם שטענדיק־קאַלטן, פאַרברודיקטן אויוון, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט אַלטע, פאַרשטויבטע מעדיצין־פלעשלעך און אָפּגעבראָכענע שטיקער אייזנוואַרג. דאָרט פלעגט זי זיך אַוועקזעצן, אַריינגורען דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און

שאָקלען זיך אהין און צוריק, ווי זי וואָלט געדאַווענט. זי האָט געקאָנט אזוי אָפּזיצן שעהנווייז, ביז עס האָט זיך באוויזן דזשאו. דאַמאָלס פלעגט זי זיך דערשראָקן אויפכאַפּן און צעטומלטער־הייט זיך נעמען צו רייבן די דילן, אָדער וואַשן די שמוציקע וועש. דזשאו איז געשטאַנען אַן אַנגעבלאָזענער אוז פון דער זייט איר שווייגנדיק נאָכגעקוקט, ווי זי אַרבעט. ער פלעגט דערביי ברוגזדיק אונטערזיפּצן דורך דער נאָז און האַסטיק זיך רייבן די הענט. דזשעססי האָט געשפּירט אויף זיך זיין בליק און געהאָרעוועט, ארויסשלאָגנדיק זיך פון די כוחות, און אירע ווייבעריש-ברייטע היפטן האָבן זיך אָנגעשטרענגט געוויגט ארויף און אַראָפּ. דזשאו פלעגט זי אזוי באַטראַכטן אַ צייט אוועק, נישט אַראָפּלאָזנדיק דעם בליק פון אירע צעהווידעטע היפטן. זיין פּנים פלעגט זיך דערביי אָנגיסן מיט אַ געדיכטער רויטקייט, און די אויגן זיך פאַרציען מיט אַ מאַטן, פאַרצער־לייענעם אָפּגלאַנץ. פון מינוט צו מינוט איז זיין אָטעם געוואָרן האַסטיקער, הייסער, און לסוף פלעגט ער צוגיין צו איר מיט וואַקלענדיקע, ברייט-צעשטעלטע טריט, ארויפיאָגן אויף איר זיין צעפּרייכטן, בריענדיקן אָטעם און זיך אַ ריס־טון צו איר מיט זיין גאַנצער באַלייבטקייט. זי פלעגט אים אָפּענטפערן מיט אַ צעקראָכן, טעמפּ געלעכטערל און נאָכגיביק געלאָזט מיט זיך טון אַלץ, וואָס דזשאו האָט געוואָלט.

דאָסמאָל האָט דזשאו זי באַגעגנט מיט אַ ברייטן, פריינטליכן שמייכל. זי האָט אים אָנגעקוקט צעשראָקן אַביסל און הידושדיק, מיט גיכע מויזן־טריטעלעך זיך אריינגעשאַרט אין קיך. דזשאו האָט פאַרשלאָסן די שאַפּ און באַלד נאָך איר נאָך. זי האָט, ווי געוויינליך, געוואָלט זיך כאַפּן צו איר אַרבעט, אָבער דזשאו איז שוין געווען נעבן איר און פאַרלוירן געפינטלט מיט זיינע רויט־צעפּרעסענע אויגן.

— דזשעססי, דזשעססי... וועסט בלייבן ביי מיר איבער־נאַכט? — האָט ער מיט אַ געדיכט, פאַרשליימט קול זי געפרעגט.

זי האָט נישט געענטפערט, אָבער אין איר צעשוווימענעם בליק האָט אַ בליץ־געטון מיט צעטומלטער פרייד. ער האָט זי

ארומגענומען, זיך צוגעטוליעט צו איר איינגעפאַלענער ברוסט, און זיינע לויזע, פלייִשיקע ליפּן זענען דורשטיק געלאָפן איבער איר פּנים. ער האָט אַריינגעלאַכט אין איר מיט אַ צעבערעקלט געלעכטערל, און פון זיין מויל האָט זיך געריסן אַ פיבערדיקער אָטעם:

— דזשעסי, בלייב מיט מיר... לאָז מיך נישט איבער אליין...

דזשעססי האָט מיט צערטליכקייט אים ארומגענומען, געגלעט מיט אירע שווייסיקע, אויסגעהאָרעוועטע הענט זיינע באַקן, זיין קאָפּ און זיך געצויגן צו אים מיט אַן אָנגעשטייפטן, צעפיבערטן גוף. ער האָט זי פעסטער ארומגעכאַפּט. דער אָטעם איז אים געוואָרן כאָרכלדיק און טיף. זיינע פינגער האָבן צאַפּלענדיק פונאַנדערגעקנעפּלט אירע מלבושים, און ער האָט דערשפּירט איר נאַקעט, וואַרים לייב.

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, ווען ער האָט זי אָפּגעלאָזט. אין זיינע ביינער איז געלעגן אַ מידקייט, און די באַקן זענען ביי אים שלאַבעריק אַראָפּגעהאָנגען. ער האָט זיך שלעפּעריק געריבן די נישט־ראַזירטע גאָמבע און מיט ליידיקע בליקן געוואַנדערט איבער דער קיך. דזשעססי איז געשטאַנען אין ווינקל ביים אויוון, זיך געפּאָרעט מיטן אָנטועכץ און זייטיק געקוקט אויף דזשאו׳ן. זי האָט שטילערהייט עפּעס אריינגערעדט אין זיך, לאַנג געקנעפּלט און געוויקלט ארום זיך די מלבושים, און ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן, איז זי צוגעגאַנגען צו דזשאו׳ן, אויסגעשטעלט אויף אים אירע טויבע, גלעזערדיקע אויגן, שטום אַ מאַך־געטון מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס זאָגן און נישט קענען, און לסוף יאושדיק אַ שאָקל־געטון מיטן קאָפּ און אוועק מיט שאַרנדיקע, פּאַמעליכע טריט.

דזשאו איז געבליבן אליין. די שטילקייט האָט אויף אים אַ יאָג־געטון פון אַלע זייטן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי די ווענט אין דער ענגער קיך וואָלטן זיך פונאַנדערגערוקט, איבערלאָזנדיק אַ פּוסטקייט ארום. ער האָט געשטעלט אַ טריט, צוויי, און די טריט האָבן אָפּגעהילכט פרעמד, מיט אַ ווידערקול. ער איז ארויס פון דער קיך און אין איילעניש אריין אין שאַפּ. דאָ האָט ער זיך דערפילט אַביסל פעסטער ביי זיך. ער האָט אַ

קוק־געטון אויף דער אייזערנער קאסע, אויף די פאָליצעס מיט די פעק אַלטוואַרג און זיך אוועקגעזעצט צום טיש. ער איז געווען שלעפעריק, אין מוח איז געלעגן אַ שווערקייט, אָבער עפּעס אַ באַהאַלטענער פּחד האָט אים צוריקגעהאַלטן פון שלאָפן־גיין. ער האָט זיך טיף, מיטן גאַנצן אָטעם צעגענעצט, און קוים אָפּגעבנדיק זיך אַ דין־וחשבון, וואָס ער טוט, ארויסגענומען פון שופלאַד דאָס פּעשל קאָרטן. ער האָט זיי מעכאַניש גענומען טאַלירן און אויסוואַרפן, ווי ער וואָלט געשפּילט מיט עמיצן אַ צווייטן, און אויפדעקנדיק טרומף, געעפנט די קאָרטן. זיינע פאַרשלאָפענע אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אין האַנט אַזאַ גוטע קאָרט.

— כע, כע, וואָלט איך אייזעקן געוויזן היינט אַ שפּיל... די הויזן וואָלט איך אים אויסגעטון! — האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט און געעפנט די קאָרטן, וואָס ער האָט אויסגעוואָרפן אַנטקעגן זיך. ער האָט גענומען שפּילן פאַר זיך און פאַרן מכלומרשטן צווייטן צד. עס איז שוין איינמאָל געווען אַ שפּיל! יעדע קאָרט האָט זיך געשלאָגן, גענומען איין לעז נאָך דער צווייטער, געצײלט אויפן קול די אריינגענומענע אויגן, געחשבונט דאָס כלומרשט געוווּנענע געלט, נצחונדיק אויסגע־וואָרפן אַ קאָרט נאָך אַ קאָרט, הויך געלאַכט און כסדר אריינגע־חזרט צוין זיך:

— אָט אַזוי לערנט מען בלק... דאָס הייסט געשפּילט!

מיטאַמאָל איז ער געבליבן זיצן מיט אַן איבערגעהאַקטן אָטעם. ער האָט אויסגעשפּילט זיין בעסטע קאָרט, די טויז האַרץ, און גענומען מהומהדיק זוכן צווישן די קאָרטן פון זיין פאַר־געשטעלטן קעגנער. וואָס איז דאָס? צי האָט ער געמאַכט אַ טעות? די טויז האַרץ איז דאָך אַ פאַרשפּילטע!...

— געשטאָרבן, כי, כי, כי! געפאַלן אַ קרבן נעבעך!... — האָט ער מיטאַמאָל דייטליך דערהערט אייזעקס הייזעריק קול.

ער האָט ברייט אויפגעריסן די אויגן. אויפן שטערן זענען אים ארויסגעטרעטן געדיכטע, בוימלדיקע שוויים־טראָפּנס. דאָס פּנים זיינס האָט זיך צונויפגעקרוכט פאַר שרעק, און דאָס האַרץ

האָט גענומען קלאַפּן ווי אַ האַמער, האַסטיק, שווער און מיט אַ טעמפּן ווייטיק.

— געשטאָרבן, כי, כי... — האָט נישט אויפגעהערט צו זשומען אין זיינע אויערן. — געשטאָרבן!...

די קאָרטן זענען אים ארויסגעפאַלן פון דער האַנט. ער האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טון, איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. די שטילקייט איז געהאָנגען איבער אים אַ געדיכטע, אַ דראָענ־דיקע. ער האָט געוואָלט אויפשרייען, זיך אָפּרייסן פון אָרט. אָבער זיין קעל איז געווען איינגעקוועטשט ווי מיט אַ צוואַנג, און דער גאַנצער גוף ווי אָנגעגאָסן מיט קאַלט בליי.

— געשטאָרבן... — האָט ער שטום, מיטן אָטעם בלויז אַ זאָג־געטון, און זיין קאָפּ איז ווי אַן אונטערגעהאַקטער קלאָץ אַראָפּגעפאַלן צו דער ברוסט.

# אויף דער עלטער

— שלמה־זלמן, טון־אָן דאָס שבתדיקע שניפּסל, ס'זיידענע, איך בעט דיך!

— כ'לעבן, וואָלסט דיר געמעגט אונטערשערן אַביסל די באָרד, שלמה־זלמן!

— אין די־אָ שיך גייסטו צו די קינדער, שלמה־זלמן? האָסט דאָך שטיין אַ פּאָר נייע, געמזענע שיך!...

— שלמה־זלמן!...

— אוי, שלמה־זלמן!

שלמה זלמן דרייט לאַנגזאַם אוועק דעם קאָפּ פון שפּיגל, פאַר וועלכן ער שטייט און מאָרדעוועט זיך מיטן הויכן, שטייף געפּרעסטן קאָלנער, קוילערט ארוים אויפן ווייב זיינע בולטע אייגן, וואָס זיצן צווישן שלאַבעריקע, צעקנייטשטע קישעלעך הויט, און מיט אַן אָנגעצויגענער געלאַסנקייט, וואָס אָט־אָט פּלאַצט זי, ציילט ער לאַנגזאַם ארוים די ווערטער:

— באַשע, זאָל שוין זיין גענוג!...

— כ'האָב אים שוין אָנגערירט דעם „האָנאָר”, דעם פּריץ מיינעם! — פאַרלייגט באַשע די הענט אויפן בוזים, און דער קאָפּ צעשאָקלט זיך ביי איר ווי אויף אַ שפּרינגפעדער. — פון מיינעטוועגן קאָנסטו ארויסגיין אין די גאַטקעס, מיין דאגה! פאַרשווארץ די קינדער ס'פּנים, פאַרוואָס נישט?... זיי טוען דאָך דיר גרויסע עוולות!

שלמה־זלמן ציט טיף איין די ליפּן, אזוי אַז די האָר פון זיי־נע וואָנסעס בערשטלען זיך ביין אויף. ער האַלט איין דעם כעס מיט אַלע כוחות. די ווערטער זיפּן זיך ארוים צווישן זיינע איינ־געצויגענע ליפּן מיט אַ פּייפף.

— זאָל איך מיך אפשר אויפן קאָפּ שטעלן? אַ קלייניקייט — די קינדער!...

— זאָלן זיך מיינע שונאים שטעלן אויפן קאָפּ, טאַטע זיי־כער! — גיט באַשע פּרום אַ דריי מיט די אויגן. זי פאַרלייגט דעם קאָפּ אויפן אַקסל און מעסט־אָפּ דעם מאַן מיט אַ פאַרוואורף אין בליק. — וואָס האָסטו צו די קינדער? ביי לייטן בענטשט מען זיך מיט אַזעלכע קינדער. דער באָבעס ירושה האָסטו ד׳ערלייגט צו זיי, הא, שלמה־זלמן?

— די קינדער... די קינדער!... — דרייט זיך שוין שלמה־זלמן איינגאַנצן אוים צום ווייב אַ צעקאָכטער, און די הויט־קי־שעלעך ארום זיינע אויגן ווערן רויט און ציטערן. — ווער דאַרף זייערע טובות? איך קאָן מיר מיין שטעטל אליין באַשטיין! איך וועל גיין פאַרדינען! איך וועל מיר זוכן אַ „דזשאָב״! מוחל טובות!...

— וואָס רעדסטו, שלמה־זלמן? גאָט איז מיט דיר!... — ציט זיך ביי באַשען דערשראָקן אוים דאָס פּנים, און אירע אויגן נעמען מהומהדיק פינטלען.

— דו ביזט אין אלעם שולדיק, דו! — הויבט שלמה־זלמן העכער אויף דאָס קול. — דיין קאָפּ איז עס געווען צו קומען אַהער צו די קינדער! צו בעטלער־ברויט האָסטו מיך דערפירט, פאַר אַ שנאָרער מיך גמאַכט ביי די אייגענע קינדער!...

— שלמה־זלמנשי, הער־אויף, איך בעט דיך!... הויבט באַשע אָן וויינען און שטעלט הכנעהדיק אַ טריט פאָראויס צום מאַן צו.

ער שפּרינגט־אָפּ, רייסט מיט רציחה אַראָפּ פון האַלז דעם שטייפן קאָלנער און נעמט לויפן איבער דער שטוב מיט אַ צע־פלאַטערטער באָרד.

— היינט מוז עס נעמען אַ סוף! — שרייט ער לויפנדיק איבער דער שטוב. — איך גיי נישט מער צו די קינדער, אוים! איך וועל אָנהויבן אליין פאַ־דינען! איך וועל צוריקפאָרן אַהיים! אַהיים וועל איך פאָרן. דו קאָנסט דיר בלייבן דאָ מיט די קינ־דערלעך דיינע און שנאָרען ביי זיי אויף פּרנסה, איך נישט!

באַשע לויפט אים נאָך איבער דער שטוב מיט קליינע, דער־

שראָקענע טריטעלעך און מיט אויסגעשטרעקטע הענט און וויינט מיט אַ פאַרסאַפּעטן אָטעם:

— שלמה־זלמנשי!... שלמה־זלמנשי!...

און אַזוי־אָ יעדן דאָנערשטיק אינדערפרי. וואָרום דאָנערשטיק איז דער טאָג, ווען שלמה־זלמן גייט צו די קינדער אויפמאַנען די וועכנטליכע „ווײַדזשעס". אוי, איז דאָס אַן אָפּקומעניש פאַר אים, די „ווײַדזשעס"... טאַקע אייגענע קינדער, און דערצו גוטע קינדער, דאָס מוז ער, שלמה־זלמן, מודה־זיין. זיי האָבן דאָ, אין דער נייער מדינה נישט פאַרגעסן ווי אַנדערע אָן טאַטע־מאַמע אין דער אַלטער היים. געשיקט שיפס־קאַרטן, צוגעגרייט אַ באַלעבאַטישע דירה מיט שיינע מעבל, אַלץ שפּאָגלניי מיטן גלאַנץ און מחיהדיקן ריח פון פרישער פּאָליטור. אויך מכוח פרנסה האָבן זיי געזען, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן נישט דאַרפן זאָרגן. זיי האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך צו צאָלן די עלטערן וואָכן־געלט, אַזויפיל און אַזויפיל יעדער איינער. דייוו. דער עלטערער זון, אַ הויך־געוואַקסענער מיט אַ פול, גלאַטיק־אויסראַזירט פנים און מיט אַ פאָר שוואַרצע אויגן ווי פלוימען איז שמאַנט, איז אָפּט געקומען אין זיין טונקל־בלויען, שנאָרכעדיקן „קרייזלער" צו די עלטערן צו־גאַסט. ער איז שטענדיק געווען פאַרטראָגן, זיך כסדר ערגעץ־ווו געיאָגט, און גערעדט האָט ער ויך, געכאַפּט די ווערטער, ווי זיי וואָלטן אים געבריט. ער פלעגט אַ גלעט־טון מיט זיין גרויסער, שמאַלציק־ווייסער האַנט דער מאַמעס גערונצלט פנים, פאַרטראָגן אַ בליק־טון מיט די פלוימען־אויגן אויפן טאַטן, און איידער וואָס־ווען האָט ער זיך שוין ווייטער געיאָגט אין זיין „קרייזלער". ער האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן איבערצולאָזן דאָס וואָכן־געלט, וואָס ער האָט שטילערהייט אַוועקגעלייגט אויף דער קאָמאָדע אָפּטמאָל מיט אַ היבשן צולאָג. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברייטער האַנט.

דער יונגערער, הערי, איז געקומען זעלטענער אַביסל, דערפאַר אָבער איז ער אָפּגעזעסן ביי די עלטערן שעהן־לאַנג, היימישלעך מיטגעהאַלטן אַ מאָלצייט און זיך פאַסמאַקעוועט מיט די מאכלים.

— אַ היימיש ביסל געקעכץ, אַ מחיה!...

ער איז געווען שטאַרק ענליך צו דייוון, נאָר נידעריקער אַביסל, מיט אַ פול בייכל, וואָס האָט קיילעכדיק אַרויסגע־שפּאַרט פון דער וועסט, און מיט אַ פליישיקער, שטאַרק־באַ־וועגליכער נאָז, וואָס האָט כסדר געהאַלטן אין איין שנאַפּן אַרום זיך. נאָכן אָפּעסן די היימישע מאכלים, פלעגט ער זאָט אָפּ־קרעכצן, פאַררויכערן אַ פעטן ציגאַר און זיך נחתדיק אַרומקוקן איבער דער שטוב.

— אַ וואָזשנע דירה... אַטור, ביי די גרעסטע גבירים אינדערהיים...

די טאָכטער, העלען, איז געווען אַ גאָר זעלטענער גאַסט ביי טאַטע־מאַמע. זי איז געווען אַ גרויסע נגידיתטע, אָבער מיטן מאַן אירן, פיליפּן, האָט זי געהאַט אַ בייז לעבן. פיליפּ האָט ליב געהאַט אַביסל אונטערצולעבן, געהולטאַיעוועט אין קאַבאַרעטן, געפירט לינקע ליבעס און פאַרביטערט העלענען די יאָרן. זי האָט נעבעך געהאַט מיט זיך צו טון און נישט געקאָנט אָפּהיטן די עלטערן, ווי עס געהער צו זיין. ווען זי פלעגט קומען, איז זי געווען צעטראָגן, מיט אַן אויסגעצויגן פּנים, ווי זי וואָלט געהאַט אַ שלוקערץ. זי האָט גערעדט מיט אַ שטיל, געמאַטערט קול, זיך געהאַלטן אין איין ווישן דעם שפּיץ נאָז מיט אַ שטאַרק־פּערפוּ־מירט, זיידן טיכעלע און נאָר זיך אויסגעפּרעגט וועגן דער מומע הנהלע, דעם טאַטנס שוועסטער, וואָס דער מאַן איז פון איר אַוועק און איבערגעלאָזט אַן עגונה מיט זעקס קינדער, איינס קלענער פאַרן צווייטן.

— און מען ווייסט נישט ווו ער איז אַהינגעקומען, דער „לאופער"? — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ און רחמנותדיק געצויגן די ליפּן.

— ווי אין וואַסער אַריין... — האָט שלמה־זלמן אָפּגע־זיפצט. — קאָנסט דיר פאָרשטעלן איר לאַגע, נעבעך... הונגערט מיט די פּיצעלעך קינדער...

— יעס, יעס... איך שטעל מיר פאָר... — האָט זי שטאַרק געווישט די נאָז מיטן זיידענעם טיכעלע, לאַנג געגישטערט אין

איר האַנט-בייטל און צוגעשאַרט צום טאַטן אַ פּאָר געלט-פּאַפּירלעך מיט אַ שטיל זיפּצעלע:

— ווּעסט איר דאָס שיקן... שרייב איר, אַז פון מיר...

אַזוי איז צוגעגאַנגען אין די ערשטע צייטן, ווען שלמה-זלמן מיטן ווייב זענען געקומען צו פאָרן. שפּעטער אַריין, ווען די ערשטע פרייד מיט טאַטע-מאַמע האָט זיך אַביסל אָפּגעקילט, זענען די קינדער וואָס אַמאָל זעלטענער געקומען צו-גאַסט און אָנגעהויבן ווערן אַביסל נאַכלעסיק מיטן וואָכן-געלט. צוערשט העלען, פאַרשטייט זיך, און דערנאָך דייוו און העררי. זיי זענען שטאַרק פאַרנומענע מענטשן, פירן גרויסע ביזנעס און האָבן רעכט נישט קיין צייט פאַר אייגענע ווייב און קינדער. מילא, דאָט עס זיך איינציקוויז צוגעפירט אַזוי, אַז שלמה-זלמן האָט לסוף געמוזט אַליין זיך מטריח זיין און גיין צו זיי יעדע וואָך אויפמאָנען די „ווייזשעס”.

ער האָט צוליב דעם געטראָגן אַ טיפן פאַרדראָס אויף די קינדער. עס איז אים אויסגעקומען, ווי ער וואָלט די האַנט זיינע אויסגעשטרעקט נאָך אַ מתנת-יד. צווישן אים און זיי האָט זיך געשטעלט אַ פרעמדקייט, און ער האָט זיי נישט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין.

באַשע אָבער, אַ יידענע, וואָס פאַרשטייט זי, מ'שטיינס געזאָגט... ביי איר איז דאָס גיין זיינס נאָך די „ווייזשעס” געווען אַ גאַנצער יום-טוב. ער גייט דאָך עפּעס צו די קינדער, איין קלייניקייט! יעדן דאָנערשטיק האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָגס און זיך געפּאָרעט אַרום זיינע מלבושים, געוואַשן, געפּוצט, געפּרעסט, ווי ער וואָלט דאַרפן גיין אויף אַ חתונה. זי איז נישט אָפּגעטרעטן פון אים אויף אַ רגע בעת זיין אָנטון זיך, געשמאַיעט אַרום אים, אַכטונג געגעבן אויף יעדער קלייניקייט, ער זאָל זיך, חלילה, נישט באַווייזן מיט עפּעס אַ פּגימהלע אין דער הלבשה, און נישט אויפגעהערט אַריינצומענה'ן אין אים:

— וועסט דאָך בלייבן פאַרשעמט ביי די קינדער, שלמה-זלמן!...

דאָס האָט אים אונטערגעהויבן. ווינציק וואָס ער מוז זיך דערנידעריקן פאַר די קינדער, אָנקומען צו זייער טובה, זאָל ער

זיך נאָך דאַרפֿן פּוצן פּאַר זיי, מאַכן אָנשטעלן?... און עס איז זעלטן אַדורך אַ דאָנערשטיק, ער זאָל זיך נישט צעקריגן מיט באַשען. זיין גאַנץ ביטער האַרץ פֿלעגט ער אויסלאָזן צו איר. דער סוף אָבער איז שטענדיק געווען דערזעלבער. זי פֿלעגט אים אַלעמאָל איינגעמען מיט איר בעטן און וויינען און אַלץ ביי אים אויספּועלן: דאָס זיידענע שניפּסל, די נייע, געמזענע שיך, ד'עם שטייפֿסטן און העכסטן קאָלנער. אַפֿילו די באָרד פֿלעגט ער יעדעס מאָל אונטערשערן, וויפֿל זי האָט פֿאַרלאַנגט.

אַ יום־טובדיק אויסגעפּוצטער און אַביסל אָן אָנגעברוגז־טער לאָזט זיך שלמה־זלמן ענדליך אין וועג אַריין. באַשע באַ־גלייט אים צו דער טיר אַ שיינענדיקע, מיט בוימלדיק־צעגלאַנצ־טע אויגן און מיט רויטע פֿלעקן אויף די קינבאַקן. דאָס גווידערל ביי איר לייגט זיך אין ווייכע, מאַמעדיקע פֿעלדלעך, און מיט אַ צוגעקוועטשט, חניפֿהדיק שמייכעלע גיט זי אים אַ פֿרעג:

— די ברילן, שלמה־זלמן, האָסטו מיטגענומען?

ער גיט זייטיק אַ קוק אויף איר. נאָך די ברילן פֿעלן אים... באשר בכן די קינדער זאָגן, אַז ער זעט אויס אין זיי אַריסטאָקראַ־טיש, כמעט ווי אַ ראַביי, און זי, באַשע, דאַרף דאָך נישט מער!... ד'ערגייט זי אים די יאָרן יעדעס מאָל, ווען ער דאַרף גיין צו די קינדער:

— וואָס אַרן דיך די ברילן, שלמה־זלמן? עלעהיי די קינדער האָבן הנאה.

— זאָל איך מיר אפשר אָנהענגען אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז? — בייזערט ער זיך אין דער נאָז אַריין און לאָזט זיך מיט אָנגעברוגזטע טריט אַוועק.

אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג, גיט ער פֿונדעסטוועגן אַ טאַפּ אין דער וועסטל־טאַש, צי ער האָט ביי זיך די ברילן, זיפֿצט־אָפּ און שפּאַנט ווייטער מיט שווערע, נישט־ניחאדיקע טריט.

ער דרייט זיך אַ צייט אַרום איבער די גאַסן. עס איז אַ המימהדיקער טאָג, און די לופֿט אָטעמט אין פּנים אַריין מיט אַ שווערער, פֿייכטער היץ. די קליינע, איינשטאָקיקע הייזלעך, אויס־געשטעלט איינס האַרט ביים צווייטן אין אַ גלייכער שורה, ווי שאַכטלען אויף אַ פּאָליצע, שטייען איינגעטוליעט אין דעם

ביסעלע איינגעם שאָטן. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. ס'איז שטיל ווי אַלץ וואָלט אויסגעשטאָרבן. דער אספאַלט אויף די טראָטואַרן שמעלצט זיך, שוויצט מיט שוואַרצע, גלאַנציקע בלאָפּנס און קלעפּט זיך צו די שיך. שלמה־זלמן שלעפּט שווער די פיס. די זון בריט אים אין די אויגן, און ער האַלט זיי האַלב־פאַרמאַכט. די גלייכע שורה הייזלעך מיט די רויטע, בלעכערנע דעכער ציט זיך און ציט זיך. שלמה־זלמן קוקט דורך די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אין דער ווייטקייט אַריין און ווינטשט זיך, זי זאָל זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. ער האַלט אין איין איבערלייגן זיך, צו וועמען פריער צו גיין: צו העלענען, אָדער צו די זין, דייוון און הערבין. מילא, העלען וועט אים נישט אַנטלויפן, ביז ביטאָג איז זי שטענדיק אינדערהיים. די זין אָבער דאַרף מען אָפּהיטן. זיי זענען פאַרנומענע מענטשן, און מען דאַרף זיי טרעפן אין דער ריכטיקער צייט. פון דייוון איז דאָך אָפּגערעדט. צו זיינע גרויסע ביזנעס איז ער נאָך אַ כלל־טוער, כסדר פאַר־יאָגט מיט קהלשע עסקים, דער אָפּים ביי אים איז שטענדיק פול מיט מענטשן, איינער אריין, דער צווייטער אַרויס, און אים, שלמה־זלמנען, קומט־אויס צו וואַרטן שעהנווייז, ביז יענער קאָן זיך אָפּרייסן אויף אַ פּאָר מינוט פאַר זיינעטוועגן. דערצו נאָך האָט ער אַ טבע כסדר צו פאַרגעסן, וויפל עס באַטרעפט זיין חלק צום טאַטנס „ווייִדזשעס”.

— הייטס עס, וויפל דאַרף איך דיר געבן, טאַטע?

— ס'הייסט וויפל? דרייסיק שילינג, ווי שטענדיק.

— טהערטי שילינגס? יו דאָנט סעי... — הויבט דייוו מיטאַמאָל אָן רעדן אויף ענגליש, אַרויסנעמענדיק פון דער טאַש אַ זשמעניע קליינגעלט.

אָפּגעפּטרט דעם טאַטן מיט די „ווייִדזשעס”, און שוין איז ער נישט זיין מענטש. די ביזנעס יאָגן, נישטאָ קיין צייט, און ער געזעגנט זיך כאַפּעדיק אָפּ מיטן טאַטן:

— אַ גרוס דער מאַמען. גוד־באַי...

מיט הערבין איז נאָך ערגער. ער דוקא נעמט זיך גיכער צייט צו רעדן אַ וואָרט מיטן טאַטן. דערפאַר האָט ער אַ שווערע האַנט, און נישט אַזוי לייכט איז פון אים אַרויסצוקריגן די פּאָר

שילינג. דאָס בלוט ווערט ביי שלמה־זלמנען געגוג פאַרצאַפּט, ביז ער פאַרטיקט זיך אָפּ ביי אים מיט די „ווײדזשעס״.

דאָך באַשליסט ער צוערשט צו גיין צו הערריז. יענער וווינט ווייט אוועק, און ביז ער קומט אַהין צו אים, האָט ער דערווייל צייט זיך צוצוגרייטן מיטן געדאַנק צו דעם אָפּקומעניש פון אויפמאָנען די „ווײדזשעס״.

הערריז נעמט אויף דעם פּאָטער מיט אַ גדולה. ער פירט אים אַריין צו זיך אין קאַבינעט, זעצט אים אוועק אויף אַ ד׳רחבהדיקן פּאָטעל, פרעגט זיך לאַנג אויס אויף דער מאַמען, וויל וויסן, צי ער קריגט עפּעס ברייוו פון משפּחה אינדערהיים, און וואָס עס הערט זיך דאָרט ביי זיי. אָבער וועגן געלט דערמאָנט ער נישט. שלמה־זלמן זיצט אין פאַרלעגנהייט. עס האָט דאָך נישט קיין פּנים אין מיטן שמועס אַריינצופּאָרן מיט זיינע „ווײדזשעס״, און די צייט דערווייל לויפט. הערריז הויבט ביסלעכווייז אָן ווערן אומרואיק, כאַפּט אַ קוק אויפן זייגער, די פּליישיקע נאָז נעמט אומגעדולדיק שנאַפּן אַרום זיך און ער שאַרט נערוועז מיטן פוס די שטול אונטער זיך. שלמה־זלמנען ווערט וואָס אַמאָל ענגער. ער זעט, הערריז יאָגט זיך, די הויט ברענט אויף אים, אָט כאַפּט ער זיך אויף און אַנטלויפט, און אים, שלמה־זלמנען, קאָן גאָר אויסקומען אוועקצוגיין אָן „ווײדזשעס״, ווי עס האָט שוין אַ פּאָר מאָל געטראָפן. ער טוט זיך אָן אַ כוח און מיט אַ רויט־פאַרשעמט פּנים שטאַמלט ער אַרויס:

— הערריז, היינט איז דאָנערשטיק...

— אזוי, דאָנערשטיק? ווי די טעג לויפן... שוין דאָנערשטיק.

— נו יאָ, דאָנערשטיק. ווייסט דאָך, הערריז, מען דאַרף גרייטן אויף שבת...

— המ... המ... — ווערט הערריז מיטאַמאָל שטאַרק פאַרטראַכט. ער פאַרגעסט צו קוקן אויפן זייגער און שווייגט אָפּ אַ פאַרזאָרגטער אַ שפּאָר ביסל צייט. ער שלעפּט פּאַמעלעך אַרויס פון דער בוזים־טאַש דעם טייסטער, זיפצט שווער אָפּ און

ציילט־ארוים דריי פריש ־ קנאַקעדיקע, צען־שילינגדיקע פּאַפּירלעך.

— ערשט היינט פון באַנק אַרויסגענומען... אוי געלט, געלט, נישט געדאַכט זאָל עס זיין!... — דערלאַנגט עס דעם באַטער דאָס געלט און שאָקלט דערביי אומעטיק צו מיטן קאָפּ.

שלמה־זלמן אָטעמט־אָפּ מיט פאַרלייכטערונג: אָפּגעפּטרט, ברוך השם, איין בעל־דבר... מיט גיכע, אויפגעמונטערטע טריט לאָזט ער זיך אין וועג אריין צו דייוון. ער נעמט אַרוים פון דער וועסטל־טאַש די ברילן, שטעקט זיי אַרויף אויף דער נאָז און דערפילט זיך עפּעס חשובדיקער ביי זיך אליין. ער מאַכט זיך אַ סדר, וויאַזוי זיך אויסצוטענהן מיט דייוון. זאָל ער נאָר, דייוו, פּרובירן זיך היינט מאַכן פאַרגעסן, וויפל עס באַטרעפן די „ווייזדזשעס"...

— ווען וועמען ווילסטו עס מאַכן פאַר אַ נאַר, דייוו? — אַזוי וועט ער אים זאָגן. — מיינסט, איך קאָן מיך נישט אויף אַזעלכע שטיק? ביסט דאָך עפּעס אַ כלל־טוער, פאַרזאָרגסט אַ וועלט, דאַרפסטו וויסן ווי אָפּצושוינען אַ טאַטנס כבוד, און נישט צאַפּן ביי אים דאָס בלוט!...

די דאָזיקע געדאַנקען גיבן אים צו קוראַזש. ער ווערט פעסטער ביי זיך און אַ האַפערדיקער קומט ער צו דייוון אין די ביזנעס. ער וויל, ווי דער שטייגער, גלייך אַריינגיין צו אים אין אָפּיס, אָבער עס קומט אים אַנטקעגן איינער פון די אָנגעשטעלטע און דערלאַנגט אים אַ פאַרקלעפּטן קאָנווערט.

— דער באָסס איז זייער באַשעפטיקט. ער האָט אייך געהייסן דאָס איבערגעבן. עס איז געלט — זאָגט ער אים אויף ענגליש מיט אַ וויכטיק פּנים און פאַרשטעלט פאַר אים מיט דער האַנט די טיר.

שלמה־זלמן איז אַרוים אין גאַס אַ צעררודערטער. אויף אַזאַ פּסק האָט ער זיך נישט גערעכנט. פאַר אויפרעגונג האָבן זיך די ברילן ביי אים אַראָפּגעגליטשט פון דער נאָז און זיך פאַרלוירן געבאָמבלט אויפן שנירעלע. ער האָט געדרייט דעם קאָנווערט צווישן די שפּיצן פינגער און געהאַט אויפן האַרצן אַן איבלעניש, ווי ער וואָלט זיך אָנגעגעסן מיט טרפות.

— מנע, זאָל אזוי זיין צום גוטן, אַ דאגה מיר! — האָט ער זיך געטרייסט אין געדאַנק. — אַבי אָפּגעפּטרט אָן טענות...

ער האָט זיך געלאָזט גיין צו העלענען. וואָס אָן אמת, האָט ער נאָך אַזאַ אָפּשניט ביי דייוון נישט געהאַט דערצו קיין איבריקן חשק. ווער ווייסט ווי ער וועט היינט ביי איר אָפּשניידן... אַז שטענדיק טרעפט ער זי אַ פאַריאָמערטע, מיט אַ חושכדיק פּנים, לאָזט צו זיך קיין וואָרט נישט רעדן. איר פּיליפּ דערגייט איר שוין איינמאָל די יאָרן מיט זיינע הולטייסקע שטיק. שלמה־זלמן איז דאָך אַ טאַטע, ווייסט ער איר שווער געמיט, נעבעך, און האָט עפּעס קיינמאָל נישט קיין האַרץ צו רעדן מיט איר וועגן די „ווײדזשעס”. דערמאָנט זי זיך אליין דערוועגן, איז מהיכא־תיתי. און אַז נישט איז טאַקע פאַרפאַלן, און מער ווי איין מאָל גייט ער אַוועק פון איר מיט גאָרנישט.

לעולם, קאָן ער אַדורכשטופּן די וואָך מיטן געלט, וואָס ער האָט באַקומען פון העררין און דייוון, און יוצא זיין אָן העלענס פּאָר שילינג. עס שטייט אים נישט היינט דאָס געמיט צו אירע צרות. האַלט אָבער חנה׳לע אין איין פאַרוואַרפן אים מיט בריוו, ער זאָל אָן איר, למען השם, נישט פאַרגעסן אין איר גרויסער נויט. צו וועמען זאָל זי זיך ווענדן נאָך הילף, אַז נישט צו איר ברודער אין דער גאָלדענער מדינה? נו יאָ, מ׳שטיינס־געזאָגט... ווייסט זי דען מיט וויפל האַרצווייטיק און פאַרדראָס עס קומט אים אָן יעטוועדער פונט, וואָס ער דאַרף מיט גוואַלט אַרויסקריגן פון די קינדער... און צוריקגעשמועסט, אַז זי זאָל יאָ וויסן, האָט זי דען אַן אַנדערע ברירה? זי וועט דאָך נישט לאָזן אויסגיין די פּיצעלעך קינדער אירע פון הונגער!...

אַ דאגה האָט ער! ער מוז היינט אַרויסקריגן פון העלענען עפּעס געלט און עס שיקן דער שוועסטער. ער וועט נישט וואַרטן אויף כבוד, ביז העלען אַליין וועט זיך דערמאָנען וועגן די „ווײדזשעס”. פאַר וועמען האָט ער זיך צו שעמען? זי ווייסט דאָך, צו וואָס ער קומט צו איר יעדן דאָנערשטיק. אויף דער עלטער וועט ער זיך גאָר אָנהויבן שפּילן אין כבוד, מנע! חנה׳לע איז אים בילכער פאַר זיין כבוד...

אַריינקומענדיק אָבער צו העלענען, איז אים דער קוראַזש

גלייך אָפּגעפּאַלן. די גרויסאַרטיקע שטובן זענען געווען פֿאַר־זינקען אין אַ טיפֿער שטילקייט, ווי ארומגעבעט מיט וואַטע. העלען האָט זיך ארומגעדרייט מיט ניכע, פֿויגלשע טריט. זי איז געווען עפּעס גאָר שטאַרק צעטראָגן. דאָס פּנים אירס איז געווען אָנגעשפּיצט ווי נאָך אַ תּענית. אירע אויגן האָבן געבלינצלט מיט אַן איינגעהאַלטן געוויין, און זי האָט זיך שטאַרק געווישט די נאָז מיטן פּערפֿומירטן טיכעלע.

— זי וועט היינט נישט געבן. — איז שלמה־זלמנען אַדורכגעלאָפֿן אין געדאַנק.

אַ צייט האָבן זיי נישט אויסגערעדט אַ וואָרט. העלען האָט נימן בליק כסדר אויסגעמיטן דעם פֿאָטער און איר אָנגעשפּיצט פּנים איז געווען פֿול מיט אומרו. שלמה־זלמן האָט אָנגע־שטרענגט געשוויגן, בלאָנדזשענדיק מיט די אויגן איבער דער שטילער שטוב. ער האָט עטליכע מאָל אַ מאַך געטאָן מיט די ליפּן, ווי קלייבנדיק זיך עפּעס צו זאָגן, און לסוף מיט אַ צוגע־דושעט, שווער קול זייטיק זיך אָנגערופֿן:

— אַ גרוס פֿון דער מומע חנהלע. כ'האָב פֿון איר אַ בריוו.

— אַזוי, פֿון דער מומע חנהלע? — האָט העלען נאָכלעסיק צוגעוואָרפֿן. — וואָס מאַכט זי?

— קאָנסט דיר שוין אויסמאָלן, וואָס זי מאַכט, אַן עגונה מיט פּיצעלעך קינדער, נעבעך!... — האָט שלמה־זלמן טרויעריק אָפּגעזיפֿצט, אָבער זיינע אויגן האָבן אויפֿגעגלאַנצט מיט דערוואַרטונג:

— זי וועט אפשר געבן...

ער האָט זיך ברייט צעשפּאַרט אויף דער שטול, אַ וויש־געטאָן מיט דער האַנט די באָרד, און מיט וויכטיקייט ארויפֿגעזעצט די ברילן אויף דער נאָז.

— מעגסט הערן איר בריוו, העלען. אַ שטיין קאָן ער רירן.

— יעדער האָט זיך זיין פּעקל צרות, גלויב מיר, טאַטע! — האָט העלען אומגעדולדיק איבערגעהאַקט, און איר פּנים האָט זיך שפּיציקער צונויפֿגעצויגן.

— אַ נעכטיקער טאָג, זי וועט נישט געבן! — ווערט שלמה־זלמען ווידער ביי זיך געפֿאַלן. אינגאַנצן אָבער איז ער זיך

בישט מיאוס, און ער נעמט ארויס פון טאש חנהלעס בריוו.

— פונדעסטוועגן מעגסטו הערן, וואס די מומע שרייבט. זי גייט פשוט אויס פאר הונגער מיט די קינדערלעך אירע.

— כ'וויים, כ'ווייס...

זי ווערט שטיל, פארטראכט זיך, גייט לאנגזאם צו צו דער קאמאדע און נעמט ארויס פון שופלאד איר האנט־בייטל.

— זי גיט געלט, זי גיט! — הויבן אזש די ברילן אן צו פינקלען ביי שלמה־זלמנען. ער האלט־איין דעם אטעם און פאלגט־נאך מיט א פלאטער אין הארץ העלענס יעטוועדער באוועגונג. זי זעצט זיך צו צום טיש, נעמט ארויס פון בייטל א בריוו אין א שמעקעדיקן, ראזע קאנווערט און דערלאנגט אים שלמה־זלמנען.

— נעם טאטע, און לייען בעסער דאס בריוול. מיין פיליפ הויבט שוין אן קריגן ליבעס־בריוו אין שטוב אריין.

זי פארבייסט די ליפן, און דאס פנים קרימט זיך ביי איר איינגאנצן אויס. די אויגן רייסן זיך ברייט פונאנדער, זי אטעמט האסטיק, די גאמבע גיט ביי איר א ציטער איין מאל, צוויי מאל, און מיטאמאל פאלט זי צו מיטן פנים צום טיש און ברעכט־אויס אין א געוויין.

— העלען, העלען! וואס איז דיר? — ווערט שלמה־זלמן איינגאנצן צעטומלט און נעמט פארלוירן טאפן ארום זיך די ליפט מיט די פינגער.

— איך בין אזוי אומגליקליך, טאטע!... איך קאן שוין מער ניט אויסשטיין פון פיליפן. דאס לעבן איז מיר מיאוס! — שליבצט העלען און טיש אריין מיט א קול, וואס איז, דאכט זיך, איינגאנצן נאס און טריפט מיט וויינענדיקן גאוועך.

— נו, שא, טאכטער, קינד מיינס! — לייגט שלמה־זלמן ארויף זיין האנט אויף איר קאפ און גלעט אירע האר מיט טאטערליכער רחמנותדיקייט. אין דער צווייטער האנט נעמט ער פארזארגט אריין די בארד, און אין זיין מוח הערט נישט אויף צו פיקן:

— א נעכטיקער טאג, זי וועט נישט געבן! א נעכטיקער טאג!...

# דער לעצטער מנין

.1

רעוורענד פעלדמאַן, דער שמש פון דער שול „נצח ישראל", האָט געהאַט פאַרן ראַביי קאָהען שלעכטע נייעס: דער מנין, וואָס איז געווען אָנגעדונגען אין דער שול, האָט געפאָדערט אַ הוספה, און ווי נאָך געפאָדערט — חוצפהדיק, מיט תקיפות. זיי שטעלן זיך נישט דאַווענען, אַזוי האָבן די יידן פון מנין געהייסן איבערגעבן דעם ראַביי, אויב מען וועט זיי נישט דערלייגן צו די שכירות כך וכך, קיין פּעני נישט ווייניקער. און נאָך האָבן זיי פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיך אינדערפרי שטעלן דאַווענען מיט אַ שעה שפּעטער. זיי זענען אַלטע לייט און ס'איז זיי שווער ווינטערצייט, אין די קרירות, אויפצוכאַפּן זיך יעדן מאָג אזוי פרי און צו יאָגן זיך אין שול אריין.

דער ראַביי האָט אויסגעהערט דעם שמש און נישט אָנגערופן זיך אַ וואָרט. ער איז געזעסן אַ שווייגנדיקער ביים שרייבטיש אין דער קאַלטער, הויך-געוועלבטער שול-קאַנצע־לאַריע איינגעוויקלט ביז צו דער גאָמבע אין זיין ברייטן, שוואַרצן מאַנטל און מיטן פלאַטשיקן, ראַבייאישן צילינדער נידעריק אַראָפּגערוקט איבערן שטערן. אינדרויסן איז געווען אַ קאַלטער, רעגנדיקער טאָג. די קאָלירטע שייבלעך פון דעם הויכן, קייַלעכדיקן שול-פענצטער האָבן אויסגעזען ווי געוואַשן פון די רעגן־טראָפּנס, וואָס האָבן זיך איבער זיי געגליטשט אין קרומע זיגזאַגן, און דאָס ליכט, פאַרווישט און אדורכגענומען מיט פייכטקייט, האָט זיך טריב אָפּגעשלאָגן

אויפן ראַביים פּנים. ער האָט קרום אַריינגעשמייכלט אין זיך און אָן אויפהער געדרייט מיט זיין ציטערדיקער, דאַרער האַנט א שפּיץ פון זיינע ווייס־גרויע, גראָבע וואָנסעס.

דער שמש, אַ פאַרקנייטשטער ייד מיט אַ פאַרקאַלטנט בערדל ווי פון צעקראָכענער וואָל און אין אַ שוואַרצן, אָפּגעשאָסענעם קאַפּעלוש, וואָס איז מיטן גרוי־פאַרשטויבטן ראַנד אים געלעגן אויף די אָפּשטייענדיקע אויערן, איז געשטאַנען דורך־אַרצדיק אָפּגערוקט פון שרייב־טיש אַנטקעגן דעם ראַביי און פאַרלוירן געפינטלט מיט זיינע רויטליכע, פאַרטרערטע אויגן. לויטן ראַביים שווייגן און אַריינשמייכלען אין זיך האָט ער געזען, אַז ער וועט זיך שוין היינט מיט אים צו גאָרנישט דערדערן. פון יוצא וועגן, כדי איבערצורייסן די שווייגנדיקע אַנגעצויגנקייט, האָט ער עובר־בטלדיק, מיט אַ מאַט קול איינגעטענהט:

— נאָ יוז, ראַביי... דער מנין וועט נישט קומען דאַוונען.

דער ראַביי האָט אַ ריר־געטון מיט זיינע ברעמען, פּונקט אַזעלכע ווייסע און גראָבע ווי די וואָנסעס, און ווייטער געשוויגן. דער שמש האָט אומבאַהאָלפן פאַרצויגן די שלאָבערדיקע ליפּן, איבערגעטרעטן פון אַ פוס אויף אַ פוס און ווידער זיך גענומען צום זעלביקן:

— נאָ יוז, ראַביי... דער מנין וועט נישט קומען...

דער ראַביי האָט בייזער גענומען דרייען דעם שפּיץ וואָנסע און זיין פּנים האָט זיך אָנגעשטייפט.

— וועל, פעלדמאַן, ניכטס צו מאַכען!... — האָט ער סוף כל סוף זיך אָנגערופן. ער האָט מיטן שמש און בכלל מיט „פאָרעינער" יידן גערעדט אַ באַזונדער מין לשון, אַ געמיש פון ענגליש און דייטש. בלויז מיט חשובע באַלעבאַטים האָט ער זיך פאַרגונען צו רעדן ענגליש, אַ טיף־פאַרצויגענעם „אָקספאָרד" (ער איז געווען אַן אָקספאָרדער געענדיקטער), וואָס ער האָט געציקלט מיט פרומער אָפּגעהיטנקייט.

דער שמש האָט צעפּירט די הענט און הכנעהדיק פאַרבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט.

— אַלרייט, ראַביי... — האָט ער שיטער אָפּגעזיפצט און רחמנותדיק א שאָקל־געטון צו זיך מיטן קאָפּ.

עס איז ווידער געוואָרן שטיל. דער רעגן האָט הויל געקלאַפּערט אינדרויסן איבער די קאַלירטע פענצטער־שייבלעך, און דער ראַביי האָט זיך טיפער אריינגענורעט אין זיין מאַנטל. ער האָט געצויגן די ברעמען ארויף און אראָפּ און וויכטיק געדרייט מיטן קאָפּ:

— ניכטס צו מאַכען, פעלדמאַן...

דער שמש האָט פאַרלוירן געגומען גראַבלעז מיט די פינגער אין זיין צעקראָכן בערדל, און די שלאַבערדיקע ליפּן האָבן זיך ביי אים לויז צעעפנט ווי ביי א פיש.

— וואָס וועט זיין דער סוף? כ׳וויים, אָרימע יידן, אַלטע, קיין סך ווילן זיי נישט... — האָט ער געזאָגט מיט א זיפצעלע.

— אָך, גאָט! — איז דער ראַביי געוואָרן אומגעדולדיק.

— איך וויל פון גאָרנישט וויסן! דאָס איז דאָך ווי א סטרייק, א סטרייק ביי מיר אין שול! טערריבל!...

— וואָס קאָן מען טון? מיר דאַרפן זיי צו האָבן. די שול וועט דאָך נישט בלייבן אָן א מנין! — האָט דער שמש זיך ווידער געכאַפּט צו גראַבלען מיט די פינגער אין בערדל.

— ביי מיר וועט מען נישט סטרייקן! כ׳זאָל וויסן די שול צו פאַרמאַכן, דאטס אַלל!...

— פאַרמאַכן די שול?... — האָט זיךביים שמש דאָס פּנים צעשראָקן אויסגעצויגן און די אויגן זיך צעפּינטלט.

— יעס! — האָט דער ראַביי א קלאַפּ־געטון אין טיש. דאָס קול אָבער האָט זיך ביי אים אַביסל א וואַקל־געטון, און די אויגן האָבן געגומען קוקן אין א זייט, אויסמיידנדיק דעם שמש.

דער שמש האָט א רגע באַטראַכט דעם ראַביי, א הויב־געטון די אַקסלען, אריינגערוקט די האַנט אין די ארבל און זיך לאַנגזאַם געלאָזן גיין צו דער טיר.

דער ראַביי האָט פאַרלוירן געגומען רייבן זיין ברייטע, אָפּשטייענדיקע גאָמבע, אויף וועלכער די הויט האָט זיך געלייגט אין דינע, איידעלע קנייטשעלעך, און געוואָרפן א

מהומהדיקן בליק אויף דעם אוועקגייענדיקן שמש. דער שמש האָט גלייך אויפגעכאַפּט דעם בליק, ווי ער וואָלט נאָר געוואַרט דערויף, און געבליבן שטיין.

— המ... פעלדמאַן!... — האָט דער ראַביי מיט אַן אומזי־בערקייט אין קול אים צוריקגערופן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט, זיך אַדורכגעגאַנגען איבער דער שטוב אַהין און צוריק, געבליבן שטיין אַ ווייל און לסוף צוגעגאַנגען צום שמש און אָנגענומען אים פאַרן לאַץ.

— אפשר וועט זיך דאָך לאָזן עפּעס אויפטון מיטן מנין... כיר זענען דאָך יידן, דאַרף מען זען אַדורכקומען. פּרוווט צו רעדן מיט גוטן, גיט צו פאַרשטיין דעם מנין, אַז די שול איז היינט אָרים, האָט נישט קיין געלט... יו אַנדערסטענד, פעלדמאַן?... — האָט ער זיך אָנגעטון אַ כוח און גענומען רעדן אויף זיין אָקספאָרדער ענגליש, אַרויסווייזנדיק דערמיט אַ באַזונדערע צוגעלאָזנקייט און פאַרטרויען.

— סערטענלי, ראַביי, סערטענלי... — האָט דער שמש דערפרייט אונטערגעכאַפּט מיט אַ ווייך שמייכעלע.

— אָבער די שטונדען פאַן דאַוונען ווערדען ניכט געענדערט! פּינקטליכקייט איסט די הויפּטזאַכע! — איז דער ראַביי מיטאַמאָל געוואָרן צוריק שטרענג און ווידער גענומען רעדן אויף זיין דייטשמעריש לשון. ער האָט געשפּרייזט איבער דער קאַנצעלאַריע מיט ברייטע, אומגעדולדיקע טריט און נישט געקוקט אויפן שמש. ער האָט ברוגזדיק אים אויסגעמיטן מיטן בליק. דער שמש איז געשטאַנען און געוואַרט, און דאָס ווייכע שמייכעלע האָט זיך אַלץ נאָך געקנייטשט אַרום זיין צעקראָכן בערדל. ער האָט נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן דעם ראַביים טריט, געפּרוווט עטליכע מאָל הכנעהדיק אונטערצוהוסטן אויף אַן אָנצוהערעניש, אַז ער וויל נאָך עפּעס זאָגן. דער ראַביי אָבער האָט אַלץ געשפּרייזט אַהין און צוריק, נישט אומגעקוקט זיך אויף אים, און זיין פּנים איז געווען בייזליך אָנגעצויגן.

— געזאָגט צו אַ מענטש אַ גלייך וואָרט, קאָן ער זיך עס נישט שענקען, דער גרויסער פּריץ... — האָט דער שמש

אומעטיק אין זיך אַ זיפּיץ־געטון און מיט קליינע, שאַרנדיקע טריטעלעך אַרויסגעגאַנגען פון דער קאַנצעלאַריע.

ראַביי קאָהען איז געבליבן אַליין.

ער איז געווען אַ הויכער, ביינערדיקער זקן מיט אַ האַרט, קאַנטיק פּנים איבערגעצויגן מיט אַ דינער הויט, וואָס האָט אָנגעקעגן דער ווייסקייט פון די גראָבע ברעמען און וואָנסעס אָפּגעשלאָגן מיט אַ געלער בלייכקייט ווי פון אייער־שאָל. זיינע אויגן, וואַסערדיק־בלויע און טיף־אַריינגעזעצטע, האָבן געקוקט מיט אַ שאַרפן פויגלשן בליק. נאָכן שמשס אַוועקגיין האָט ער זיך ווייטער געדרייט איבער דער קאַנצעלאַריע אויף־און־אָפּ מיט געמאָסטענע, פאַרטראַכטע טריט. זיינע הויכע אַקסלען האָבן זיך אַלט און קילעכדיק געהויקערט. ער האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש אַן אַלטמאָדישן, שווערן כראָנאָמעטער מיט געדריידלטע מאָנאָגראַמען אויסגעקריצט אויף די דעקלעך, אַ קוק געטון אויף דער צייט און מיטאַמאָל האַסטיק געבליבן שטיין. עס איז שוין געווען שפּעט, אַרום אַ פערטל אויף צוועלף, און פון צען ביז צוועלף, לויט ווי עס איז געווען געמאָלדן אויפן מעשענעם, פאַרגרינטן שילדל אינדרויסן אויף דער קאַנצע־לאַריע־טיר, זענען געווען דעם ראַבייס אַמטליכע אויפנעם־שעהן.. ער האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ברייטן מאַנטל, אויסגעטון פּאָרזיכטיק, מיט די שפּיצן פינגער פוןביידע הענט דעם צילינדער און אַרויפגעזעצט אויפן שפּיץ קאָפּ אַ זיידן, פּירקאַנטיק יאַרמעלקעלע. ער איז צו צו דער ספרים־שאַנק, לאַנג און ישוב־הדעתדיק גענישטערט צווישן די ספרים און לסוף אַרויסגענומען אַ שווערע גמרא אין אַ ווייסן, לייוונטענעם איינבונד. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום שרייבטיש, געעפנט דעם ספר און אַוועקגעלייגט ביי דער זייט דעם אַלטן זייגער, וואָס האָט מיטאַמאָל צעוואָרפן איבער דער שטילער קאַנצע־לאַריע אַן אָפּגעהאַקטן, שווער־אָטעמדיקן טיק־טאַק.

אזוי האָט זיך ראַביי קאָהען געפירט טאָג נאָך טאָג שוין עטליכע־און־פערציק יאָר, פון ערשטן טאָג זינט ער איז געוואָרן ראַביי פון דער שול „נצח ישראל”. די אַמטליכע שעהן פון צען ביז צוועלף האָט ער געטריי אָפּגעהיטן מיט דער גרעסטער

פינקטליכקייט. יעדן טאָג נאָכן דאַוונען האָט ער זיך אַוועקגע־
זעצט צום שרייבטיש מיטן זייגער ביי דער זייט און געדולדיק
ביז צו דער מינוט אויסגעזעסן די צוויי שעה, כאָטש ער האָט
גוט געוווסט, אַז קיינער וועט נישט קומען. עס זענען שוין
אַריבער אַ סך יאָרן, זינט עמיץ אַ מענטש, סיידן דער רעווערענד
פעלדמאַן, זאָל זיך האָבן געוויזן אין דער קאַנצעלאַריע.

.2

אַמאָל אָבער איז געווען אַנדערש. ראַביי קאָהען איז נישט
געווען פון די מענטשן, וואָס האָבן אַ טבע זיך אַרומצוטראָגן
מיט דעם, וואָס איז געווען אַמאָל. פונדעסטוועגן פלעגט ער
ביילמאָל, זיצנדיק איינער אַליין אין דער שטילער קאַנצעלאַריע,
נאָכטראַכטן וועגן די לאַנג־פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען ער האָט
אַלס ערשט־געענדיקטער ראַביי מיט פריש־קנאַקעדיקע
דיפּלאָמען פון אָקספאָרד און פון ראַבינער־סעמינאַר אין טאַש,
אַדורכגעמאַכט די ווייטע נסיעה קיין אויסטראַליע. ער האָט
געדאַרפט איבערנעמען דעם אַמט אַלס ראַביי אין דער גאָלד־
שטאָט וואָטלהילל. קיין באַן איז נאָך דאַמאָלס נישט געגאַנגען
קיין וואָטלהילל, און די רייזע אַהין האָט ער געמוזט מאַכן אין
אַ פּאָסט־וואָגן. דער וועג איז געווען אַ שווערער, קוים אויס־
געטראָטן אין דעם ווילדן בוש צווישן שטעכיקע גראָזן און
עקאַליפּטן, קרום־צעוואַקסענע און פאַרדאַרטע, מיט בלעטער
ווי פון פאַרזשאַווערטן בלעך. דער טאָג איז געשטאַנען אַ
הייסער און אַ שטויביקער. דער הימל האָט אויסגעזען
אויסטערליש הויך און די בלויקייט זיינע איז געווען אַ רויכיקע
און אַ שיטערע, ווי אָפּגעשאָסן פון טרוקעניש און היץ. דער
צעטראַסקעטער וואָגן, געשפּאַנט אין פיר שווערלייביקע,
האַרשלאָפענע פערד, האָט זיך געשלעפּט פּאַמעלעך און
מיט אַ סקריפּ און אויפגעהויבן אַרום זיך אַ דינעם, בייסיקן
שטויב ווי זאַלץ.

דער וואָגן איז געווען געפּאַקט. צוזאַמען מיטן ראַביי איז



געפאָרן אַ חברה גאָלד־זוכערס. זיי זענען געזעסן צעיאַכמערטע און דערשוויצטע, אין צעקנעפּלטע העמדער מיט פאַרשאַרצטע אַרבל. דער וואָגן איז געווען פול מיט זייער טומל. זיי האָבן געלאַכט, איבערגעשריגן איינער דעם צווייטן, געהאַלטן אין איין רויכערן און טרינקען ביר פון אַן איינציק גלעזל אײנגאַנצן באַקלעפּט מיט שוויים און ביר־שוים. דאָס גלעזל איז אָן אויפהער געגאַנגען אַרום־און־אַרום. דער אָנטרייבער, מיט אַ ריזיקער ביקס אויף די פּלייצעס, האָט נישט אויפגעהערט אַראָפּצושמייכלען פון דער קעלניע אין וואָגן אַריין מיט זיין ברייט פּנים, צעשמיסן פון ווינט און זון, און זיך געוויצלט מיט אַ צעהוסט, באַלעגאַליש קול:

— העי, חברה, שטילער אַביסל! דער וואַטלהילער וועג איז נישט קיין שפּילעכל... באַנדיטן אַרום־און־אַרום, איר ווייסט דאָך!...

— וואָס קאָן מען ביי אונז צונעמען? די גאָלד־טאָרבעס אונזערע זענען ליידיק. ערשט אין וואַטלהילל וועט מען זיי אָנשטאָפּן מיט גאָלד, בע, בע!... — האָט זיך אָנגערופן אַ ברייטפּלייציקער, געפּאַקטער פאַרשוין מיט אַן אויסגעלאָשן ציגאַרעטל פאַרשטעקט אין ווינקל פון מויל.

אַ קליין, איינגעדאַרט מענטשל מיט אַ שפּיציק פּנים, אינגאַנצן באַדעקט מיט זומער־שפּרענקעלעך, האָט זיך וויכטיק אַרומגעקוקט איבערן וואָגן און זיך אָנגערופן מיט אַ סודותדיק קול:

— מען זאָגט, די באַנדיטן זענען מזלדיק פאַר אונזער מענטש. ווער עס האָט מיט זיי אַ באַגעגעניש, געפינט דערנאָך דעם רעכטן אוצר. כ'האָב געהערט פון איינעם אַ גאָלדגרעבער, דזשים לאָורי, וואָס די באַנדיטן זענען אים באַפאַלן, אויסגעטון ביזן העמד, און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער געפונען אַ גאָלדענעם שטיין, אַכט פונט!...

— פונדעסטוועגן, מיטן ביר איז גלייכער זיך צוצו־איילן — האָט מיט אַנצוהערעניש אַ וווּנק־געטון אַ דיקליכער פאַרשוין מיט אַ קול ווי ביי אַ קאַטשקע. — אין אַזאַ היץ איז אַביסל ביר פאַר באַנדיטן אויך אַ קרן...

דאָס באַקלעפּטע גלעזל איז אַרומגעגאַנגען עטליכע מאָל צווישן דעם עולם. אויך דעם אָנטרייבער האָט מען מכבד געווען מיט אַ טרונק. ער האָט הנאהדיק אַראָפּגעזופּט דאָס ביסל ביר־שוים, וואָס איז אים פאַרבליבן אויף די ליפּן נאָכן טרינקען, און צוגעוווּנטשן מיט זיין צעהוסט קול:

— פאַר אייער גליק און וואָטלהילל!

— נאַט אייך אַט דאָס פאַר וואָטלהילל! — האָט ביטולדיק אויסגעשפּיגן אַן עלטערער מאַן מיט אַ פּאָר שיטערע, געלע וואָנסעס, וואָס האָבן אים אַראָפּגעטריפט איבערן מויל. — מיך ברענט! — האָט ער זיך אַ קלאַפּ־געטון אויף דער ברוסט. — איך בין אַ גאָלדגרעבער נישט פון היינט, אַדורכגעמאַכט די באַלאַראַטער צייטן. שוין איינמאָל געווען צייטן!... מען האָט געשאַרט דאָס גאָלד און געלעבט, אַ רוח זאָל עס נעמען!... אַראָפּגעקומען קיין באַלאַראַט אַ פאַרשווינטע פון די גרויסע כּעאַטערס, שוין איינמאָל אַ נקבה, זאָג איך אייך!... אַז זי האָט גענומען טאַנצן און זינגען אירע לידלעך, טראַ־לאַ־לאַ, איז דער עולם געשפּרונגען פון דער הויט. מען האָט איר אויסגעטון די טאַנץ־שיכעלעך און זיי אָנגעשיט פול מיט גאָלד, זי זאָל טאַנצן אַ נאַקעטע, כע, כע! און זי האָט עס געטון, די ממזרטע, נאָר מיט רעוואָלווערן איןביידע הענט, מען זאָל זיך צו איר נישט צוכאַפּן...

— אַן אַלטער, און דערציילט אַזעלכע געשיכטעס! — האָט זיך פאַרקרומט דער זומער־באַשפּרענקלטער פאַרשוין. — איר וואָלט זיך געדאַרפט שעמען פאַרן געטליכן מאַן דאָ! — האָט ער אָנגעוויזן אויף ראַביי קאָהען, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אַריינגעקוועטשט אין אַ טונקל ווינקעלע פאַרטון אין אַ ספר.

דער עולם האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ רוי געלעכטער. דער אַלטער האָט שיט איין אויג, כיטרע פאַרקוועטשט, אַ קוק־געטון אויפן ראַביי און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַז גאָטס לייט פאָרן שוין קיין וואָטלהילל, איז אָלרייט! אין באַלאַראַט האָט מען זיי פאַר מיינע צייטן נישט געזען, ניין!...

ראַביי קאָהען האָט זיך טיפער אַריינגעקוועטשט אין

זיין ווינקעלע און מיטן ספר זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים ווי מיט אַ מחיצה.

נאָך אַ גאַנצער נאַכט פאָרן איז דער ראַביי פאַרטאָגס אָנגעקומען קיין וואָטלהילל. פון די ביר־שענקען און שפּילהייזער האָבן נאָך מאַט ארויסגעגלימערט גלעז, נישט־אויסגעשלאָפענע לאַמפּן־פלעמלעך, און עס האָט זיך פון דאָרט געטראָגן אַ צונעדושעטער, טונקעלער טומל. די גאַסן אָבער זענען שוין געווען פול מיט פרימאָרגנדיק גערודער און באַוועגונג. אַ סיריאַנער מיט פאַרדרייטע, גלאַנציקע וואָנסעס האָט וויכטיק געשפּרייזט ביי דער זייט פון אַ קעמל אָנגעלאָדנט מיט לייוונטענע וואַסערזעק און געשריגן מיט אַ זינגענדיק קול:

— טייך־וואַסער, ערשט געבראַכט, פריש און קאַלט, אַמתדיק טייך־וואַסער!...

קופּקעס גאָלדגרעבער מיט הפקר אין די אויגן האָבן זיך טומלדיק געדרייט איבער די שטויביקע, נישט־ברוקירטע גאַסן. עס האָבן זיך געווייסט לייוונטענע געצעלטן, וואָס האָבן זיך בייכיק אויפגעבלאָזן אין דעם פרימאָרגנדיקן ווינט, און הייזלעך, אַבי־ווי צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער און בלעכן, זענען געשטאַנען שיטער צעוואָרפן אין קרומליכע רייעס. ארום די קראָמען אין ענגע, בלעכערנע ביידלעך האָבן זיך שוין געפּאָרעט די קרעמערס מיט לעדערנע בייטלען אָנגעהאָנגען אויף די בייכער און געוואָרפן פון צייט צו צייט אין דער גאַס אריין קורצע, אָפּגעהאַקטע אויסגעשרייען, כדי אדורכצולופּטערן די פאַרשלאָפענע גאָרגלס. זייערע קולות האָבן אָפּגעקלונגען מיט אַ שאַרפער הילכיקייט אין דער קלאָרער, ווי אויסגעצוואָגענער ברימאָרגן־לופט:

— גראָבאייזנס! שטיוול! גאָלד־שיסלען! לאָפּעטעס!...

אזוי נאָר ווי ראַביי קאָהען איז אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן, האָט אים ארומגערינגלט אַ קרענצל יידן. פון אַלע זייטן האָבן זיך צו אים געצויגן שווערע, האַרטע הענט, אים דרך־ארצדיק אָפּגעשטעקט שלום־עליכם, און איינער פון די יידן, אַ קורצער און אַ בייכיקער, מיט אַ געבויגענער נאָז ווי אַן אוגערקע, און מיט אַ בלינד אויג, אויף וועלכן ער האָט געטראָגן אַ שוואַרץ דעקל,

האָט אים פאַרזיכטיק גענומען אונטערן אָרעם און מיט אַ ברייט, פאַרקייכט קול גענומען קאָמאַנדעווען צווישן עולם:

— העי, וואַטס די מעטטער!... רוקט זיך אָפּ אַביסל, מאַכט אַ וועג פאַרן ראַביי!...

אַ שמאַלברוסטיקער יונגערמאַן מיט אַ פּלושן בערדל און מיט פּייכטע, שעפּסענע אויגן האָט זיך הכנעהדיק צוגעשאַרט צום ראַביי און אים דערלאַנגט אַ דין, ווייך־ביינערדיק הענטל:

— וועלקאַם ראַביי! מיין נאָמען איז פעלדמאַן, רעווערענד פעלדמאַן.

מען האָט דעם ראַביי אַריינגעפירט אין אַ גרויסער, טונקעלער שטוב מיט ווענט פון נאַקעטע ברעטער, און אַרום די ווענט — פאַליצעס פאַרלייגט מיט סחורות. אינמיטן שטוב איז געשטאַנען אַ לאַנגער נישט־געהובלטער טיש, און צווישן צוויי שמאָלע, פאַרשטויבטע פענצטער אויף דער מזרח־וואַנט איז געווען אַריינגעקוועטשט אַן ארון־קודש — אַ פּראָסט שענקעלע פאַרהאָנגען מיט אַ פרוכת פון גראָבן, שאָטלענדישן טוך.

— דאָס איז אונזער שול — האָט דער בייכיקער פאַרשוין שנאַלץ אַ פינגער־געטון מיטן איינציקן אויג איבער דער שטוב.

— מיסטער סמיט האָט אָפּגעגעבן זיין שטוב פאַר דער שול — האָט אַריינגעוואָרפן רעווערענד פעלדמאַן און אָנגעוויזן אויפן איינאויגיקן פאַרשוין. — ער איז דער פּרעזידענט פון דער שול.

מיסטער סמיט האָט פאַרפלאָכטן זיינע קורצע, קליסקעדיקע פינגער אויפן בויך, און זיין פאַרקייכט קול האָט זיך נחתדיק געשמאָלצן:

— צ'אָלרייט, צ'אָלרייט!... מען טוט וואָס מען קאָן...

דער ראַביי האָט מיט אַ שטרענגן בליק אַרומגענומען די טונקעלע שטוב, איבער וועלכער עס איז געשטאַנען אַ געדיכטער, בייסיקער ריח פון רוי הײַלץ און לעדער. ער האָט אָנגעקוקט די יידן, וואָס האָבן זיך צונויפגעקוועטשט אין אַ קופּקעלע און נישט אַראָפּגענומען דעם בליק פונם ראַביי. זיי זענען געווען אָנגעטון ווי גאָלדגרעבערס, אין געקעסטלטע, וואָלענע העמדער אין הויכע, שווער־אָנגעקאָוועטע שטיוול און מיט העלפאַרביקע

ביכלעך ארום די העלזער. אויף זייערע טונקל־אפגעברענטע פנימער איז געלעגן א שווערקייט. זיי האבן זיך שטיל געסודעט צווישן זיך, און די אראפגעלאזטע מויל־ווינקלען מיט פליישיקע קנייטשן ארום האבן זיך געצויגן מיט אומרו.

— א וועלל, דאסס איסט די שול... — האט דער ראביי ביטולדיק א שאקל־געטון צו זיך מיטן קאפ. — ננא... ניכט וויכטיק...

מיסטער סמיט האט ארויפגעשטעלט אויפן טיש א טאץ מיט כיבוד, עטליכע פלאשן ביר און גלעזער. דער עולם איז געווארן אויפגעלעבט און נענטער זיך גענומען צושארן צום טיש מיט אויסגעצויגענע הענט.

— העי, חברה, נישט געבאפט! דרך־ארץ פארן ראביי! — האט מיסטער סמיט באפעלעריש אויסגעשריגן. ער האט וויכ־טיק, מיט ישוב־הדעת אנגעגאסן די גלעזער ביז ארויף, אז די שוים האט אזש גענומען איבערלויפן, און דעוורענד פעלדמאן האט זיך ארויפגעשטעלט א גלאז אויף דער דלאניע ווי א קידוש-בעכער, פרום צוגעמאכט די אויגן און מיט א געמאסטן קול, איבערקלייבנדיק ווארט ביי ווארט און שאקלענדיק זיך ווי ביים דאווענען, גענומען זאגן:

— אין נאמען פון אלע יידן אין דער שטאט....

— היר, היר!... — האט אים מיסטער סמיט גלייך איבערגעהאקט מיט זיין פארקייכטן תיתוך־הדיבור. ער האט הויך אויפגעהויבן א גלאז ביר, קונציק עס א דריי-געטון אין דער האנט און זיך ברייט צעזונגען:

— הי איס א דזשאללי גוד פעללאו...

— ניכט וויכטיק, ניכט וויכטיק!... — האט דער ראביי אומגעדולדיק א פאכע־געטון מיט דער האנט. דאס ערשטע וועלן מיר אפדאווענען בציבור. א גאטעסדינסט איז ביי מיר די ערשטע זאך.

די יידן האבן זיך איבערגעקוקט מיט חידוש און דינטערווײלעכץ זיך גענומען אוועקשארן פון טיש.

— צ׳אלרייט, באים, מען דאווענט! — האט מיסטער סמיט גוטברודעריש צוגעוווּנקען מיט זיין איינציקן אויג צו די יידן,

און רעווערענד פעלדמאַן האָט אַ קלאַפּ־געטון אין טיש מיט דער פלאַך פון זיין האַנט.

— שאַ, שאַ, מען דאַוונט!

די יידן האָבן זיך אָן חשק צוריק צוגעשאַרט צום טיש, געברומט אונטער דער נאָז און פון דער זייט באַטראַכט דעם ראַביי, ווי ער וויקלט זיך פרום איין אין אַ טלית, וואָס רעווערענד פעלדמאַן האָט אים דערלאַנגט.

און אַזוי שוין יעדן טאָג. ראַביי קאָהען האָט נישט געוווּסט פון קיין חכמות. ער האָט געהייסן אַרויסרוימען פון דער שול די פּאַליצעס מיט די סחורות, דעם נישט־געהובלטן טיש און אַריינגעשטעלט אַ לייטישן ארון־קודש און אַן עמוד. יעדן אינדערפרי האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט מיטן רעווערענד פעלדמאַן אויף דער גאַס צונויפצוזאַמלען אַ מנין צום דאַוונען און אויפּס כוח געשלעפּט פון די קראָמען די יידן אין שול אַריין. אין די שבתים האָט ער געהאַלטן לאַנגע און וויכטיקע דרשות אויף זיין אָפּגעהיטענעם אָקספאָרדער ענגליש און נאָכן דאַוונען זיך אַוועקגעשטעלט אין דער טיר, דערלאַנגט יעדן ייד באַזונדער די האַנט, געוווּנטשן גוט־שבת און מיטגעגעבן גאָטס ברכה. ער האָט איינגעפירט אַ בוך, אין וועלכן ער האָט גענוי פאַרשריבן די נעמען פון אַלע יידן אין דער שטאָט און אַרויסגעהאַנגען פאַר דער שול אַ גרויסן שילד מיט אַן אויפשריפט אויף ענגליש און אויף לשון־קודש: בית הכנסת „נצח ישראל" דק"ק וואַטלהילל.

רעווערענד פעלדמאַן האָט אָנגעקוואָלן פון ראַביי און פון זיינע פירונגען. ער איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, געקוקט אים אין די אויגן אַריין און אויפגעכאַפּט זיין מינדסטן ווונק. יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט פון אים געהערט, האָט ער מיט אַ גדולה געטראָגן צום בלינדן סמיט.

— וואָס זאָגט איר נישט צו אונזער ראַביי? אַ „דזשודעיִן סאָסייטי" וויל ער מאַכן — האָט ער דערציילט מיט התפעלות. — ער וויל רופן אַ מיטינג פון דער „קאָנגרעגיישן"! און מאַכן אַן אַפּיל.

— „דזשודעיִן סאָסייטי", „קאָנגריגיישן"... וואַטלהילל ווערט אַ לייט, האַ, רעווערענד פעלדמאַן?... — האָט סמיט אַן

איבערגענומענער געקנייטשט זיין אונטערקע־נאָז, און געשאָקלט התפעלותדיק מיטן קאָפּ.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער ראַביי האָט גערופן אין שול אריין אַ מיטינג פון דער „קאָנגרעגיישן”. גערופן האָט ער אַלע יידן פון דער שטאָט לויטן בוך, וואָס ער האָט איינגעפירט, און סמיט, אַ יום־טובדיק אויסגעפּוצטער אין אַ נייעם הארטן קאַפּעלוש פון אַן אויסטערלישער, העל־ברוינער קאָליר, איז געזעסן אויבן־אָן מיט אַ גלאָק אין דער האַנט, חשיבותדיק געקוקט ארום זיך מיטן זעעוודיקן אויג און קאַמאַנדעוועט מיט זיין צעקייכטן חיתוך־הדיבור:

— אָרדער פּליז!... איר זייט אויף אַ מיטינג, חברה. דער ראַביי וויל רעדן, שטילער זאָל זיין!...

דער ראַביי האָט גערעדט לאַנג און מיט היץ. ער האָט גערופן די יידן „קינדער פון ישראל” און „מיינע הויכגעשעצטע ברידער”, און געציקלט די ווערטער מיט אַ באַזונדערער יום־טובדיקייט. פון אַ לאַנגן בויגן פּאַפּיר האָט ער ארויסגעלייענט די פּונקטן פון דער „דזשודעין סאָסייטי”, וואָס דאַרף קודם כל זען צו באַזאָרגן קהל מיט אַ ריכטיקער שול.

— היר, היר! — האָט דער עולם געשריגן און געהאַט ביז גאָר הנאה, וואָס דער ראַביי רופט זיי „מיינע הויכגעשעצטע ברידער”.

— אָרדער, אָרדער! שטיל זאָל זיין! — האָט סמיט אַ צעיאַכמעטער געקלונגען מיטן גלאָק און כסדר גערוקט ארויף און אַראָפּ דאָס שוואַרצע דעקל איבערן בלינדן אויג. — ארויס מיט פונטן, חברה! געלט אהער, אויב איר ווילט אַ שול! אָט דאָס איז פון מיר, ריינער גאָלדזאַמד! — האָט ער מיט אַ טראַסק אַ וואָרף־געטון אויפן טיש אַ לעדערנע טאָרבע.

— ח"י אָנצעס זהב טהור פון פּרעזידענט מיסטער סמיט! — האָט מיט אַ חזניש דריידל אויסגעזונגען רעווערענד פעלדמאַן. דער ראַביי האָט פאַרזיכטיק, מיט די שפּיצן פינגער אונטערגעהויבן די טאָרבע און זי געוווינגן אין דער האַנט מיט אַ צעשוווימען שמייכעלע אויף די ליפּן.

מיסטער סמיט האָט מיט ברען זיך גענומען צו דער שול. אַ

אויסגעפוצטער אין זיין נייעם, ברוינעם קאַפּעלוש איז ער צוזאַמען מיטן רעווערענד פעלדמאַן גאַנצע טעג ארומגעגאַנגען איבער די קראָמען צו די יידן, זיי גערופן אויף אסיפות, געזאַמלט געלט און געשריבן קוויטאַנציעס מיט א קורץ בליי־שטיפטל אין זיינע קליסקעדיקע פינגער. יעדן פּאַרנאַכט האָט ער געטראָגן צום ראַביי דאָס אָנגעזאַמלטע געלט. דער ראַביי האָט עס קיינמאָל נישט געוואָלט נעמען אין דער האַנט אריין, נאָר מיט א זייטיקער, כלאחר־ידיקער באַוועגונג אָנגעוויזן, מען זאָל עס אַוועקליינגן אויפן טיש, און דערביי א וואָרף־געטון מיט א צעטראָגן קול:

— אַ יעס, געלט... מען דאַרף רופן וועגן דעם א מיטינג...

איידער קהל האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין געשטאַנען א נייע שול אויף דער שענסטער גאַס אין שטאָט, ווו עס האָבן געוווינט די פּני אין גרויסאַרטיקע הייזער מיט אויפגעפּוצטע גאַניקעס און הויכע באַלקאָנען. דער ראַביי האָט די שול געלאָזט שטעלן לויטן מוסטער פון די רייכע לאַנדאָנער טעמפּלען מיט כמורמדיקע קופּאָלן און הויכע גזימסן איבער די קיילעכדיקע, קאָלירטע פענצטער. ער האָט אויסגעשריבן ספרי־תורות פון דער הייליקער שטאָט צפת, אויסגעפּוצט די שול מיט טייערע כעבל פון אויסלענדיש האָלץ, מיט קאָסטבאַרע זשיראַנדאָלן און מנורות, שווערע פּלושן און טעפּיכער.

די יידן זענען געווען שטאָלץ מיט דער נייער שול. זיי האָבן באַקומען מער חשיבות ביי זיך אליין, אויסגעטון די גראָבע, וואָלענע העמדער און געקאָוועטע שטיוול, און געקומען אין שול אריין מעשה באַלעבאַטים אין הארטע קאַפּעלושן און הויכע קעלנער מיט שניפּסן. מיסטער סמיט האָט אַראָפּגענומען פּונם בלינדן אויג דאָס שוואַרצע דעקל און געטראָגן ברילן מיט טונקעלע גלעזער. ער האָט נישט געשריגן ווי אמאָל, נאָר גערעדט דייטשמעריש ווי דער ראַביי מיט א טיף, פּאַרלייכעצט ביי־קול:

— וועל, וויר האַבען שאָן איינע ריכטיקע שול, גאָט־זיי־דאַנק!...

רעווערענד פעלדמאַן האָט שוין מער נישט געדאַרפט שלעפּן די יידן אין שול אריין צו א מנין. די שול איז צו יעדן דאַווענען

געווען פול מיט מתפללים אפילו אין די פראָסטע וואָכן־טעג. פאַרן ראַביי אָבער איז דאָס נישט געווען גענוג. ער האָט געלאָזט אראָפּברענגען פון מעלבורן עטליכע עלטערע, אָרימע יידן און איינגעפירט אין דער שול אַ שטענדיקן, געדונגענעם מנין, ווי עס פירט זיך אין אַלע גרויסע שולן אין ענגלאַנד.

אַזוי־אַ האָט דער ראַביי אַוועקגעשטעלט די שול אויפן ברייטן שטייגער און געפירט די קהילה מיט אַ פעסטער האַנט. אַ חוץ דער „דזשודעין סאָסייטי" האָט ער אויפגעשטעלט נאָך דיברות, אַ לינת הצדק, אַ ביקור־חולים, אַ חסד של אמת. אין דער שול האָט זיך שטענדיק געררודערט און געקהלט. רעוורענד בעלדמאַן האָט געהאַט גאַנצע טעג ארומצולויפן איבער דער שטאָט מיט פאַרשידענע קהלשע שליחותן, געווען פאַרטון מיט ארבעט, און זיינע שעפּסענע אויגן האָבן צעטראָגן געפינטלט. זינט מען האָט אויפגעשטעלט די נייע שול, האָט ער זיך געקליידט ווי עס פאַסט פאַר אַ רעוורענד: אין אַ שוואַרצן, אַלפּאַנגענעם ראָק און אין אַ שטייפן קאָלנער פאַרמאַכט פון הינטן. דאָס פּלושענע בערדל האָט ער אָפּגעשוירן און בלויז אויף דער שפּיץ גאָמבע געלאָזן אַ קליין שפּראָצעלע האָר ווי אַ לעצל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין קנאָדערן צווישן די פינגער. ער האָט זיך עפּעס געפילט נישט ניחאדיק אינם גאַנצן טומל, און גאָר טומלדיק איז געוואָרן אין דער שטאָט, זינט עס האָט זיך באַוויזן איינער, הערי גאָלדסטאָן, אַ יונגערמאַן פון ליווערפּול, און גענומען מאַכן פאַר דער שול טאַנץ־בעלער און „פּאַרטים". ער איז געווען אַ קליין־געוואַקסן, נישט אָנזעעוודיק פאַרשווינדל מיט אַ רויט, צעשיילט פּנים, ווי ער וואָלט עס כסדר געריבן מיט אָנגעזייפטע בערשטן, און זיינע וואַסערדיקע אויגן מיט אויסגעקראָכענע ברעמען און ווייס האָבן געהאַט אַ פאַרשטאַרטן, נאַקעטן בליק ווי ביי אַ פיש. דערפאַר האָט ער געהאַט אַ געשליפן צינגל צום רעדן און איז באַלד געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער אין דער שול, זיך געמישט אין קהלשע זאַכן און אומעטום געהאַט אַ דעה. דער ראַביי האָט אים שטאַרק מקרב געווען, זיך ארומגעטראָגן מיט אים גוטברודעריש געאַ־רעמט און געהאַלטן אַ וועלט פון זיינע בעלער און „פּאַרטים",

וואָס צוליב זיי האָבן די יידן אויפגעהערט צו גיין אין די שפּיל־הייזער און ביר־שענקען, און די שול האָט אַ חוץ דעם אריינגע־קראָגן אַ שיינע מטבע.

רעווערענד פעלדמאַן האָט געוואָרפן אַן אומחן אויפן ליווער־פולער יונגענמאַן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרליידן זיינע נאַקעטע אויגן און זיין גיך, לופטיק געגגל, ווי ער וואָלט געטאַנצט. אממערסטן האָט אים געאַרט, וואָס דער ראַביי מאַכט פון אים אַ גאַנצע מציאה און טראָגט זיך מיט אים גוטברודעריש אַרום, ווי ער וואָלט געווען מי יודע ווער...

— וואָס איז די גדולה מיט אים? מען האָט, ברוך השם, אויפגעשטעלט די שול אָן זיינע „האָפּקעס", כ'לעבן... ס'איז בלאָף די גאַנצע מעשה, זאָג איך, מער נישט ווי בלאָף! — האָט ער זיך טיילמאָל אַראָפּגערעדט פון האַרץ פאַרן בלינדן סמיט. סמיט אָבער פלעגט וויכטיק שנייצן זיין אוגערקע-נאָז, אַריבער־קוקן איבער די ברילן מיטן איינציקן אויג און אַ ברום־טון מיט זיין הייזעריק, צוגעדושעט קול:

— צ'אָלרייט, רעווערענד פעלדמאַן! אזוי פירט זיך היינט אויף דער גאַנצער וועלט...

רעווערענד פעלדמאַן איז טאַקע געווען גערעכט. גאָלדסטאון האָט גערודערט אין דער שול, ווילאַנג עס איז געווען ביי וואָס צו רודערן. כל זמן מען האָט געשאַרט דאָס גאָלד, יידן זענען נתעשר געוואָרן פון די מסחרים מיט די גאָלדגרעבערס און נישט געזשאַלעוועט דעם פונט פאַר דער שול, האָט ער זיך געריבן אַרום ראַביי און געווען פאַרטון אין קהלשע עסקים. עס האָבן זיך אָבער אָנגערוקט אַנדערע צייטן. דאָס גאָלד אין די גרובנס האָט זיך אָנגעהויבן אויסלאָזן, און פרנסה איז געוואָרן וואָס אַמאָל קאַרגער און שווערער. די יידן האָבן גענומען קרעכצן אויף די שלעכטע צייטן און נישט געגעבן פאַר דער שול מיט אַ ברייטער האַנט ווי אַמאָל. דעמאָלט האָט מען גאָלדסטאונען אויפגעהערט צו זען אין דער שול, און רעווערענד פעלדמאַן האָט זיך געפּאַטשט אין בויך אריין:

— אַבי איך קאָן זיך אויף די דאָזיקע לייט! אַז עס איז

לײדיק אין דער קהלשער שיסל, זעט מען אים נישט פאַר די אויגן, דעם ליװערפּולער בלאָפער!...

נישט בלויז גאָלדסטאַון, נאָר אַ סך אַנדערע יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן פון דער שול. די צייטן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. דער גאָלד־פיבער האָט זיך איינגעשטילט און אין דער שטאָט איז געוואָרן טויט. די מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל מחנותוויז געצויגן אהער אין פּאָסט־וואַגאָנען איבער די ווילדע וועגן, האָבן גענומען זיך פונאַנדערפאָרן, זוכן גליקן ערגעץ אַנדערש... די גאַסן, ערשט נישט לאַנג פול מיט לעבן און געפּילדער, זענען געלעגן ווי אויסגעשטאָרבענע, און עס האָט זיך איבער זיי געצויגן אַ ווינסטקייט. האָט זיך אַמאָל געוויזן אַ גאָלדגרעבער, איז ער געגאַנגען מיט זייטיקע, שמאָלע טריטעלעך, אריינגעשמעקט אין יעדער קראָם און זיך לאַנג געדונגען ביים פאַרקויפן די פּאָר גאָלד־שטויבעלעך, איינגעוויקלט אין אַן אַ שיעור פאַרברודיקטע שמאַטקעלעך און פאַרשטעקט טיף־טיף אינם בוזים.

— וואָטלהילל איז אָפּגעפאָרן... זיך אויסגעלאָזט דאָס שמאָליץ־גרוב! — האָבן די יידן יאושדיק געצויגן די פּלייצעס, פאַרפּאַקט דאָס ביסל האָב־און־גוטס און שטיל, נישט מאַכנדיק זיך ווימן איינער פאַרן צווייטן, אוועק, ווי זיי וואָלטן געלאָפן פון אַ מגפה.

דער בלינדער סמיט האָט גאַנצע טעג זיך געדרייט איבער די גאַסן, זיך צוגעקוקט, ווי די שטאָט שטאַרבט אָפּ, און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף די קראָמען מיט פאַרקלאַפּטע פענצטער און שווערע שלעסער אויף די טירן. די עלטער האָט זיך שוין אָנגעהויבן אָנרוקן אויף אים. זיין קיילעכדיקער בויך איז אַראָפּגעהאַנגען ווי אַן אָנגעשטאָפּטער זאַק און זיך שווער געשאָקלט ביים גיין. דאָס פּנים ביי אים איז געווען פול מיט לויזע טאָרבעלעך הויט, און די טונקעלע ברילן זענען קרומליך געריטן אויף זיין אוגערקע־נאָז, וואָס האָט זיך זיקנהדיק אַראָפּגעלאָזט און ווי אַ האָק אַריבערגעהאַנגען איבער די ליפּן. מיטן איינציקן אויג, אַ מיד־אָנגעלאָפּנס, מיט טונקעלע אָדער־צווייגלעך אויף די ווייסלען, האָט ער געקוקט פון דער בריל

אָפּער אויפֿן רעוורענד פעלדמאַן און געטענהט מיט אַן אויסגע־טרוקנט, געמאַטערט קול:

— אַ בייז געלויף אויף זיי... זאָלן זיי לויפֿן געזונטערהייט! איך רייר מיך נישט פֿון אָרט. גענוג געוואַנדערט אויף מיין לעבן, ביליוו מי!

אָבער אויך ער האָט סוף־כּל־סוף געמוזט אַוועק. איינמאָל אינדערפֿרי, באַלד נאָכן דאַוונען, האָט ער אומדרייסט אָנגע־קלאַפּט אין דער קאַנצעלאַריע־טיר און אריינגעגאַנגען צום ראַביי. דער ראַביי האָט אים אויפֿגענומען מיט אַ ווירדיק, דין שמייכעלע, צוגעמאַכט דעם ספֿר, אין וועלכן ער האָט געהאַט אריינגעקוקט, זיך גלייך־געמאַכט אויפֿן קאָפּ די יאַרמעלקע און אים געבעטן זיצן.

סמיט האָט זיך זייטיק אַוועקגעזעצט אויפֿן ברעג שטול, לאַנג זיך געווישט די הענט אָן די קני און גערעדט מיט אַ געדיכט, שליימיק קול:

— איך בין געקומען זיך געזעגענען, ראַביי! די קינדער זעען נישט דאָ פֿאַר זיך קיין תּכלית... ווילן אַוועק, און דווקא איך זאָל מיטפֿאָרן מיט זיי...

— סערטענלי, מיסטער סמיט... אַ משפּחה דאַרף זיך האַלטן צוזאַמען. ס'איז גלייך, וואָס איר פֿאָרט מיט. — האָט דער ראַביי וויכטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ס'איז שווער אַוועקצופֿאָרן... אַ האַלב לעבן אָפּגעלעבט אויף אַן אָרט, יעדעס שטיינדל איז היימיש... — האָט סמיט געדרוקט די ברילן אַרויף און אַראָפּ און די טאָרבעלעך הויט אויף זיין פּנים האָבן גענומען ציטערן. ער איז שטיל געבליבן, אָפּגעזיפֿצט און נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — די שול איז מיר אַממערסטן אַ שאָד, ראַביי! אַלע צעפֿאָרן זיך, כּמעט נישט געבליבן קיין יידן אין שטאָט... וואָס וועט זיין דער כּוח?.. — האָט זיין קול זיך געבראָכן ווי צום וויינען.

דער ראַביי האָט צוזאַמענגעצויגן די ברעמען און אָנגע־שטעלט אויף סמיטן אַ פּאָר אויגן, ווי ער וואָלט אויף אים געקוקט פֿונדערווייטנס. ער האָט טרוקן אָפּגעהוסט, און דער האַלז ביי אים האָט זיך אָנגעגווידערט.

— המ... פאַר דער שול איז דאָ, ווער ס'זאָל זאָרגן... איר קאָנט זיין רואיק, מיסטער סמיט! — האָט ער זיך שטייף אָנגעשפּאַרט אויפן אָנלען פון דער שטול און צוריק געעפנט דאָס ספר.

אין דער שול איז געוואָרן וואָס אַמאָל לײדיקער און שטילער. עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל דאָרט רודערן און פּהלן זיך. זעלטן עמיץ האָט זיך געוויזן אין דער שול אפילו צו אַ שבתדיקן דאַוונען, סיידן אַמאָל אַ קדיש־זאָגער, און דעם ראַביי איז כסדר אויסגעקומען צו דאַוונען בלויז מיטן געדונגע־נעם מנין. ער האָט זיך איינזאַם ארומגעדרייט אין דער שול־קאַנצעלאַריע, יעדן טאָג ברוגזדיק אראָפּגעריסן אַ פּריש בלעטל פון קאַלענדאַר און מיט קרומע בליקן געקוקט אויפן רעוורענד פעלדמאַן, וועלכער איז עובר־בטלדיק ארומגעקראָכן איבער דער שול מיט שלאַבעריקע, מידע טריט, כסדר עפּעס אריינגע־רעדט אין זיך און ארומגענישטערט מיט זיינע שעפּסענע, קורצ־זיכטיקע אויגן. ער האָט זיך צוריק פאַרלאָזן אַ באָרד, וואָס האָט זיך וואָליק געקאָלטנט אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן, און דער רעוורענדישער אלפּאַגענער ראָק מיט אַ גלאַנציק־פאַרשוויצטן קאָלנער איז לויז אראָפּגעהאָנגען פון זיינע אונטערגעהויבענע, הויקערדיקע אַקסלען. דער ראַביי האָט, קוקנדיק אויף אים, זיך בייז געצופּט די וואָנסעם און פאַר כעס געדעדט רייטשמעריש צו זיך אליין:

— זאַ וואַסס! גאָטט אין היממעל!

פון דער אַמאָליקער קהילה איז שוין כמעט קיינער נישט געבליבן. די שול איז געשטאַנען אין דער שטילער גאַס צווישן ווילד־צעוואַקסענע פּאַלמעס מיט אויפגעשויבערטע קעפּ און פאַרוואַרלאָזטע הייזער מיט אַלט־מאָדישע טורעמלעך און באַלקאָנדלעך. דער טינק פון די הייזער אָפּגעשיילט, טיר און פענצטער פאַרקלאַפּט — איז די גאַס געלעגן אַ שטויביקע, אַ בית־עולמדיקע, און איבער איר האָט זיך שווער געטורעמט די שול מיט די בייביקע קופּאָלן. די קיילעכדיקע שול־פענצטער מיט די הויכע גזימסן האָבן בלינד געקוקט מיט די קאָלירטע שויבן ווי דורך טונקעלע ברילן אויף הויכע, הויקערדיקע נעז.

יעדן אינדערפרי און פארנאכט האבן די יידן פון געדונגענעם מנין, אלטע און איינגעהויקערטע, זיך געשארט אין שול אריין מיט קליינע, געהיטענע טריטעלעך, ווי זיי וואלטן געקומען פון ערגעץ ווייט מיט א וויכטיקער שליחות. ראבײ קאהען האט שטייף געשפרייזט איבער דער גאס אין זיין לאנגן, שווארצן מאנטל, פארקנעפלט ביז ארויף אויף אלע קנעפ, און מיטן ראבייאישן צילינדער שטרענג אראפגערוקט ביז איבער די אויגן. זיינע טריט זענען געווען שטרענגע און געמאסטענע, און די אויגן, אומבאוועגליך געווענדעט פאראויס, האבן געקוקט ז'ארט און גלאזיק.

.3

עס איז שוין געווען א שטיק נאך האלבן טאג, און דער ראבײ איז אלץ נאך געזעסן ביים שרייבטיש מיט א שווער־אראפגעזונקענעם קאפ. דער זייגער האט אפגעקלאפט די סעקונדעס טיף־אטעמדיק, מיט א מידן קרעכץ. דער רעגן אינדרויסן האט אויפגעהערט, און די ווינטערדיקע נאכמיטאג־זון האט אריינגעגאסן דורכן פענצטער א פייכטן און קילן אפשיין, וואס האט זיך געלייגט אויף די ווענט אין מאט־געלע, משופעדיקע פאסן.

עס האט זעלטן געטראפן, אז דער ראבײ זאל פארזיצן איבער די צוויי באשטימטע אמט־שעהן, פון צען ביז צוועלף. ער האט שטרענג, מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט אפגעהיטן דעם פעסטן סדר, לויט וועלכן ער האט אלע יארן געפירט די שול. היינט אבער האט עפעס מיט כוח אים צוריקגעהאלטן און נישט געלאזט אוועקגיין. די גמרא איז געלעגן פאר אים אפן, נאר זיינע רעיונות זענען נישט געווען ביים לערנען. ער האט געטראכט וועגן דער שול, וועגן די פארגאנגענע יארן, וועגן די יידן פון מנין, וואס זענען צוליב א גארנישט גרייט צו לאזן די שול אויף הפקר. ער האט ארויסגענומען פון שופלאד א דיק קאנטא-בוך מיט א גאלדענעם מגן־דוד אויסגעפרעסט אויף

טאוולען. אין דעם בוך האָט ער געפירט די חשבונות פון דער שול. ער האָט פאַמעלעך געמישט די שטייפע, קנאַקעדיקע בלעטער מיט געדיכט־פאַרשריבענע ציפערן און יאושדיק געדרייט מיטן קאָפּ. דער חשבון האָט נישט אויסגעטראָגן די הוספה, וואָס דער מנין האָט פאַרלאַנגט. ער וועט מוזן אָפּשפּאָרן פון זיינע הוצאות און לעבן קאַרגער, כדי ווייטער צו קענען האַלטן דעם מנין. און אפשר וועט גאָט העלפן, דער מנין וועט זיך לאָזן איבעררעדן פון רעוורענד פעלדמאַן און באַשטיין אויף די אַלטע שכירות?... ער אליין וועט מאָרגן באַלד נאָכן דאַווענען פּרוּוון אַ רעד־טון מיט די יידן. וועט זיך לאָזן עפּעס אויפטון, איז גוט, אויב נישט, מוז ער זיך אונטערנעמען צו טראָגן די פאַרגרעסערטע הוצאות. ער וועט נישט דערלאָזן, אַז די שול זאָל צוליב געלט בלייבן, חלילה, פאַרשעמט...

ער האָט פרום אָפּגעזיפצט. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט גובר געווען אין זיך דעם כעס אויפן מנין. איזהו גבור, הכובש את יצרו — האָט ער זיך דערמאָנט דעם פסוק אין פּרק און גאָטספאָרכטיק פאַרגלייזט די אויגן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט, אָנגעטון דעם מאַנטל און דעם צילינדער, אָבער אוועקגעגאַנגען איז ער אַלץ נישט. אַ שפּאָר ביסל צייט האָט ער זיך געדרייט איבער דער קאַנצעלאַריע, איבערגעסדרט די ספרים אין דער שאַנק, גלייכגעשטעלט אויפן טיש דאָס שרייבגעציייג, אַראָפּגעווישט אַ פּאָדים שפּינוועבס פון דער וואַנט און צוגעגאַנגען צו אַ שמאָלער, הויכער טיר פאַרהאָנגען מיט טונקעלע פּלוש־פּאָרטיערן. די טיר האָט געפירט פון דער קאַנצעלאַריע גלייך אין שול אריין. ער האָט פאַמעלעך געעפנט די טיר. עס האָט אים אַ שלאָג־געטון אַקעגן אַ טיפע, פאַרגליווערטע שטילקייט. דורך די קאָלירטע שויבן אין די קיילעכדיקע הענצטער זענען געפאַלן ליכט־פלעקן פון אַלערליי קאָלירן אויף די אַלטע, טונקלהאָלציקע שול־בענק, זיך געשפּיגלט אין די מעשענע שטאַנגען ארום דער בימה און זיך משונהדיק געבלאָכטן מיט די פאַרביקע מאָלערייען אויף די ווענט. דער מזרח מיטן הויכן עמוד און די ברייטע טרעפּ, געדעקט מיט טונקל־רויטן פּלוש, וואָס האָבן געפירט צום ארון־קודש, זענען געווען

איינגעטון אין אַ געדיכטן בין־השמשות. פון די הויכע סופיט־געוועלבן האָט זיך געטראָגן אַ קילע טונקלקייט, פון וועלכער עס האָט שוואַך ארויסגעגלימערט דאָס ציטערדיקע פלעמל פון נר־תמיד. דער ראַביי איז געשטאַנען אין דער שול מיט אַראָפּגעלאָזענע אַקסלען, ארייגעטעמט אין זיך די טונקעלע שטילקייט, און איבער זיינע ברעמען איז געלעגן אַ שווערקייט ווי נאָך אַ לאַנגן, מידן שלאָף.

צומאָרגנס אינדערפרי זענען די יידן פון מנין געקומען אין שול אריין געוויר ווערן, ווי עס האַלט מיט דער הוספה. זיי זענען געשטאַנען אין אַ קופּקע ביי דער טיר, אונטערגעקרעכצט מיט פייכטע, נישט־אויסגעשלאָפענע קולות, געשמאַכעט מיט די נעז און זיך כסדר איבערגעוווּנקען מיט סודותדיק־אָנגעצויגענע פּנימער. געוויינליך פלעגן זיי זיצן פון אויבן־אָן אויף די סאַמע ערשטע בענק, אָבער היינט האָבן זיי זיך עקשנותדיק געהאַלטן נעבן דער טיר, נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט, כאָטש רעוורענד פעלדמאַן האָט זיי געהאַלטן אין איין בעטן:

— קומט ווייטער, יידן! וואָס שטייט איר ביי דער טיר ווי ברעמדע?...

ער איז געווען אָנגעטון אין אַ ברייטן, שוואַרצן קיטל ביז צו די קנעכלען, און אויפן קאָפּ איז אים שלאָבעריק געלעגן אַ אַכט קאַנטיקער, צעקנאָדערטער ספּאָדיק פון אויסגעקראָכענעם כאַמעט. ער האָט זיך געדרייט אַ צעטראָגענער אַהין־און־צוריק, רחמנותדיק געפינטלט מיט די אויגן אויפן מנין און זיך געריסן שטיקער פונם וואָליקן בערדל. אַ גאַנצן פרימאָרגן טענהט ער שוין איין מיט די יידן, רעדט מיט גוטן און מיט בייזן, און זיי רירן זיך נישט אַוועק פון דער טיר און האַלטן זיך ביים זייעריקן:

— וואָס איז מיט דער הוספה, וואָס?...

— די וועלט וועט דאָך מאַכן פון אייך ס'גרעסטע געלעכ־טער! — האָט ער זיך ביי זיי געבעטן. — ווי פּאַסט עס פאַר עלטערע יידן אַזאַ זאַך? פירן גאָר אַ ברוגז מיט דער שול?... וואָס טוט זיך מיט אייך?

— יאָ ברוגז, נישט ברוגז! אָן הוספה שטעלט מען זיך נישט דאַווענען! — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די יידן מיט


Noel Counihan

א פאַרדומפּעצט קול און מיט אַ פּנים ווי אויפגעלאָפן פון צאָן־ווייטיק.

אַ זקן מיט הויך־אונטערגעהויבענע, שפּיציקע אַקסלען, צווישן וועלכע עס איז געווען אריינגעקוועטשט אַ קליין קעפּל מיט אַ ווייך, נאַקעט פּנים ווי ביי אַ טומטום, האָט פון דער זייט אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן דעם רעוורענד פעלדמאַן. ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ שיטער, אָנציינגיק געלעכטער, און זיין אָפּשטייענדיקע אונטערשטע ליפּ, וואָס איז שמאַטעדיק אַראָפּגעהאָנגען איבער דער גאָמבע, האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ שנאָבל פון אַ טשייניק.

— כ'מיין, כי, כי, כי, איר האָט זיך אומזיסט אויסגעפּוצט אין אייער ספּאָדיק, מיסטער רעוורענד! עס וועט שוין היינט קיין מנין נישט זיין, כי, כי!...

— און אַז עס וועט נישט זיין, האָט אייך שוין ס'גאַנצע גליק געטראָפן, האַ, ר' ברוך? — האָט דער רעוורענד מיט רוגזא זיך אַ צי־געטון צום אַלטן. — אַזאַ אַלטער „דאָסער" און רעדט אַזוי! אַ חרפּה און אַ בושה!...

— טע, טע, נישט געררודערט, מיסטער רעוורענד! אַנישט גייען מיר שוין אוועק, און פּטור אַן עסק! — האָט זיך אַרויסגע־רוקט אַ שמאָלער, איינגעצויגענער פאַרשוין מיט אַ קוויטשיק קולעכל. ער האָט געהייסן סעם סאַנשיין, נאָר צוליב זיין קולעכל האָט מען אים גערופן מיט אַ ווייבערשן צונאָמען „סאָנטשע". ער איז געווען דער רעדלפירער פון מנין, גערויכערט אויסלענדישע סיגאַרעטן פון אַ גלאַנציקער פּושקע מיט אַ נאַקעטער פרוי אויס־געקריצט אויפן דעקל, און שטענדיק, אפילו אינמיטן דאַוונען, גענאַשט צוקערלעך מיט אַ שאַרפן מיענטע־ריח. ער האָט גע־טראָגן העל־פאַרביקע, ענג־געפּאַסטע מלבושים פון עפּעס אַ פּאַרצייטיקער מאָדע, און עס האָבן זיך דורך זיי שאַרף אַרויסגע־שניטן די ביינערדיקע שפּיצן פון זיין דאַרן גוף. זיינע פלינקע, גרינליכע אויגן האָבן געקוקט שפּיציק, מיט אַ שיקל, ווי ער וואָלט עמיצן אָט־אָט כאַפּן ביי דער האַנט אין אַ גנבה. די יידן האָבן געציטערט פאַר אים, געהאַרכט אַליין, וואָס ער האָט זיי געהייסן, חניפהדיק געשנאָרעט ביי אים די אויסלענדישע סיגאַ־

רעטן און די מיענטע־צוקערלעך און זיך גוטברודעריש געריבן ארום אים. הינטער די אויגן האָבן זיי אויף אים אויסגערעדט, וואָס אין דער קאָרט, דערציילט צווישן זיך, אז ער איז אַמאָל געווען אַ קרימינאַלניק, אַן אַנטלאָפענער פון סיביר, און חידוש־דיק געשאָקלט אויף אים מיט די קעפּ:

— שוין איינמאָל אַ העכט, סאַנטשע! באַהיט זאָל מען ווערן זיך איינצורייסן מיט אים... ס'איז נישט זיכער מיטן לעבן!...

דער רעוורענד איז געוואָרן אָנגעצונדן פון סאַנטשעס רייד. ער איז צוגעלאָפן צו די יידן מיט פונאַנדערגענומענע הענט, און די ברייטע, אַראָפּהענגענדיקע אַרבל פון זיין שוואַרצן קיטל האָבן זיך צעפּאָכעט ווי פלאַכטעס.

— נו־יאָ, סאַנטשע קאָן באַשטיין! וואָס אַרט עס אים, דעם כּריפּהנעם האַלדז, צי יאָ שול, צי נישט? — האָט ער זיך געווענ־דעט צו די יידן — אַ שיין פּנים וועט איר האָבן, אַז איר לאָזט זיך פון אַזאַ איינעם פירן ביי דער נאָז!...

— הי, הי... — האָט סאַנטשע זיך צעלאַכט מיט אַ קוויטש.

— פון ראַביי וועט מען זיך לאָזן פירן... ער וועט שוין אַזוי פאַרפירן, מען זאָל דאַווענען ביי אים אינגאַנצן אומזיסט, הי, הי, הי!...

— כ'לעבן, מיסטער סאַנשיין איז גערעכט. וואָס האָבן מיר מאַקע פון אונזער דאַווענען? נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן... — האָט זיך אריינגעמישט זעליק הירש, אַ מרה־שחורהדיקער ייד מיט אַ פּאָר קיילעכדיקע אויגן האַרט ביי די זייטן נאָז ווי ביי אַ סאָווע. דער ראַביי האָט אים ארויסגעפּאָדערט פונם יידישן מושב־זקנים אין סידנעי, ווען איינער אַ ייד פון מנין איז אַוועקגעשטאָרבן. כאָטש ער איז שוין אַ שיינע פּאָר יאָר געווען אין מנין, האָבן די יידן נאָך אַלץ אים געהאַלטן פאַר אַ פרעמדן און ניט אריינגענומען אים אין דער חברותא. זיי האָבן אים פיינט געהאַט און געחוזקט פון אים, ווייל ער האָט געטריי געדאַוונט, נישט אַדורכגעלאָזט אַ וואָרט פון די תפילות און לאַנג געצויגן די „אמנס" און „ברוך־שמו'ס"

— אויך מיר אַ מענטש! האָט מורא אָפּצונאַרן דעם ראַביי מיט אַ וואָרט!... — האָבן זיי אויף אים געבורטשעט, ווען ער

פלעגט לאנג און געשמאק זיך שאקלען ביי דער שמונה-עשרה.

— און איר אויך, מיסטער זעליק, האַ? — האָט דער רעוור־רענד אים אָפגעמאָסטן מיט אַ באַדויערנדיקן בליק. — געדאַרפט אייך דערויף צו ברענגען אזש פון סידני!... געוואַלד, ייד, וואָס טוט זיך מיט אייך, וואָס ווילט איר אויספירן? אז מען וועט פאַרמאַכן די שול, וועט שוין זיין גוט? עס וואַרטן אויף אייך גרויסע פאַרדינסטן, אַנדערע ביזנעס, מ׳שטיינס געזאָגט... פאָלגט מיך, יידן, זאָל בלייבן ביים אַלטן! די שול האָט נישט קיין געלט, דער ראַביי רייסט זיך אַוועק דעם ביסן פון מויל, אַבי אייך צו האַלטן. זאָל צוליב אייך אַ מקום-קודש נישט ווערן פאַרשעמט, חלילה...

— און אַז מיר וועלן בלייבן פאַרשעמט, איז רעכט? דער ראַביי וועט זיך טאַקע מיינען, אַז שוין, אָן אים זענען מיר אויס. זאָל ער וויסן, אַז מיר האָבן אויך עפּעס אַ דעה! — האָט דעם רעוורענד איבערגעשלאָגן מאיר סעגאַל, אַ ייד אָנגעטון קרוע-בלוע, מיט אַ פּירעקיק, שווער פּנים און מיט פאַרשלאָפענע, אַרויסגע־זעצטע אויגן, וועלכע ער האָט שטענדיק געהאַלטן האַלב-צוגע־מאַכט הינטער דיקע, ווי אויפגעשוואָלענע אויגן-הייטלעך. — דאַרף ער אונז האָבן, זאָל ער קומען צו אונז, רעדן אַ מענטש־ליך וואָרט, און נישט האַלטן זיך אין גרויסן, האַ, יידן? — האָט ער אויפגעהויבן זיין שווער פּנים צום מנין.

— סערטענלי, וואָטס די מעטער וויט הים? — האָט מיט אַ האַרט, פאַררויכערט קול זיך אָנגערופן אַ הויכברוסטיקער פאַרשוין מיט אַ הילצערנער האַנט, אויף וועלכער ער האָט געטראָגן אַ צעדריוולטע_הענטשקע פול מיט לעכער, וואָס דורך זיי האָט זיך אַרויסגעזען דאָס נאַקעטע, פון פאַליר אָפּגעריבענע האָלץ פון די פינגער. ער האָט געערדט אַ טיף-פאַרצויגענעם, פּויערישן ענגליש און געגעסן מאָלצייטן ביי דער „סאַלוויישן אַרמי”. אין מנין האָט מען אים גערופן דזשימי און כמעט נישט געהאַלטן אים פאַר קיין ייד.

— דזשימ־מין קומט אויך אַ רעשט צו צאָלן! — האָט בטול־דיק דער רעוורענד אַ מאַך-געטון מיט דער האַנט. — כ׳וואָלט וועלן וויסן, צי ביי דער „סאַלוויישן אַרמי” רעדט ער זיך אויך

אזוי ברייט! קושט אודאי דעם יויזל דאָרטן פאַרן ביסל טרפות. אַזאַ איינעם, אסור צי מען מעג מצרף זיין צו אַ מנין. אומזיסט נעמט ער געלט ביי דער שול!...

— דאָס געלט, וואָס מען צאָלט דאָ, מי יודע... — האָט זיך אָנגערופן ר׳ ברוך.

— געלט, געלט, נאָר געלט! — איז דער רעוורענד אויפגע־קאָכט געוואָרן, אַזש דאָס וואָליקע בערדל זיינס האָט זיך אונ־מערגעהויבן. — שוין צייט אויף איך, אין אייערע יאָרן, צו טראַכטן וועגן אַ תכלית, מיט וואָס צו קומען אויף יענער וועלט, ר׳ ברוך!

— דערווייל בין איך נאָך אַ לעבעדיקער מענטש, כי, כי, — האָט דאָס גאַנצע פּנים ביים אַלטן זיך צונויפגעקאָרטשעט אין אַ בייז געלעכטערל. — מילא, צו הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז איך וועל שוין נישט זיין קיין „היגער", וועל איך ביינאַכט קומען אין שול אריין און אומזיסט דאַוונען מיט די מתים. כ׳זאָג אייך צו, איינגאַנצן אומזיסט! כ׳וועל קענען באַשטיין, כי, כי!...

— עס פאַלט מיר נישט איין! — האָט סעגאַל ארויסגעצויגן די אָנגעשוואָלענע אויגן־הייטלעך, און זיינע אויגן האָבן זיך ארויסגעקייקלט מיט זייער גאַנצער קיילעכדיקער בולטקייט. — נאָכן טויט, אַז עס זאָל האַלטן ביים דאַוונען, האָב איך מיר אַ שול אינדערהיים, אין סטאַשעוו!

— אודאי! — האָט דער עולם זיך צעליאַרעמט און געוואָרן אויפגעלעבט. — אודאי אינדערהיים, צווישן אייגענע, וואָס דען? נאָכן טויט לאָכט מען פונם ראַביי קאָהען מיט זיין שול, מיט זיין גאַנץ אויסטראַליע צוזאַמען!...

— געהערט דיבורים! — האָט דער רעוורענד זיך אַ שאַר־געטון אַ דערשראָקענער אויף צוריק און ארומגענומען די שול מיט אַ גיכן, מהומהדיקן בליק. — מיט מתים זיך גאָר אריינגע־לאָזט! כ׳מיין, מיט מתים וואָלט שוין גלייכער געווען צו האָבן צו טון, איידער מיט אייך.

— מיט וואָס זענען מיר אַנדערש ווי מתים? אונזער לעבן, מ׳שטיינס געזאָגט, הייסט אויך געלעבט?... — האָט זעליג הירש

טרויעריק אָפּגעזיפצט און אויסגעשטעלט אויפן רעוורענד זיינע קיילעכדיקע סאווע־אויגן.

דער עולם איז מיטאמאָל געוואָרן שטיל. פון צווישן די טונקל־רויטע פּאָרטיערן אויף דער טיר, וואָס האָט געפירט פון דער קאַנצעלאַריע אין דער שול אריין, האָט זיך באוויזן דער ראַביי. ער איז געווען אָנגעטון פּונקט ווי דער שמש, נאָר אין אַ ברייטערן קיטל און אַ העכערן ספּאָדיק, אַ זיידענעם, מיט אַ טראַלז אויפן שפּיץ. אויף די אַקסלען האָט ער געטראָגן אַ שמאָל טליתל ווי אַ האַנטוך. ער האָט אַ קוק־געטון אויף די פאָדערשטע בענק, וווּ ער איז געווען געוווינט צו זען יעדן טאָג דעם מנין, און געבליבן שטיין. ער האָט מיט ארויפגעצויגענע ברעמען זיך ארומגעקוקט איבער דער שול, אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט דעם בליק אויף דער קופּקע יידן ביי דער טיר און זיין פּנים איז געוואָרן שטייף. מיט געמאָסטענע, פעסטע טריט איז ער צו צום עמוד, אַ צי־געטון דאָס טליתל מיט ביידע הענט און גענומען בלעטערן אין דעם גרויסן, חזנישן סידור מיטן גאָלדענעם שניט, וואָס איז געלעגן אויפן עמוד. אַן אָנגעשפּאַנטע שטילקייט איז געהאָנגען איבער דער שול, און ווען ער האָט אָנגעהויבן דאַווענען, האָט זיין קול זיך אָפּגעקייקלט אין דער שטילקייט מיט אַ ווידערקול. דער מנין האָט שווייגנדיק זיך אַ רוק־געטון נענטער צו דער טיר. דעם ראַביי זענען די ווערטער געבליבן שטיין אין מויל. זיין גוף האָט זיך איינגאַנצן אָנגעשטייפט, און פון די ברייטע קיטל־אַרבל ארויס האָבן וויים אַ בלענד־געטון זיינע פינגער, וואָס זענען געווען מאָדנע צעשפּרייט ווי ביי אַ קליין קינד. רעוורענד פעלדמאַן האָט שווייגנדיק געווונקען צום מנין, געבעטן זיך מיטן בליק, געפּאַכעט מיט די פליגלדיקע אַרבל פון זיין קיטל, און דאָס פּנים האָט זיך ביי אים געקרומט ווי צום וויינען.

דער מנין האָט אָבער עקשנותדיק געשוויגן. סאַנטשע האָט זיך אוועקגעשטעלט פאָרויס מיט צעשפּרייטע הענט און בייז געשיקלט ארום זיך מיט די אויגן. די יידן האָבן זיך געהאַלטן אין איין רוקן הינטערווייַלעכץ צוריק און כמעט שוין געשטאַנען אין דער טיר. איין זעליק האָט צעטומלט געוואָרפן מיטן קאָפּ אויף

אַלע זייטן, זיך איינגעקאַרטשעט אין דרייען און גענומען שטופּן זיך פאַראויס.

— איך וועל דאַווענען... זיי וועלן מיך פאַרמסרן אין מושב־זקנים... ווו וועל איך זיך אַהינטון, ווי איז מיר?... — האָט ער געמורמלט צום עולם מיט אַ צעשראָקן קול.

סאַנטשע האָט אים צוריקגעהאַלטן, אָפּגעמאָסטן אים מיט אַ רציחהדיקן בליק או הינטן־אַרום אים אַ קנייפּ־געטון מיטן גאַנצן כוח. זעליקן האָט פון ווייטיק זיך אַזש פאַרהאַקט דער אָטעם, און ער איז צוריקגעטרעטן.

דער ראַבײַ האָט אויפסניי אָנגעהויבן דאַווענען. דאָס קול בײַ אים האָט זיך געבראָכן און געפלאָטערט מיט אונטערגע־האַקטע פלינל איבער דער שול. דער רעוורענד איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט מיטגעדאַוונט. ער האָט אויסגעשריגן די „אמנס" מיט אַ בהלהדיק, פאַרכליניעט קול, וואָס האָט די שטילקייט געמאַכט נאָך טיפער און אָנגעצויגענער. דער ראַבײַ האָט שווער אָנגעשפּאַרט די הענט אויפן עמוד און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאָס צעפלאָטערטע קול זיינס האָט מיט די לעצטע כוחות זיך געריסן אין דער שטילקייט אַריין און פאַרבלאָנדזשעט אָפּגעהילכט צווישן די הויכע, טונקעלע געוועלבן.

ער האָט געהאַלטן בײַ שמונה־עשרה. ער האָט זיך אַ שאָקל־געטון, געמאַכט אַ טריט אויף צוריק און געבליבן שטיל. די שטילקייט האָט זיך נאָך נידעריקער און געדיכטער אַראָפּגעלאָזט איבער דער שול. דער ראַבײַ איז געשטאַנען אַ פאַרשטייפטער מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן אויף צוריק. די פאַלדן פון זיין קיטל זענען אַראָפּגעהאָנגען שווער און גלייך ווי אויסגעהאַקט אין שוואַרצן שטיין. דער מנין האָט אין דער שטילקייט זיך אָנגעהויבן אומרואיק צו באַוועגן און צו שושקען צווישן זיך מיט אַ צעטומלטן, פאַרשטיקטן פליסטער. דער ראַבײַ האָט ראַפּטום זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום מנין. די ברעמען און די וואָנסעס זענען בײַ אים געווען ווילד אויפגעשויבערט און די אויגן פאַרלאָפן מיט רויטקייט.

— אַרויס פון דאַנען! אַלע אַרויס! — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ כאָרכלדיק קול. ער האָט זיך אַ וואַקל־געטון, צאַפּלדיק

אויפגעהויבן די הענט און הינטערווײַלעכץ אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד.

— געוואַלד, ייִדן!... וואָס האָט איר געטון? איר האָט דאָך אים דערהרגעט!... — האָט דער רעוורענד אַ שריי־געטון נישט מיט זײַן קול און צוגעלאָפֿן צום אוועקגעפֿאַלענעם ראַביי.

## 4.

עס זענען אוועק עטליכע טעג. אין דער שול האָט מען מער נישט געדאַווענט. ראַביי קאָהען איז אָבער פּונקט ווי פֿריער יעדן פֿרימאָרגן, געגנוי אין דערזעלבער צײַט, געגאַנגען אין שול אַרײַן. די טעג זענען געשטאַנען ווינטערדיקע, נאַסע. איבער די גאַסן האָבן זיך געטראָגן ווינטן, געפּאַטשט אין פּנים מיט פֿלאַכטעס רעגן און געריסן די פֿאַרקלאַפּטע טיר־און־פֿענצטער פֿון די פּוסטע הײַזער. דער ראַביי איז געגאַנגען מיט פּאַמעליכע, געבראָכענע טריט, געציטערט מיטן קאָפּ, און די אַקסלען האָבן זיך שפּיציק בײַ אים געהויקערט. ער האָט זיך שטאַרק געעלטערט אין די עטליכע טעג. ער איז געוואָרן קלענער, אײַנגעשרומפּן, אין די גלידער איז אים אַרײַן אַ לויזקייט, און ער האָט געשפּירט ווי דאָס בלוט גיסט זיך שיטער און לאַנגזאַם אין זײַנע אָדערן. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט צונויפֿנעמען די מחשבות. זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זײַן מוח און זיך געשיט ווי זאַמד צווישן די פֿינגער. בלויז די אויגן זענען בײַ אים געבליבן די אייגענע, מיטן שאַרפֿן, פֿויגלשן אָפּגלאַנץ ווי פֿריער, און גייענדיק איבער דער גאַס, האָט ער זיי געהאַלטן אָן אַ פּינטל צו טון געוואָנדט צו דער שול, וועלכע איז מיט די בייכיקע קופּאָלן און הויכע גזימסן איבער די פֿענצטער געשטאַנען ווי אַ שווערע פֿעסטונג.

ער האָט אַראָפּגענומען פֿון דער קאַנצעלאַריע־טיר דאָס אַלטע, אָפּגעריבענע שילדל מיט דער אויפֿשריפֿט וועגן די אַמטליכע אויפֿנעם־שעהן און אָנגעקלאַפּט צוויי נײַע, גרויסע שילדן, איינע אויף דער קאַנצעלאַריע־טיר און איינע אויף דער

טיר אינדרויסן. פאַרן אריינגיין אין דער שול איז ער יעדעס מאָל געבליבן שטיין, לאַנג באַטראַכט דעם נייעם שילד, און דער קאָפּ ביי אים האָט דערביי שטאַרק געציטערט, ווי אָנגעהאָנגען אויף אַ שפּרינגפעדער.

ער איז יעדן טאָג אויסגעזעסן די צוויי שעה ביים שרייבטיש אין דער קאַנצעלאַריע ביז צו דער מינוט. ער איז געזעסן שטייף, מיט אַן אָנגעשטרענגט פּנים, און נישט פאַרגונען זיך אפילו אריינצוקוקן אין אַ ספר, עס זאָל נישט הייסן, אַז ער איז נהנה פון דער צייט, וואָס געהערט צו דער שול. ער איז געזעסן מיט הויך־אונטערגעהויבענע אַקסלען, לאַנג און טיף געצויגן דעם אָטעם, ווי ער וואָלט געשלאָפן. דורך דער וואַנט האָט ער געהערט דעם רעווערענד פעלדמאַן, ווי ער דרייט זיך ארום איבער דער שול, פּוצט מיט דער קער־בערשט די אויסגעריבענע טעפּיכער און פאַרקייכט זיך יעדער רגע מיט אַ טרוקענעם, צעברעקלטן אַסטמע־הוסט. ער האָט זיך איינגעהאָרכט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן צו זיין יעטוועדער באַוועגונג, ווי ער שאַרט שלאָבעריק די פיס, קרעכצט שטיל אין זיך אריין נאָך יעדן פאַרהוסטן זיך, און ווי ער נישטערט כסדר ארום ביי דער טיר און האָרכט אריין אין דער קאַנצעלאַריע. זינט ער איז אוועקגעפאַלן אין דער שול, קוקט דער רעווערענד אויף אים מיט רחמנותדיק־צעפינטלטע אויגן ווי אויף אַ מסוכן, און דרייט זיך ארום אים מיט אַזעלכע פאַרזאָרגטע, צעפּלאָנטערטע טריט, ווי ער וואָלט אָט־אָט זיך געכאַפּט אים צו ראַטעווען. וואָס וויל ער, דער פעלדמאַן? וואָס האַלט ער זיך אין איין דרייען ארום אים? ער, ראַביי קאָהען, קאָן זיך אליין אַן עצה געבן און דאַרף נישט מען זאָל אים כסדר נאָכקוקן. אַז עס האָט זיך שוין יאָ אַזוי געמאַכט, קיין מנין איז נישטאָ, וויל ער גלייכער בלייבן מיט דער שול איינער אליין, אינגאַנצן איינער אליין...

דעם רעווערענד פעלדמאַן איז עס געגאַנגען אין לעבן מיט דער שול. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם ראַביי, נאָך קיינמאָל נישט געזען אים אַזוי פאַרביסן, אַזוי עקשנותדיק־צוריקגעצויגן. מען זאָל פון אַ מענטש נישט הערן אַ וואָרט!

זיצט זיך אין דער קאַנצעלאַריע, רירט זיך נישט פון אָרט און רק ער שווייגט, אַז עס כאַפּט אַזש אָן אַן אימה.

ער איז געווען אינגאַנצן צעטראָגן, דער רעוורענד. זינט דער ראַביי האָט פאַרטריבן דעם מנין, האָט זיך איבער דער שול צעלייגט אַ מוראַדיקע שטילקייט. די שול האָט אים אויסגעזען עפּעס גרעסער און ליידיקער. ער האָט אָנגעהויבן צו באַמערקן אַזעלכע זאַכן, וואָס פריער האָט ער זיי קיינמאָל נישט געזען: שטיקער שפּינוועבעכץ אין די געוועלבן פון סופיט, שפּאַלטן אין די ווענט, דאָ און דאָרט ריסן אין די טעפּיכער, לויז־געוואָרענע ברעטער אין די שול-בענק. דאָס ליכט אין נר־תמיד האָט געפלעמלט אַזוי דין און ציטערדיק, ווי עס וואָלט געהאַלטן ביים אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם. איינעם אַ פרימאָרגן, ווען ער האָט אויפגעשלאָסן די שול, איז אַ שטשור אַראָפּגעשפּרונגען פון בעלעמער און נעלם־געוואָרן צווישן די בענק.

— שוין... עס הויבט זיך אָן... — האָט עס אים אַ זעץ־געטון אין האַרצן אַריין.

דעם אייגענעם טאָג איז ער גלייך פון דער שול געלאָפן צו כאַנטשען. ער האָט געוווינט אויף אַן אָפּגעלעגן, ענג געסל מיט אָרימע, צעהויקערטע הייזלעך איינס אויפן אַנדערן, און געהאַט דאָרט אַ קליין, חושכדיק געוועלבל אַרומגעשטעלט מיט פּאָליצעס, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעסדרט בייכיקע גלאָז־סלאָיעס מיט פאַרשוויצטע צוקערלעך און האַלב־צעשמאָל־צענע שאָקאָלאַדעס. אין געוועלבל איז געזעסן אַ מיידל, אַ פאַר־זעעניש, מיט אַ שפּיציקן הויקער, וואָס איז איר אַרויסגעוואַקסן גלייך פון נאַקן אַרויס, און זיך קאַרבירט די האָר מיט אַ מאַ־שינקע ביים פלאַם פון אַ טריפנדיק ליכטל. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ גלאַנציק, זיידן קלייד פון אַ שרייענדיק־רויטער קאָליר מיט אָן אַ שיעור בענדלעך און שלייפעלעך. איר איינגעצויגן, ביינערדיק פּנימל מיט אַ פלאַטשיקן שטערן ווי אַ ברעטל, איז געווען אָנגעפּודערט און אָנגעשמינקעוועט, און אויסגעזען ווי ביי אַ נייער ליאַלקע ערשט פון דער שאַכטל אַרויס. ביים רעוור־רענדס אַריינקומען האָט זי ווי אַ פויגל אויסגעצויגן איר פאַרשפּיצט קעפּל, אָפּגעמאָסטן אים מיט אַ פּאָר פלינקע,

גרינליכע אויגן, און מיט א שניידיק קול, ווי מען וואָלט געקריצט אויף גלאָז, אים א פרעג־געטון, וואָס ער וויל.

דער רעוורענד האָט גלייך נישט גענענטפערט. ער איז געשטאַנען אביסל א צעמישטער און קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם אין דער חלשותדיקער, זיסליך־קלעפּיקער לופט, וואָס איז געווען אדורכגעזאַפּט מיטן אָנגעזענקטן ריח פון מיידלס קאַרבירטע האָר. זי איז גיך, ווי אויף גומענע פּיסלעך אויפגע־שפּרונגען פון אָרט. דער הויקער האָט זיך ביי איר געהויבן ארויף און אראָפּ, און איר דינע נאָז האָט זיך אָנגעשפּיצט ווי א מעסער־קלינגל.

— רעדדי! רעדדי!... — האָט זי ארויסגעלאָזט א משונהדיקן סוויטש, און אין געוועלב איז אין איין אָטעם אריינגעלאָפן סאַנטשע. ער איז געווען אָנגעטון אין א פּיטש־נאַסן, ווייבערשן פאַרטוך, און אויף זיינע הענט מיט ארויפגעשאַרצטע אַרבל האָט זיך געבלעזלט א געדיכטע זייף־שוים. ער האָט דערזען דעם רעוורענד, גיך אראָפּגעכאַפּט פון זיך דעם פאַרטוך און גענומען ווישן די איינגעזייפטע הענט.

— רעוורענד פעלדמאַן! אזא גאַסט!... — איז ער געוואָרן אינגאַנצן צעטומלט. ער איז צוגעגאַנגען צום מיידל, צערטליך זי ארומגענומען מיט איין האַנט און איר א קוש־געטון אין קאָפּ.

— דאָס איז דער רעוורענד פון אונזער שול, טעכטערל, רעוורענד פעלדמאַן! — האָט ער מיט ליבשאַפט איר געגלעט די האָר.

זי האָט ברוגזדיק א וואָרף־געטון מיטן קעפּל און די קאַרבירטע האָר, וואָס האָבן זיך געלייגט אין קליינע, דינע קרייזעלעך, האָבן זיך צעשאָקלט ווי שפּרינגפעדערן.

— צום רעוורענד פעלדמאַן דאַרף מען זיין גוט, טייער קינד! — האָט ער זי לייכט אָנגענומען פאַר דער גאָמבע.

— דער רעוורענד וועט פאַר דיר געפינען א באַי פאַר א חתן, א שיינעם און א רייכן, כי, כי, כי.... — האָט ער צו איר אראָפּגע־בויגן דעם קאָפּ און געטריי ארייגעשמייכלט אין די אויגן ארייז.

— נאָו, נאָו, נאָו! — האָט זי א קוויטש־געטון מיט רוגזא,

זיך אריסגעריסן פון פאטער און מיט געהיפעטע פויגל־טריטעלעך ארויסגעלאפן פון געוועלבל.

— זי שעמט זיך, די בת־יחידקע מיינע! אן איידל קינד, א געזונט אויף איר קעפעלע! — האט סאנטשע מיט צעשיינטע אויגן איר נאכגעקוקט און נחתדיק צוגעשאקלט מיטן קאפ.

— א פיין מיידל — האט דער רעוורענד זיך אנגערופן מיט א שיטער שמייכעלע.

— אך, רעוורענד פעלדמאן, עקסקיוז מי! אזא גאסט, און איך נעם אים אויף אין שאפ!... קומט אריין אינעווייניק, אין שטוב, פליז! — האט סאנטשע בחיפזונדיק גענומען אראפלאזן די פארשווארצטע ארבל פון העמד און צעטראגן געבלינצלט מיט די שיקלדיקע אויגן.

— ס'איז אלרייט, מיסטער סאנשיין, כ'וועל זיך נישט לאנג זאמען... כ'בין געקומען בלויז וועגן מנין... ס'הייסט, פרעגן ווי האלט עס מיט אייך... — האט דער רעוורענד גערעדט מיט א פארקנייטשט קול.

— וואס איז דא צו פרעגן?... אז איר זענט שוין געקומען צו מיר, וועל איך אייך, ווי א גאסט, אויסזאגן דעם אמת: עס טוט אונז באנג דאס גאנצע עסק...

— איר מיינט עס אויף אן אמת? — האט דער רעוורענד ועפרעגט מיט א פריידיקן ציטער אין קול.

— נו יא... מ'זאל האבן געוווסט, אז עס וועט זיך ענדיקן אזוי־א, וואלט מען גארנישט אנגעהויבן!

— הייסט עס, עס בלייבט ביים אלטן? דער מנין איז ווייטער מנין, הא? — האט דער רעוורענד זיך אלץ נישט געקאנט צוגלויבן.

— שור! אפילו מארגן זענען מיר גרייט צו קומען אין שול אריין.

— אזוי, אזוי... איך זאג אייך, מיסטער סאנשיין, איר האט מיר אראפגענומען א שטיין פון הארצן! דער ראביי וועט זיך פרייען... — האט דער רעוורענד פאר גדולה זיך אזש פארכלינעט מיט די ווערטער.

א שטיק צייט האבן זיי ביידע געשוויגן, נישט געוווסט,

וואָס צו רעדן צו זיך. דער רעווערענד איז געווען אינגאַנצן צעטראָגן, זיך געצופּט דאָס קאָלטנדיקע בערדל און פאַרלוירן אריינגעשמייכלט אין זיך. סאַנטשע האָט זיך כסדר געווישט זיין שפּיציקן, פליכעוואַטן קאָפּ, שטאַרק געשיקלט מיט די אויגן און לסוף זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרזאָרגט קול:

— וואָס זאָל מען טון מיט דזשימסין, רעווערענד פעלדמאַן? ער איז שוין אינגאַנצן אריינגעקראָכן צו דער „סאַלוויישן אַרמי". מען האָט אים אָנגעהאָנגען אַ פּויק אויפן בויך, און ער שלעפּט זיך ארום איבער די גאַסן מיט זייער מוזיק.

— מילא, כל זמן ער איז אַ ייד, נישט איבערגעביטן ס׳רענדל, מעג ער זיין אין מנין — האָט דער רעווערענד אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט. — צווייטנס, האָט מען נישט קיין אַנדערן אויף זיין אָרט. צוליב אים, דעם טריפהניאַק, וועט מען דאָך נישט לאָזן די שול אָן אַ מנין, ווי מיינט איר?

דער רעווערענד איז אַוועק פון סאַנטשען מלא שמחה. ער האָט זיך נישט גערעכט, אַז ער וועט אַזוי לייכט מיט אים אַדורכקומען, און עס האָט אים אַביסל פאַרדראָסן דערויף. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער וועט דאַרפן אוועקלייגן ביי אים אַ שפּאַר ביסל כוח, ביז ער וועט עפּעס אויספּועלן, און צום סוף, גאָרנישט... סאַנטשע אליין בעט זיך איין! טאַקע געמיינט, אַז ער איז מי יודע וואָס פאַראַ חברהמאַן... אומזיסט פאַר אים זיך געשראָקן!

— ווייס איך וואָס... דאָס הויקערל זיינס מאַכט אים אויסצודרייען, דעם גאַנצן קנאַקער! — האָט ער ביטולדיק געקוועטשט מיט די אַקסלען.

אהיימגעקומען איז ער אַן אויפגערוימטער, זיך ברייט אוועקגעזעצט צום טיש און מיט אַפּעטיט געגעסן דאָס שפּעטע מיטאָג, וואָס דאָס ווייב האָט אים ברוגזדיק דערלאַנגט. זי איז געווען אַ הויכע, דיקליכע פרוי, שטייף איינגעצויגן אין אַ קאָרסעט, פון וועלכן עס האָט גדלותדיק ארויסגעשפּאַרט איר הויכער בוזים מיט אַ ווייס, געפאַלדעוועט הערצל. זי האָט געטראָגן אַ הויך־פאַרקעמטע פריזור, וואָס איז געווען ארומגע־שטאָכן פון אַלע זייטן מיט קאַמען און שטייף, ווי אַ ספּאָדיק,

געזעסן אויף איר קאָפּ. קיין גרויס שלום־בית האָט ער מיט איר נישט געהאַט. זי איז געווען פון אַ יחוסדיקער, יאהודישער משפּחה, אַ קרובה פון די אַדעלאַידער מאָנטעפיאָרעס, און געקומען איז זי קיין וואַטלהילל, כדי צו טון אַ שידוך מיטן ראַביי קאָהען. די באַלעבאַטים פון שטאָט האָבן זיך ארומגע־טראָגן מיט טענות אויפן ראַביי, וועלכער איז געווען אַ בחור, און לויט זיינע פירונגען האָט מען געזען, אַז ער טראַכט גאַנץ ווינציק וועגן חתונה־האָבן. מען האָט אים גערעדט פאַרשידענע שידוכים, און ער האָט געהאַלטן אין איין דרייען מיט דער נאָז: כ׳איז נישט פאַר אים. ווען מען האָט אָבער אים אָנגעהויבן רעדן די מיסס מאָנטעפיאָרע, איז ער געבליבן אין אַ פאַרלעגנ־הייט. דער נאָמען מאָנטעפיאָרע האָט זיך נישט געלאָזט סתם־אַזוי אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. ער האָט זיך געדרייט אהין און־אַהער, אָבער זאָגן „ניין" האָט ער נישט געהאַט קיין דרייסטקייט, און מען האָט זי מיט גרויס פּאַראַד אַראָפּגעבראַכט קיין וואַטלהילל אויף קהלס חשבון. עס האָט זיך געשלעפּט מיטן שידוך אַ שפּאַר שטיקל צייט. דער ראַביי האָט געהאַלטן אין איין אָפּלייגן און זיך מישב־זיין, און מיטאַמאָל גענומען טענהן הרטה: דער שידוך געפעלט אים נישט! עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום טענות, דער ראַביי האָט זיך איינגעשפּאַרט, ניין און ניין, און פון שידוך איז גאָרנישט געוואָרן.

צוריקשיקן די מיסס מאָנטעפיאָרע מיט גאָרנישט האָט עפּעס נישט געפּאַסט פאַר קהל, און מען האָט אָפּגעמאַכט זי חתונה צו מאַכן פאַרן רעוורענד פעלדמאַן. נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען אויסצופירן דעם שידוך. מיטן רעוורענד איז מען ווי־עס איז אדורכגעקומען. כאָטש ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן ראַביי און געטראַכט צו בלייבן ווי ער אַ בחור, איז אָבער די מיסס מאָנטעפיאָרע געווען פאַר אים אַ צו גרויסער נסיון. אַ וואַזשנע משפּחה, אַ שיינער נדן, און ער האָט זיך געלאָזט צורעדן. מיט איר איז שוין געווען אַביסל שווערער. איר איז נישט אָנגעשטאַנען דער שידוך מיט אַ פּראָסטן רעוורענד, דערצו נאָך אַ „פאַרעינער". עס איז איר אָבער געגאַנגען אין אַמביציע. זי האָט אים געוואָלט וויַיזן, דעם ראַביי, אַז עס גייט

איר נישט אזוי שטאַרק אין לעבן מיט אים, אַז ער איז ביי איר נ שט מער מיוחס פאַרן רעווערענד, און זי האָט איינגעשטימט אויפן שידוך.

מיסס מאָנטעפיאָרע, אַזוי האָט זי זיך ווייטער גערופן נאָך דער חתונה, האָט זיך געהאַלטן אַנטקעגן מאַן אין גרויסן. זי האָט געפירט אַן אייגן, זעלבסטשטענדיק לעבן, געשלאָפן אין אַ באַזונדערער שטוב און געהאַט אַ ביזנעס פאַר זיך: אַ קליין, ציכטיק געוועלבל אָנגעשטעלט מיט בלומען־טעפּ און פאַרצע־לייענע צאַצקעס און מיט געשניצטע גלאָז־שענק, אין וועלכע עס זענען אין גלייכע, פּינקטליכע רייעס געשטאַנען ביכער, וואָס זי האָט ארויסגעבאָרגט צום לייענען. עס איז געווען אַ בכבודיקע און איידעלע פּרנסה, און זי האָט פאַרדינט מער ווי דער מאַן אירער אין דער שול. זי האָט נישט געוואָלט נעמען פון אים קיין געלט אויף צו פירן די באַלעבאַטישקייט. ער האָט איר געצאָלט פאַרן עסן און שלאָפן אַזויפיל־און־אַזויפיל אַ וואָך, ווי אַ באַרדער.

קיין קינדער פון אים האָט זי נישט געהאַט. זי האָט זיך ארומגעדרייט אין די שטובן אַ שווייגנדיקע און אַ ברוגזע, און עס האָט זיך פון איר געטראָגן אַ ריח פון קאַמפאַר און געקראָכמאַליעטער וועש. צום מאַן האָט זי גערעדט געציילטע ווערטער, און בעתן רעדן ארויסגעזעצט אויף דער פאַרריסענער, פליישיקער נאָז אירע גאָלדענע קוועטש־ברילן, וואָס זענען געהאַנגען אויף אַ זיידן שנירעלע צוגעשטאָכן צום בוזים.

פאַרן בליק אירן דורך די ברילן האָט ער געציטערט אימת־מות. אירע וואַסערדיקע, גרויע אויגן זענען הינטער די גלעזער אויסגעקומען מאָדנע גרויס און פּלאַטשיק, ווי צוויי זילבערנע קנעפּלעך, און געקוקט אויף אים מיט אַזאַ פאַרביסנקייט, אַז עס האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון. היינט אָבער, נאָכן שמועס מיט סאַנטשעזן, האָט ער אין זיך געפילט אַ תקיפות. ער האָט זיך געוווישט ביים עסן די וואָנסעס מיט דער האַנט, געפּאַטשט די ליפּן און געקנעטן קייקעלעך ברויט צווישן די פינגער. ער האָט געוווסט, אַז זי קאָן דאָס נישט פאַרליידן, און געפילט אויף זיך איר פאַרביסענעם בליק. דאָסמאָל אָבער האָט ער נאָך

יר נישט געפרעגט, און מיט א גלייכגילטיק קול, סתם־אזוי, א זאָי־געטון:

— א שווער שטיקל ארבעט היינט געהאַט! אַז ער טוט ניט דאַנען ביז אַהער, דער ראַביי... אַלץ ליגט אויף מיין קאָפּ!...

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט חידוש, ארויפגעזעצט אויף דער נאָז די ברילן, זיי צוריק אַראָפּגענומען, געדרייט מיטן קויך־פּאַרקעמטן קאָפּ און נייגעריק אויפגעשפּיצט די אויערן.

— וואָס די מעטטער? איך האָב עפּעס געהערט, אַז אין דער שול איז טראַבל. מען דערציילט אין דער שטאָט...

— ס׳איז אַלץ אָלרייט! נישטאָ קיין שום טראַבל... — האָט ער איר איבערגעשלאָגן די רייד, זיך איינגענעצט די שפּיצן פינגער אין דעם זילבערנעם מים־אחרונים שיסעלע, פּאַרמאַכט די אויגן און גענומען בענטשן אויף אַ קול.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, גדלותדיק אַ דריי־געטון מיט דער פּלייצע, אָפּגעמאָסטן אים מיטן בליק דורך די ברילן און שטרענג געזאָגט:

— שוין די צווייטע וואָך קריג איך נישט מיין וואָכן־געלט, רעווערענד פּעלדמאַן! וועלל, וואָס וועט זיין?

— נו, נו, נו... — האָט ער מיט פּאַרמאַכטע אויגן ווייטער געבענטשט און פּאַרמוחט זיך געצופּט דאָס בערדל.

צומאָרגנס איז דער רעווערענד מיטן שפּראָץ אויף טאָג שוין געווען אין שול. ער האָט פּלייסיק געריבן מיט דער בערשט די טעפּיכער, געווישט דעם שטויב פון די שול־בענק און געפּוצט די מעשענע שטאַנגען ארום בעלעמער, אַז זיי האָבן אַזש געפינקלט אינם פּאַרווישטן פרימאָרגן־ליכט. די שול האָט צוריק באַקומען איר פריערדיקן, בכבודיקן אויסזען, די שטיל־קייט האָט מער נישט געשראָקן, און פון די הויכע סופיט־געווילבן האָט זיך געטראָגן אַ פייערליכע, גאָטספּאָרכטיקע ערנסט־קייט. ווען ער האָט דערהערט, אַז דער ראַביי איז אָנגעקומען און אריין צו זיך אין דער קאַנצעלאַריע, האָט ער אָנגעטון דעם רעווערענדישן קיטל מיטן ספּאָדיק, וואָס ער האָט זיי נישט געטראָגן, זינט דער מנין האָט אויפגעהערט צו קומען אין שול

אריין, און הויך, מיט דרייסטקייט אַנגעקלאַפּט אין דער קאַנצע־לאַריע־טיר.

ער האָט הרחבהדיק אָפּגעהוסט, זיך געגלעט מיט ישוב־הדעת דאָס בערדל און שטאָלץ געפֿינטלט מיט די שעפּסענע אויגן דעם ראַביי גלייך אין פּנים אַריין.

— מיטן מנין איז אַלרייט, ראַביי! איך האָב גערעדט מיט די יידן. זיי באַשטייען אויף די אַלטע שכירות!...

דער ראַביי איז געזעסן אַ שווייגנדיקער מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ. ער האָט געטעטעמט טיף און לאַנגזאַם און געהויבן די ברעמען אַרויף און אַראָפּ ווי איינער, וואָס איז שטאַרק פֿאַרטון אין די מחשבות. ער האָט נאַכלעסיק אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט און געזאָגט מיט אַ גלייכגילטיק, הויל קול:

— נעווער מאַינד, פֿעלדמאַן... מען וועט אויסקומען אָן מנין...

דער רעוורענד איז געבליבן שטיין אָן לשון. דאָס פּנים האָט זיך ביי אים מהומהדיק אויסגעצויגן און די גאָמבע מיטן פֿאַרקאַלטנטן בערדל האָט גענומען ציטערן. אויף אַזאַ תשובה האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט געוווּסט, אַז דער ראַביי זעט נישט גערן, ווען ער מישט זיך צופֿיל אין די שול־ענינים. פֿון דער ערשטער מינוט, זינט דער ראַביי איז געקומען קיין וואָטלהיל, לאָזט ער אים נישט אויפֿהויבן דעם קאָפּ. ער האָט אים פֿון אַ רעווערענד געמאַכט פֿאַר אַ פּראָסטן שמש, נישט צוגעלאָזט אים צום עמוד אָפּצודאַווענען אַ שחרית אין אַ פּראָסטן וואָכן־טאָג אפילו, געהאַלטן אים שפּלדיק צוגלייך מיט די געדונגענע מנין־יידן און גערעדט צו אים פּונקט ווי צו זיי, נישט אַנדערש, נאָר דייטשמעריש. ער האָט תמיד געזען וואָס ווינצי־קער זיך מיט אים צו באַהעלפֿן, ווי ער וואָלט געווען אַ פֿרעמ־דער אין דער שול. אָפּגעווען מיט אים אזויפֿיל יאָרן צוזאַמען, אַדורכגעמאַכט פֿאַרשידענע צייטן, גוטע און שלעכטע, שטענדיק געווען געטריי דער שול, געטון אַלץ, וואָס דער ראַביי האָט פֿון אים פֿאַרלאַנגט — האָט ער זיך פֿאַרדינט ביי אים אַ בעסערע מערכה... פֿאַרוואָס וויל דער ראַביי מיטאַמאָל נישט דעם מנין? בכן עס איז נישט אַנגעלייגט ביי אים זיין טרחא?

בכן ער קאָן נישט פאַרלײַדן, וואָס ער, פעלדמאַן, טוט עפּעס אויף אײגענער אחריות, אָן דעם ראַביס באַפעל?

דער רעוורענד האָט מיט פאַרדראָס אויפגעהויבן די אויגן צום ראַבײַ. דער ראַבײַ איז געזעסן אַ מיד-אײַנגעהויקערטער, און דער קאָפּ האָט זיך בײַ אים לויז געטרייסלט, ווי ער וואָלט געדרימלט. די הויט אויף זײַן בײנערדיק פּנים איז אַראָפּגע-האַנגען אין ווייכע, צעווירענע פעלדלעך אַרום דער גאָמבע און אונטער די אויגן. ערשט איצט האָט דער רעוורענד דערזען, ווי דער ראַבײַ איז געוואָרן דורך די עטליכע טעג געעלטערט. אפילו די ווײַסקייט פון זײַנע ברעמען און וואָנסעס איז נישט געווען די זעלבע וואָס אַמאָל און אָפּגעשלאָגן מיט אַ שטרויאיקער, טרוקענער געלקייט, ווי פאַרלעגענער פלאַקס.

דער רעוורענד האָט שווײַגנדיק געקוקט אויפן ראַבײַ. דער פאַרדראָס איז פון אים אינגאַנצן אָפּגעטרעטן. אַ שווערקייט האָט זיך אים געלייגט אויפן האַרץ, און ער האָט אַ טיפן זיפץ געטון:

— סערטענלי... מיר וועלן אויסקומען אָן מנין. מיר דאַרפן נישט קיין מנין... — האָט ער זיך שטיל אָנגערופן מיט אַ לויז, נאָכגיביק קול.

דער ראַבײַ האָט נאָך מידער אײַנגעהויקערט די פּלייצעס. ער האָט גאָרנישט געענטפערט, בלויז דער קאָפּ האָט זיך בײַ אים אַ שטאַרקערן שאָקל־געטון. בײַם רעוורענד האָט פון אָט דעם שאָקל זיך פונאַנדערגעשפּרייט אַ טרוקנקייט אין האַלדז. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער פּראָסט־פּשוט צוגעגאַנ־גען צום ראַבײַ, אָנגענומען אים פאַר דער האַנט און זיך אוועק־געזעצט נעבן אים מיט פּונקט אַזעלכע אײַנגעהויקערטע פּלייצעס, און פּונקט ווי ער דרימלענדיק געטרייסלט מיטן קאָפּ און געשוויגן. סתם אַזוי שטיין און שווײַגן האָט ער אָבער נישט געקאָנט. ווערטער האָבן זיך געריסן פון אים שווער און אָנגע־שטרענגט, ווי יעדעס וואָרט וואָלט אים וויי־געטון:

— צו זאָגן דעם אמת, אין וועלכער שול דאַוונט מען יעדן טאָג? אפילו אין מעלבורן, אין דער גרויסער סינאַגאָגע, דאַוונט מען בלויז שבתים און יום־טובים, נישט מער...

ביים ראַביי האָבן די ברעמען זיך האַרכנדיק צונויפגעצויגן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעקוקט דעם רעווערענד מיט אַן אויפגעגלאַנצטן בליק. דאָס האָט אים צוגעגעבן דרשק ווייטער צו רעדן:

— דער ראַביי איז גערעכט, וואָס ער וויל נישט דעם מנין.... — האָט ער זיך אַביסל צוגעבויגן צום ראַביי. — אודאי איידער אַזאַ מנין, איז שוין גלייכער גאָרנישט! אַזעלכע יידן איז אַן עבירה אַריינצולאָזן אין שול. מיט מתים, האָבן זיי געזאָגט, זאָלן מיר דאַווענען, מיט מתים, כע, כע...

— אַ? מיט מתים? — האָט דער ראַביי אויפגעשפּיצט די אויערן, און דאָס קול האָט ביי אים אַזש אַ זונג־געטון.

— יעס, יעס, מיט מתים, כע, כע!... דעם אַלטן ר' ברוכס אַ חכמה! געמיינט ער וועט מיך דערמיט אײַנגאַנצן איבערשרעקן... — האָט דער רעווערענד שוין גענומען רעדן גאָר האַפּערדיק און דערציילט, ווי מאיר סעגאַל קלייבט זיך נאָכן טויט אַריבערצוכאַפּן אַהיים, קיין סטאַשעוו, צו דאַווענען דאָרטן מיט די מתים ביינאַכט אין דער שול.

— איך האָב זיי טאַקע געזאָגט, די יידן, אַז מיט טויטע איז שוין גלייכער צו האָבן צו טון, איידער מיט זיי — איז דער רעווערענד געוואָרן וואָס אַמאָל באַרעדעוודיקער. — זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן די שול אײַנגאַנצן אין די הענט און קאָנען זיך אויסבייטן אַלץ, וואָס וועט זיי איינפאַלן. איך האָב זיי געוואָרנט, אַז זיי וועלן חרטה האָבן. זיי האָבן מיך נישט געוואָלט האָרכן, און איצט באַדויערן זיי. זיי וואָלטן איצט געווען צופרידן, מען זאָל זיי צוריקנעמען אויף די אַלטע שכירות, און אפילו פאַר וויניציקער....

דער רעווערענד איז שטיל געבליבן. ער האָט געזען, אַז דער ראַביי האָרכט זיך קוים צו צו זיינע רייד. די אויגן ביי אים האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ פאַרטראַכטער מאַטקייט און בלאָנדזשענדיק געקוקט אַרום זיך. זיין קאָפּ, אַריינגעצויגן צווישן די איינגעהויקערטע אַקסלען, איז געווען מיד פאַרבויגן אויף אַ זייט. אונטער זיינע וואָנסעס האָט זיך געוויקלט אַ שוואַך, פאַרשלאָפן שמייכעלע. מיטאַמאָל האָט ער אויפגעהוירן

די ברעמען, אפּגעמאָסטן מיטן בליק דעם רעוורענד פון אויבן אַראָפּ און זיך שטיל צעלאַכט:

— מתים, כע, כע, כע! מתים...

פון ראַביים געלעכטערל איז דעם רעוורענד אַדורכגעלאָפן אַ פראָסט איבערן רוקן־ביין, ווי מען וואָלט אים אַ שמיר־געטון מיט אַ נאַסער בערשט אויף דער נאַקעטער פּלייצע.

## 5.

רעוורענד פעלדמאַן איז אַרומגעגאַנגען אָן קאָפּ. דער לעצטער שמועס מיטן ראַביי האָט אים אינגאַנצן צערודערט. זיין צעפלאָסן, אומזיניק געלעכטערל האָט אים אָן אויפהער געקלונגען אין די אויערן און אויפגערודערט אין אים שווערע און טונקעלע פאַרגעפילן. ער האָט גענומען שטאַרקער נאָכקוקן דעם ראַביי. יעדן אינדערפרי האָט ער אים אָפּגעוואַרט פאַר דער שול, נאָכגעגאַנגען אים מיט די אויגן, ווי ער שלעפּט זיך מיט אונטערגעבראָכענע טריט, טרייסלט מיטן קאָפּ און רעדט עפּעס אין זיך אריין מיט אַזאַ דין און פאַרביסן שמייכעלע אויף די ליפּן, וואָס מען זעט עס נאָר ביי מרה־שחורהניקעס. אַ פּאָר מאָל האָט ער אָפּגעשטעלט דעם ראַביי, געוואָלט אים אַרויספירן אויף אַ שמועס, אָבער דער ראַביי האָט אים נישט געענטפערט, בלויז שטאַרקער געטרייסלט מיטן קאָפּ און געקוקט אויף אים מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק, ווי ער וואָלט פאַר אים געווען אינגאַנצן אַ פרעמדער.

דער רעוורענד איז געווען פאַרצווייפלט. עס איז אים שוין נישט געגאַנגען אַזוי ווייט וועגן דער שול, ווי וועגן ראַביי. וואָס זאָל ער אָנהויבן צו טון? זאָל ער זיך אַזוי צוקוקן מיט פאַרלייגטע הענט, ווי עס גייט־איין אַ מענטש אים אין די אויגן? עס איז דאָך נישט הפקר אַ וועלט!... ער וועט לויפן צו די פּאָר באַלעבאַ־טים, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין שטאָט, און מאַכן אַ געוואַלד: היתכן! זאָלן זיי כאָטש איינמאָל אַ וואָך, פון שבת צו שבת, קומען אין שול אַריין. עס איז נאָך דאָ מיסטער מענדעל־

סאָן, דער אַלטער גודמאַן מיטן זון, מיסטער טעפּער, מיסטער גאָלדסטאון — דער ליווערפּולער בלאָפער, מיסטער ליווי. ער וועט אויך מוזן זען, אַז סאַנטשע און נאָך איינער פון געדונגע־נעם מנין זאָלן קומען, כדי עס זאָל זיין אַ פולער מנין. זאָל מען כאָטש איין מאָל אַ וואָך אָפּדאַווענען בציבור ווי עס געהער צו זיין. די שול וועט נישט בלייבן אינגאַנצן הפקר, און אויך דער ראַביי וועט ווערן אויפגעריכט, צוריקריגן דעם קוראַזש און ווידער ווערן אַ מענטש...

דאָס ערשטע האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט זיך אדורכצורעדן מיט גאָלדסטאונען, וועלכער איז איצט געווען אַ וויכטיקער באַלע־באָס, איינער פון די גרעסטע גבירים אין שטאָט. ער איז נישט אַנטלאָפן ביי דער ערשטער בהלה ווי אַנדערע. גראַד ווען עס האָבן זיך געמאַכט די שלעכטע צייטן, האָט ער זיך אַ נעם־געטון צו ביזנעס. אַלע אין שטאָט זענען ארומגעגאַנגען אָן קאָפּ, געזוכט אַ וועג, וואָס גיכער צו אַנטלויפן, און גאָלדסטאון האָט אין דער מהומה דערווייל אָפּגעלעקט אַ ביינדל. ער האָט געמעקלט ביים פאַרקויפן די הייזער און די קראָמען, געדרייט, געמסחרט, און עס איז אים געגאַנגען. ער איז געוואָרן רייכער פון טאָג צו טאָג, אריינגעקריגן אין זיינע קליינע, ווייכע הענטלעך אַ האַלבע שטאָט און גענומען שפּילן די גרויסע ראָלע. ער האָט אָפּגעדונ־גען אויפן גאַנצן לעבן די ערשטע „שטאָט" אין דער שול, אויפן סאַמע מזרח, געלאָזט אויסבעטן די באַנק מיט אַ ווייך, פּלושן געזעמס און אָנקלאַפּן אויפן שטענדער צוויי זילבערנע פּלעטלעך מיט זיין נאָמען, איינס אויף ענגליש און איינס לשון־קודש. ער איז געקומען אין שול אריין בלויז אין די ימים־נוראים און טיילמאָל אין אַ יום־טוב. פונדעסטוועגן האָט ער אָנגעזאָגט דעם רעווערענד, ער זאָל נישט לאָזן קיינעם זיך אוועקזעצן אויף זיין אויסגעבעטער באַנק, וואָס איז אַ גאַנץ יאָר געשטאַנען ליידיק און געבליאַסקעט שטרענג און וויכטיק מיט די זילבערנע פּלעט־לעך אין דער טונקלקייט פון דער שול.

רעווערענד פעלדמאַן האָט אים פיינט געהאַט פּונקט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען ער, גאָלדסטאון, איז נאָך געווען אַ מאַכער אין דער שול, גערודערט מיט זיינע „האָפּקעס" און געקראָכן

דעם ראַביי אונטער די נעגל. מיט די יאָרן איז די שנאה צו אים נאָכמער געוואַקסן. זינט ער איז אריין אין די פּעדערן, האָט ער נישט געזען פאַר זיך די וועלט. קיין גלייך וואָרט האָט ער נישט גערעדט צו אַ מענטש. זיינע אויגן מיט די אויסגעקראָכענע וויעס האָבן באַקומען אַ חלבדיק, פאַרשוווּמען גלענצל, און גע־גאַנגען איז ער מיט אַזעלכע לופּטיקע און שמאָלע שפּרייזעלעך, ווי ער וואָלט נישט פאַרגונען דער ערד זיינע טריט.

אין שול פלעגט ער קומען אַן אויסגעפּוצטער אין אַ שלויז־דאָק מיט ברייטע זיידענע קלאַפּעס און אין אַ הויכן צילינדער, וואָס האָט געגלאַנצט ווי בלעך. איידער ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, האָט ער שטענדיק פריער אַ טאַפּ־געטון מיטן קליינעם פינגער דאָס אויסגעבעטע געזעס און זיך ארומגעקוקט איבער דער שול מיט אַזאַ פּנים, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביי צעניסן זיך. דער ראַביי פלעגט זיך שטאַרק איבערנעמען ביי זיין אריינקומען, וויכטיק אָנגווידערן דעם האַלדז און בריהש אָנשטעלן דאָס קול אויף די הויכע אקטאַוועס, ווי אַמאָל אין די יונגערע יאָרן. ער האָט יעדע רגע צוגעטראָגן דעם קאַמערטאָן צו די אויערן, ביים מינדסטן שאָרך אין דער שול געוואָרפן הינטן־ארום בייזע בליקן אויף די יידן פון מנין. דעם רעוורענד האָט עס אונטערגעהויבן צוזעענדיק, ווי גאָלדסטאַון שווימט מיט די אויגן איבער דער שול און פאַרציט די ליפּן אין אַ דין, געמאַטערט שמייכעלע. ווי איינ.ער זאָגט:

— מנע, אַן עסק פאַר מיינעטוועגן...

דער רעוורענד האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, ביז ער האָט ביי זיך געקאָנט פועלן צו זיין צו גאָלדסטאַונען. ער האָט אָבער נישט געזען פאַר זיך קיין אַנדערע ברירה. גאָלדסטאַון איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געקאָנט צוריקשטעלן די שול אויף די פיס. ער האָט געהאַט אַ גרויסע דעה ביי די איבריקע באַלעבאַטים. ער האָט גענאַרפט נאָר לאָזן פאַלן אַ וואָרט, וואָלטן זיי געקומען אין שול אריין נישט נאָר יעדן שבת, נאָר אפילו יעדן טאָג. וואָס ער איז, איז ער, גאָלדסטאַון, אָבער אַז ער וועט דערהערן, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן אין דער שול און ווי עס האַלט מיטן ראַביי, וועט ער זיך אודאי אָנכאַפּן פאַרן קאָפּ און

אים העלפן ביי די איבריקע באַלעבאַטים ביים צונויפשטעלן אַ מנין אויף יעדן שבת.

גאָלדסטאון האָט אויפגענומען דעם רעוורענד ווי אַן אייגע־נעם און היימישן מענטש אין דעם קליינעם קאַבינעט־צימערל ביי זיך אינדערהיים. אינם קאַבינעטל, מיט ווענט באַשלאָגן ביז אין דער העלפט אריין מיט טונקעלן צעדער־האָלץ, זענען גע־שטאַנען צוויי ברייטע אייזערנע קאַסעס. פון סופיט איז נידעריק אַראָפּגעהאָנגען אונטער אַ גרינער שיין אַן אָנגעצונדענער נאַפט־לאָמפּ, כאָטש עס איז נאָך געווען אינדרויסן טאָג, און געשפּרייט ארום זיך אַ געדיכטע און אביסל אַ סודותדיקע ליב־טיקייט. גאָלדסטאון איז געזעסן אין אַ טיפן פאָטעל, אין וועלכן זיין קליין, רירעוודיק גופל האָט אויסגעקוקט ווי איינגעזונקען אריינגעזונקען צווישן די הויכע אָנלענס, און עס האָט זיך בלויז ארויסגעזען זיין רויט־צעשיילט פּנים מיט די נאַקעטע, חלבדיק־גלאַנציקע אויגן. ער האָט זיך צופרידן געריבן די הענט, געשמייכלט מיט די אויגן ווי איינער, וואָס ריכט זיך צו הערן עפּעס אַ גוטע בשורה, און מיט אַ ליב, נחתדיק שמייכעלע גענומען אויספרעגן, וואָס עס הערט זיך אין דער שול, און וואָס עס מאַכט דער ראַביי.

דער רעוורענד האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פריינטלי־כער אויפנאַמע. גאָלדסטאון איז געווען עפּעס אַזוי צוגעלאָזן און אין זיין קול איז געווען אַזויפיל דערוואַרטונג צו הערן אַל־דאָס גוטס, אַז דער רעוורענד האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו דערציילן אים אַלץ, ווי ער האָט ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט. ער האָט שיטער אָפּגעזיפצט, זיך אַ וויש־געטון מיט ביידע הענט דאָס בערדל און אויסמיידנדיק אָפּגעענטפערט:

— וועל, יו נאָו, וואָס זאָל מען הערן?...

— איז דאָך אָלרייט, הע, הע! — האָט גאָלדסטאון אָנגע־סוואָלן. — אויפן ראַביי קאָן מען זיך פאַרלאָזן מיט דער שול, ביליוו מי...

— יעס, יעס... — האָט דער רעוורענד פאַרלוירן צוגע־באָמקעט, און פּלאָנטערנדיק זיך אין די רייד גענומען דערציילן,

וויאזוי די שׂול איז געבליבן אָן מנין און ווי עס האַלט מיטן ראַביי.

— דער ראַביי איז אינגאַנצן אויס מענטש... — האָט ער שווער געצויגן די ווערטער. — ער וועט עס ניט איבערהאַלטן!... וואָלט כאָטש יעדן שבת געווען אַ מנין...

אויף גאָלדסטאַונס פּנים האָט זיך אָנגערוקט אַ שטרענג־קייט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט און אַ צעטראָגענער גענומען לויפן איבער דער שטוב און זיך קלאַפּן מיט ביידע הענט איבער די היפטן.

— טערריבל, טערריבל!... אַזעלכעס זאָל געשען! דאָס איז אויף דער וועלט נישט געהערט געוואָרן! אַזאַ סקאַנדאַל! און צו מיר קומט מען וועגן אַ מנין!.. מיט אַלע צרות קומט מען צו מיר! — האָט ער געשריגן און זיינע אויגן האָבן געפלאַמט מיט רוגזא.

דער רעווערענד האָט זיך איינגעקאָרטשעט, שולדיק געזינטלט מיט די אויגן, און דאָס קול האָט הכנעהדיק ביי אים געציטערט:

— וואָס זאָל מען טון? באַשערט אַן אומגליק...

— המ... אַן אומגליק! אַן אומגליק! — האָט גאָלדסטאַון ביז אַריינגעברומט אין זיך און יאושדיק געדרייט מיטן קאָפּ.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, מיד פאַרמאַכט די אויגן און ישוב־הדעתדיק גענומען פּייקלען מיט די פינגער אויפן אָנלען פון פאָטעל.

— וועל, מען מוז זען עפּעס צו טון, רעווערענד פעלדמאַן! — האָט ער אַ זאָג־געטון מיט אַן אָנגעצויגן קול. ער האָט אַרויס־גענומען פון דער בוזים־טאַש אַ טשעק־ביכל, שטרענג אָנגעקוקט דעם רעווערענד און מיט אַ טיפן זיפץ גענומען אויסשרייבן אַ טשעק.

— יעס, יעס! מען מוז טון פאַר דער שול אַליץ, וואָס מען קאָן! קיין זאַך טאָר נישט זיין צו שווער! — האָט ער מוסרדיק־פרום געשאָקלט צום רעווערענד מיטן ווייז־פינגער און אים דערלאַנגט דעם אויסגעשריבענעם טשעק.

דער רעווערענד איז אוועק פון גאָלדסטאַונען מיט אַן אַראָפּ־געזונקענעם קאָפּ. ער איז געגאַנגען איבער דער גאַס מיט פאַ־

מעליכע, מידע טריט, און איבער די פיס זענען אים געלאָפן פינ־טעלעך. דער טשעק איז אים געלעגן אין דער טאַש ווי אַ שווער, האַרט שטיק בלעך. ער האָט אים אַרויסגענומען פון דער טאַש און באַטראַכט דאָס קאָלירטע פּאַפּירל מיט גאָלדסטאַנס קיי־לעכדיקער און פּעמער האַנטשריפט, וואָס האָט ביי אים אויס־געזען פונקט אַזוי זאַט און נחתדיק־צעשוואָמען ווי זיינע חלבדיקע אויגן. ער האָט צעקנייטשט אין דער האַנט דאָס פּאַ־פּירל מיט אַזאַ רציחה, אַז ער האָט אַזש פאַרקוועטשט די אויגן. ער וועט עס צערייסן, פאַרברענען, עס זאָל קיין זכר דערפון ניט בלייבן! ניין, דעם טשעק וועט ער נישט צערייסן. פאַרוואָס זאָל ער אויסברענגען דעם ראַביי געלט? ער וועט מאָרגן אינדערפרי אַריינגיין צו אים אין דער קאַנצעלאַריע און אים אָפּגעבן דעם טשעק, און איינוועגס וועט ער אים אויך געבן די שליסלען פון דער שול. ער וועט אים זאָגן: — אָט זענען די שליסלען, ראַביי! איך האָב נישט צו וואָס מער צו קומען אין דער שול אַריין. מען דאַרף מיך דאָ מער נישט האָבן...

און אפשר זאָל ער אים גאָרנישט זאָגן? ער וועט בלויז אַוועקלייגן די שליסלען און דעם טשעק אויפן טיש און אַוועקגיין. בלויז „גוד־באַי" וועט ער זאָגן און אַוועקגיין.

עס האָט אים איבערגענומען אַ רחמנות אויף זיך אַליין. ער האָט אַ שטיק צייט זיך געדרייט איבער די שטילע און ליידיקע גאַסן, דעם קאָפּ טיף אַריינגעצויגן צווישן די אַקסלען. אַ פאַרגעלט שטיקל פּאַפּיר פון אַ ציישונג האָט זיך געטראָגן אין דער לופט מיטן ווינט, וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט צווישן די פאַרשלאָפענע, עלנטע הייזלעך. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פונם מאַנטל, טיף פאַרשטעקט די הענט אין די אַרבל אַריין, און די אויגן האָבן אים געבריט ווי צום וויינען.

אהיימגעקומען איז ער שפּעט פאַרנאַכט. אין הויז איז קיינער נישט געווען. דאָס ווייב איז ,אַ פּנים, נאָך נישט געקומען פון אירע ביזנעס, כאָטש אַלעמאָל אין דער צייט איז זי שוין לאַנג געווען צוריק אינדערהיים. דער רעוורענד איז געווען דער־פון שטאַרק צופרידן. נאָך זי פעלט אים היינט צו זיין געמיט!

ביז זי וועט קומען, וועט ער דערווייל אליין עפּעס איבערבייסן און פאַרשפּאָרן צו האָבן אויף זיך אירע ברוגזע, באַבריליטע אויגן, מיט וועלכע זי שאַרט אים צו די לעצטע צייט, זינט ער צאָלט נישט קיין וואַכנגעלט, דאָס ביסל עסן.

ער איז צו צום שפּייז־שענקל. עס איז געווען פאַרשלאָסן. ער האָט אַ ריס־געטון דאָס טירל איין מאָל, צוויי מאָל, עס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט פּרובירט צו עפענען אַ צווייט טירל, אַ שופלאָד. אַלץ איז געווען פאַרמאַכט. עס האָט אים באַשלאָגן אַ היץ. זי פאַרשליסט פאַר אים דאָס עסן! זי איז בכיון נישט אהיימגעקומען, ווייל זי וויל אים מער נישט געבן קיין עסן אָן וואַכנגעלט. אויף איר איז אַלץ צו גלויבן!... ער האָט מיט רציחה אויפגעבראָכן דאָס שענקל און אומגעוואַשע־נערהייט, אזוי ווי ער איז געשטאַנען, געגומען גלייך פון שענקל ארוים רייסן שטיקער ברויט און קעז. הער ביסן איז אים אָבער געבליבן שטיין אין האַלדז. אין דער שטוב איז געהאַנגען אַ שטייפע, דראָענדיקע שטילקייט. ער איז געשטאַנען פאַרן אויפגעבראָכענעם שענקל און צעטומלט געקוקט ארום זיך. דאָס האַרץ האָט זיך אין אים געוואָרפן. עס האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז ער הערט דעם ווייבס טריט. ער האָט גיך ארויפגע־באַפּט אויף זיך דעם מאַנטל און ארוים פון שטוב.

ער איז געגאַנגען איבער דער גאַס און נישט געזען, ווי עס טראָגן אים די אויגן. אין קאָפּ האָבן זיך אים געמישט די רעיונות. וואָס וועט דאָס ווייב זיינס טענהן, ווען זי וועט דערזען דאָס אויפגעבראָכענע שענקל? וויאזוי וועט ער זיך איצט ווייזן פאַר איר? וואָלט ער נאָר געהאַט עפּעס אַ ברירה. וואָלט שוין זיין פוס מער אין דער שטוב נישט אריינגעשמעקט. ווו זאָל ער זיך אהינטון, צו וועמען גיין? שיין האָט ער אויסגעפירט, רעוורענד פעלדמאַן, צו אַ תכלית געקומען, אַז אָך און ווי...

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. דער הימל, אַ שוואַרצער און אַ טיפער, איז געווען אינגאַנצן באַשפּריצט מיט שטערן ווי מיט גאָלדענעם מאָן און אַראָפּגעאָטעמט מיט אַ געדיכטער, ברוגזדי־קער שטילקייט. אַלץ ארום, די פינצטערע און ליידיקע גאַסן, די הייזלעך, וואָס האָבן זיך געהויקערט איינס איבערן אַנדערן און

זיך אַריינגעשניטן אין דער טונקלקייט מיט די משופּעדיקע דעכער, איז אים אויסגעקומען ווייט און אומהיימיש, ווי ער וואָלט געווען ערגעץ אין אַ פרעמדער שטאָט. ער האָט זיך געדרייט גאַס־איין, גאַס־אויס, קוים געשלעפּט די פיס, און אין קאָפּ האָט זיך אים נאָכאַנאַנד געבאָמבלט ווי אַ צינגל אונטער אַ גלאָק:

— אַלץ אויס... אַלץ אויס...

אין דער שטילקייט פון דער גאַס האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעריסן אַ הילכיק געזאַנג און אַ געקלימפּער פון טאַצן און פּויקן. עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ פּראָצעסיע פון דער „סאַלוויישן אַרמי" מיט שטורקאַצן אין די הענט, און די צעפלאַסענע, פאַררויכערטע פלאַמען האָבן געטאַנצט אין דער פינצטער און צעוואָרפן איבער דער גאַס אויסגעצויגענע שאָטנס, וואָס זענען יעשפּרונגען איינער איבערן אַנדערן און זיך געשאָקלט אויף די מויערן צום טאַקט פון דער מוזיק. דער רעוורענד האָט זיך אויפגעשטעלט, לאַנג געקוקט נאָך דער פּראָצעסיע און אויפן רעיון איז אים געקומען דזשיממי. אים איז ווויל, דזשיממין, האָט ער זיך געטראַכט. איז נישט די שול, האָט ער כאָטש די „סאַלוויישן אַרמי". יעדער איינער, דער מינדסטער, האָט עפּעס, האָט זיך זיין שטיקל תכלית. סאָנטשע האָט דאָס הויקערל זיינס און דאָס צוקער־געוועלבל; זעליק הירש — דעם מושב זקנים אין סידנעי, מאיר סעגאַל — זיין שול אין סטאַשעוו... בלויז ער, פעלדמאַן, איז אינגאַנצן הפקר: נישט קיין היים, נישט קיין קינד, קיין רינד!...

עס האָט זיך אים דערמאָנט דער פרימאָרגן אין דער שול, ווען דער ראַביי איז אוועקגעפאַלן. יעדעס פּיצל איז אים געשטאַנען קלאָר פאַר די אויגן, ווי אויסגעשניצט, און אין די אויערן האָט געקלונגען דער שמועס מיטן מנין וואָרט ביי וואָרט: סאָנטשעס טענות, דעם אַלטן ברוכס, מאיר סעגאַלס. אפשר זענען זיי טאַקע גערעכט, די יידן? די אמתע היים איז, וווּ מען ווערט געבוירן! אין דער פרעמד וואַגלט אַ מענטש בלויז אָפּ דאָס ביסל יאָרן, און נאָכן טויט, קאָן זיין, **ציט עס צוריק אהיים,** צווישן אייגענע... ער, פעלדמאַן, געדענקט כמעט גאָרנישט פון

דער אַלטער היים. אזוי פיל יאָרן זענען שוין אוועק... יאָשע האָט ער דאָרט געהייסן, יאָשע... דאָ רופן אים אַלע רעוורענד פעלדמאַן, אפילו דאָס אייגענע ווייב זיינס...

— יאָשע, האָ? יאָשע... — האָט ער הויך צו זיך געזאָגט, און דער נאָמען זיינער האָט אים אויסטערליש אַ קלונג-געטון אין די אויערן. עס האָט אים אָנגענומען אַ שרעק פאַרן אייגענעם קול. אין קאָפּ האָבן זיך אים אָנגעהויבן מישן די רעיונות. ער האָט דערפילט אין דער פינצטער טריט הינטער זיך, גנבהשע, קילע טריט. ער האָט גענומען האסטיק שפּרייזן און זיך געלאָזט גיין צו דער שול. ער האָט אליין נישט געוווסט, צו וואָס ער גייט אַהינצו. ער האָט אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט די שליסלען פון דער שול, וואָס זענען געלעגן אויסגעוואַרימטע ביי אים אין טאַש, און זייער וואַרימקייט איז דורך די פינגער זיך צעגאַנגען איבעדן גאַנצן לייב. די גאַס, וווּ עס איז געשטאַנען די שול, איז געווען נאָך פינצטערער און שטילער פאַר די אַנדערע גאַסן. דער הימל האָט דאָ אויסגעזען אזוי הויך, אַז די שטערן זענען געווען ווי פאַרהאָנגען אין דער לופט און געבלינצלט מיט אַ דינעם, ציטערדיקן שיין ווי אַפּגעשליפענע. די ווילד־צעוואַקסענע פאַל־מעס ביי די זייטן טראַטואַרן זענען געשלאָפן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און פון צווישן זיי האָבן זיך שוואַרץ אַרויסגעטורעמט די בייכיקע קופּאָלן פון דער שול.

ער איז צו צו דער שול און געבליבן שטיין מיט אַ פאַרגלי־ווערטן אָטעם. אין דער שול איז געווען ליכטיק און אויפן פענצטער האָט זיך שטיל געוויגט אַ שאָטן.

— מתים!... — האָט אים אַ זעץ־געטון אין קאָפּ אַריין. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער די פיס זענען אים געוואָרן ווי העלצער. ער האָט נישט געקאָנט אָפּווענדן דעם בליק פונם פענצטער, אויף וועלכן עס האָט זיך געוויגט דער שאָטן מיט אַזאַ דבקות און שטילקייט, אַז די צערודערטע רעיונות ביים רעוור־רענד האָבן זיך איינציקווייז גענומען אָפּזעצן און עס האָט אים אַרומגענומען אַ רואיקייט ווי אַ וואַרים און שוואַרץ וואָלן געוואַנד.

ער איז צו צו דער טיר. זי איז געווען אָפן. מיט ווייכע טריט,

ווי ער וואָלט געגאַנגען באָרוויס, איז ער אריין אינעווייניק. אַלע לאָמפּן זענען געווען אָנגעצונדן ווי אין אַ יום טוב, און ביים עמוד איז געשטאַנען ראַביי קאָהען אָנגעטון אין זיין יום־טוב־דיקן קיטל פון ווייסן אַטלאַס און אין אַ הויכן, ווייסן ספּאָדיק מיט אַ גאָלדענעם טראָלז אויפן שפּיץ.

דער רעוורענד איז געשטאַנען אַ ווייל און ישוב־הדעתדיק געשאָקלט צו זיך מיטן קאָפּ. אויף זיין פּנים האָט זיך צעלייגט אַ ווייכער, כאַמעטענער שמייכל. ער איז צו צו צום שטענדער, ווו ער האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן זיינע זאַכן, לייכט, מיט די שפּיצן פינגער אים געעפנט און ארויסגענומען פון דאָרט דעם רעוו־רענדישן קיטל מיט דער אַכטקאַנטיקער, צעקנאָדערטער יאַר מעלקע און זיי אָנגעטון אויף זיך, נישט אַראָפּנעמענדיק אויף קיין רגע דעם בליק פונם ראַביי.

# נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט!...

פישל פראכניק איז געווען גאָר שטאָלץ מיט זיין פריינט־שאַפט מיט מיסטער דזשייקאָב גראָסלי. ער האָט טאַקע געהאַט מיט וואָס שטאָלץ צו זיין. מיסטער גראָסלי איז געווען א ייד, א גביר און א וויכטיקער, אָנגעזעענער מאַן. ער איז געווען א „דזשיי־פי", געהאַט א גרויסע דעה אין „סיטי־קאונסיל", און אפילו ביים „גאָווערנמענט" איז ער געווען א שטיקל מאַכער. דערביי איז ער אויך געווען א הייסער און פרומער ייד, געטראָגן אין לאַץ ארייַנגעשטאָכן א גאָלדענעם „ה", און יעדן שבת איז ער געקומען דאַוונען און האָבן דעם מפטיר אין דער שול „אנשי ישראל", פון וועלכער ער איז געווען פרעזידענט.

עס איז געגנוג געווען א קוק צו טון אויף מיסטער דזשייקאָב גראָסלי, כדי גלייך צו זען, אַז ער איז נישט אַבי ווער. א שווער־לייביקער, א קיילעכדיקער, מיט א גרויסן, פּליכוואַטן קאָפּ, וואָס איז געווען ווי ארייַנגעקוועטשט אינם קורצן, ברייט־צעגאָסע־נעם האַלדז. זיין פּנים — שווער, אומבאַוועגליך, פאַרצויגן מיט א שווייסיקער בלאַסקייט, ווי אויסגעקנעטן פון א שטיק רוי טייג. און אין דעם רויען טייג האָבן א פּאָר בולטע, פלינקע אויגן זיך גיך און גליטשיק געדרייט, ווי זיי וואָלטן געשווומען אין בוימל. א קול האָט ער געהאַט א ברייטס, א בריוחדיקס מיט א פעט, לייכעצדיק הוסטל. מיטן הוסטל זיינעם האָט ער אייגנט־ליך גערעדט מער ווי מיט ווערטער. איז ער געווען פון עפּעס אומצופרידן, האָט ער געהוסט קורץ און אָפּגעהאַקט, מיט רוגזא: קכע, קכע, ווי איינער זאָגט: נו, נו, געגנוג שוין! איז דאָס הוסטל זיינס געווען ברייט און שיטערליך מיט א פּתח: קכאַאַא...

קכאאא... האט עס געמיינט: אט דאס איז אַלרייט, דאס געפעלט מיר! איז ער געווען אין עפּעס אַ פאַרלעגנהייט, נישט געהאַט יענעם אויפן אָרט וואָס צו ענטפערן, האָט ער געהוסט פלינק און שאַרף מיט אַ חיריק: קכי! קכי! קכי! און מען האָט געקאָנט באַשיינפּערליך הערן: נישט געכאפּט, נישט געכאפּט, מען דאַרף זיך באַטראַכטן!

פישל פראָכניק איז גאָרנישט געווען קיין גלייכער צו מיסטער דזשייקאָב גראָסלי. ער איז געווען אַן איידעלער יונגערמאַן מיט בלאָסע, דינע הענט ווי ביי אַ שוחט און מיט אַ פּאָר דערשראָקענע, פינטלדיקע אויגן, וואָס האָבן זיך ווי געבעטן ביי דער וועלט:

— —וואָס זאָל איך נעבעך טון? וואָס בין איך שולדיק?

פראָכניק איז טאַקע געווען גאָט די נשמה שולדיק. געווען אַ גרינער, אַ בידנער האָקער, וואָס שלעפּט זיך פון טיר צו טיר מיט אַ וואַליזקעלע סחורות, וועלכע עס איז אים שטענדיק אויס געקומען צו פאַרקויפן אונטערן קרן און אויף באָרג. דערצו נאָך איז ער געווען אַ שעמעוודיקער אויף איינצומאָנען חובות. ער איז דעריבער שטענדיק געווען פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ, און קיינער האָט אים נישט געוואָלט פאַרקויפן קיין סחורה אויף קרעדיט. האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן מיט אַ האַלב-ליידיקער וואַליזע, פאַרלוירן געפינטלט צו די הייזער מיט די אויגן און געקרעכצט אויף זיין ביטער מזל: שיין דערלעבט האָט ער, פישל פראָכניק, אַ ווילנער מיט אַן עילוישן קאָפּ, האָט סמיכת-רבנות אין דער טאַש, און דאַרף זיין אַ האָקער, מ'שטיינס געזאָגט.

ער איז דווקא געקומען אַהער אין דער ווייטער מדינה פול מיט די בעסטע האָפנונגען און גרויסע פּלענער, גערעכנט אַז דאָס לערנען זיינס וועט ער דאָ פאַרצוקערן. מען וועט אים אויפכאַפּן ווי אַן אבן-טוב, ער וועט טון אַ גוטן שידוך, זיך אַריינדרייען אין אַ רייך הויז און קומען צו אַ תכלית, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ יונגערמאַן ווי ער. עס האָט זיך אָבער אויסגעדרייט פונקט פאַרקערט. עס גייט אים נישט אין דער נייער מדינה, כאָטש צעריים זיך. **וואָס האָט ער שוין דאָ נישט אָפּגעטון? וואָס האָט ער נישט**

אויספּרובירט? געהאַנדלט אויפן מאַרקעט, געאַרבעט אין דער קאָנטרי ביי ייִדישע פאַרמערס, זיך גענומען צו מלמדות, געהאַט שוין אפילו אַ פאַבריקל פון הויזן, אָבער פון אַלעם איז גאָרנישט געוואָרן, און ער האָט זיך נאָך אַלע גליקן געמוזט נעמען צו דער ביטערער פּרנסה פון האָקן, פון קלאַפּן אין די טירן מיט אַ וואַ־ליזקעלע סחורות.

ווי קומט אַ פישל פּראַכניק צו אַזאַ מיסטער דזשייקאָב גראָסלי? פאַר פישלען אַליין איז עס געווען אַביסל אַ חידוש. נישט אַנדערש, דאָס מזל האָט אים אַביסל צוגעשפּילט אַז ער זאָל נושא חן זיין אין די אויגן פונם גרויסן גביר. באַקאַנט געוואָרן איז ער מיט אים אין דער שול „אַנשי ישראל", ווו ער, פישל, איז געקומען יעדן שבת דאַווענען. געדאַוונט האָט פישל מיט חשק, מיט אַ ברען, נישט אַדורכגעלאָזט קיין איינציקן „אמן", און „ברוך שמו", און האָט זיך גאָר שטאַרק אָנגעזען און אַרויסגעהערט צווישן די צוויי מנינים געלאַסענע און לאַנג־וויליקע דאַווענערס פון דער שול „אַנשי ישראל". מיסטער גראָסלין, דעם פּרעזידענט, האָט עס לעולם אַביסל פאַרדראָסן אויף דעם גרינהאָרן, וואָס דאַוונט זיך אַזוי ברייט און זיין שול. אַנומלט אָבער, ווען ער האָט געזאָגט די ברכות צו מפטיר, האָט זיך ביי פישלען געהאַט אַרויסגעכאַפּט אַן „אמן" אויפן הויכן קול און מיט אַ געשמאַק, חזניש דריידל, וואָס האָט שטאַרק אָפּגעהילכט אין דער שטילער, האַלב־פּוסטער שול. אַלע מתפללים צוזאַמען מיט מיסטער גראָסלי האָבן זיך אומגעקוקט פאַרחידושט און אָפּגעמאָסטן פישלען מיט די בליקן. פישל איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, אַ פאַרשעמטער און געפינטלט אין פאַרלעגנהייט מיט זיינע דערשראָקענע אויגן. מיסטער גראָסלי האָט אָבער געגעבן אַ צופרידענעם פּתחדיקן הוסט: קכאַאַאַ... קכאַאַאַ... און נאָכן דאַווענען איז ער צוגעגאַנגען צו פישלען, אים דערלאַנגט אַ שלום־עליכם און נאָכאַמאָל אַ הוסט געטון שוין גאָר ברייט און נחתדיק:

— קכאַאַאַ... קכאַאַאַ...

פון דאַמאָלס אָן האָט מיסטער גראָסלי אָנגעהויבן מקרב צו זיין פישלען. יעדן שבת נאָכן דאַווענען פלעגט ער צוגיין צו אים,

אויספרעגן אים, ווי עס געפעלט אים די מדינה, און קלאפן אים גוט־ברודעריש איבער דער פלייצע:

— יו'ל בי אָלרייט, מיסטער פראָכניק, נעווער מאַינד!...

ער האָט אים פון צייט צו צייט גענומען פארבעטן צו זיך אהיים, און פישלס רעיונות האָבן גענומען פליען גאָר הויך. אזא מין ווי מיסטער גראָסלי וועט זיך דאָך נישט ארײַנלאָזן סתם אין דער וועלט אריין אין פריינטשאפט מיט יעדן איינעם. שסתמא מיינט ער עפעס דערמיט, האָט פישל זיך געטראַכט. ער האָט זיך, אפנים, דערקענט אויף אים, פישלען, אז ער איז נישט סתם עפעס א גרינגער, א פּראָסטער נפש, אז האָקעריי איז נישט פאר אים קיין פרנסה, און ער קלערט פאר אים עפעס אויפצוטון. שייך צו זאָגן, וואָס אזא מיסטער גראָסלי קאָן אויפטון פאר א מענטש... דער עיקר דארף מען וויסן, ווי זיך מיט אזא איינעם צו פירן, נישט מאכן זיך נעבעכדיק, צו קליינ־געלט, נאָר אדרבא, האַלטן זיך אויף דער מדרגה, נישט ארויס־ווייזן אים, אז ער איז א נצרך און קוקט־אוים מען זאָל אים העלפן.

און פישל האָט זיך טאַקע געמיט צו האַלטן אויף דער מדרגה. ער איז געוואָרן אַן איינגייער ביי מיסטער גראָסלי אין הויז און פלעגט פארברענגען מיט אים א שעה, צוויי אין א שמועס וועגן וועלט־זאכן, צי וועגן תורה. מיסטער גראָסלי פלעגט אים פון צייט צו צייט א פרעג־טון, ווי עס גייט אים אין ביזנעס, אָבער פישל האָט אים כסדר געענטפערט:

— גאָט צו דאנק, מען מאכט א לעבן.

און האָט פישל טיילמאָל זיך ארויסגעכאפּט מיט א קרעכצל ווי אַן אָנצוהערעניש, אז מען וואָלט אים געדאַרפט אביסל ארויסהעלפן, פלעגט מיסטער גראָסלי זיך אָנבלאָזן און א הוסט־טון מיט זיין אָפּגעהאַקט, ברוגזדיק הוסטל:

— קבע, קבע! דאָ איז די בעסטע „קאַנטרי" אין דער וועלט! מען טאָר זיך נישט באַקלאָגן!

האָט אָבער פישל גענומען רעדן וועגן תורה און גאָט־זאכן, פלעגט מיסטער גראָסלי לייטזעליק שאָקלען מיטן קאָפּ און צו־פרידן אונטערהוסטן:

— קכאאא... קכאאא...

פישלען האָט דאָס אונטערגעוואַרעמט, צוגעגעבן מוט. ער האָט גענומען זיך בריהן מיט זיין בקיאות אין לערנען און שיטן מיט פסוקים פון דער גמרא, און מיסטער גראָסלי פלעגט דאַמאָלס לאַנגזאַם און מיט ישוב הדעת ארויסציען א קליין זיידן קאַפּעלע פון דער בוזים־קעשענע פון זיין ראָק, עס אָנטון אויפן שפּיץ פון זיין גרויסן, נאַקעטן שאַרבן און צעשפּאַרן זיך רחבות־דיק אין דעם ווייכן פאָטעל. ער פלעגט דערביי פאַרפלעכטן זיינע קורצע, פליישיקע הענט אויפן ברייטן בויך און דרייענדיק מיט די גראָבע פינגער איינער ארום אַנדערן א רוף־טון אין צווייטן צימער אריין:

— מערי! מערי! טי פאָר טו, פּליז!...

מערי איז געווען גראָסלים טאָכטער, א מיידל פון א יאָר צוואַנציק, א הויך־געוואַקסענע, א שמאָלע ווי אַן אמתע ענגלענ־דערין, מיט ווייכע, דינע האָר, וואָס האָבן זיך לופטיק געקרייזלט אויף איר קליינעם, שטאָלצן קאָפּ. זי פלעגט מיט לייכטע, טאַנ־צענדיקע טריט אריינברענגען טיי אויף א טאַץ, און מיסטער גראָסלי פלעגט הנאההדיק געבן א פּאָטערליך פּעטשל אויף איר באַק מיט זיין פליישיקער, זאַטער האַנט און א ברום־טון מיט זיין צופרידן הוסטל:

— עי גוד גערל, קכאאא... קכא...

דערנאָך פלעגט ער זייטיק א קוק־טון אויף פישלען, אים אָפּמעסטן כלאחר־יד מיטן בליק און א וואָרף־טון אביסל נאָכ־לעסיק, ווי פון יוצא וועגן:

— מיִעט מיסטער פּראָכניק, מערי, פראָם ראַשיא...

מערי פלעגט קאָקעטיש געבן א שאָקל מיט אירע לופטיקע האָר און נישט קוקנדיק אויף פישלען העפליך א שמייכל־טון אין חלל אריין:

— האָו דו יו דו...

פישלען איז געקראָכן אין קאָפּ אריין, וואָס מיסטער גראָסלי האַלט אים אין איין פאָרשטעלן פאַר זיין טאָכטער. עס איז נישט אומזיסט, עפּעס א כונה מוז ער דערביי האָבן, נישט אַנדערש. זאָל ער מיינען א שידוך אפשר? און פאַרוואָס טאַקע

בישט? מען האָט אים אין דער היים אויך גערעדט גאַנץ פיינע גבירישע שידוכים. אַ יונגערמאַן מיט סמיכות רבנות אין דער טאַש איז נישט אוועקצומאַכן מיט דער האַנט.

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אין פישלען אויפגעוועקט אַן אומרואיקייט. מערים געשטאַלט האָט כסדר געשוועבט פאַר זיינע אויגן, און עס האָט אים גאָר שטאַרק אָנגעהויבן ציען צו גראָסלים הויז. ער האָט גענומען זוכן פאַרשידענע תירוצים, כדי וואָס עפטער צו קענען קומען צו גראָסלין און זיך מיט אַלע כוחות געמיט וואָס מער נושא־חן צו זיין אין זיינע אויגן. ער האָט אָנגעהויבן צוריק אריינצוקוקן אין ספרים און פאַר יעדער וויזיט צו גראָסלין זיך איינגעחזרט אַ בלאַט גמרא מיט אַלע פשטליך, כדי צו באַווייזן אים זיין חריפות אין לערנען. די שמועסן זיינע מיט גראָסלין זענען געוואָרן גאָר לומדיש און טיף. ער האָט געשאָטן מיט פלפולים, געדרייט מיטן גראָבן פינגער, און מיסטער גראָסלי האָט נחתדיק צוגעבאָמקעט מיט זיין הוסטל, געטאַפּט זיך כסדר דאָס יאַרמולקעלע אויפן שפּיץ קאָפּ און געבאַסעוועט גאָר אויפגעלייגט אין דעם אַנדערן צימער אריין:

— מערי, מערי! טי פאָר טו, פּליעז!...

מערי האָט ווידער געבראַכט טיי, דער פאָטער האָט זי גע־פּאַטשט איבערן בעקל און ווידעראַמאָל פאָרגעשטעלט פאַר איר פישלען.

— דהיס איז מיסטער פּראַכניק, פראָם ראַשיאַ!

— האו דו יו דו.... — האָט זי ווי אַלעמאָל אַ טרייסל־געטון מיט אירע לופטיקע האָר און געוואָרפן אַ שמייכעלע אין חלל אריין, נישט שענקענדיק פישלען קיין בליק.

פישלען האָט שוין אָנגעהויבן אפילו צו פאַרדריסן אויף מערין, הלמאי זי האַלט זיך לגבי אים אַזוי גדלותדיק. נאָר ער האָט זיך געטרייסט: אַ יונגע קאַזע, וואָס ווייסט זי פון לערנען... זי איז אַ היינטוועלטיקע, אַ געבילדעטע, און פאַר אַזעלכער דאַרף מען זיך אַרויסווייזן נישט נאָר מיט לומדות, נאָר אויך מיט בילדונג און וועלטליכע זאַכן. נישקשה, ער פישל, איז אין חיצוניות אויך נישט קיין פרעמדער און האָט אַ שטיקל

ידיעה אין וויסנשאפטן, און אז מען באדארף, וועט ער אויך א מיסס גראסלי איינבייסן, מען קאן זיך אויף אים פארלאזן.

פישל האט זיך גענומען איינצובייסן די מיסס גראסלי, ווייזן איר, אז ער איז נישט קיין פרומאק, קיין פאנאטישער גרינהארן, נאר א מענטש מיט בילדונג, א היינטוועלטיקער. אז זי פלעגט אריינקומען מיט דער טאץ טיי, פלעגט ער באלד פארקערעווען דעם שמועס מיט מיסטער גראסלי וועגן תורה אויף וועלטליכע זאכן, און מיט אן אויפגעהויבן קול רעדן:

— אלבערט איינשטיין יו נאו? איך האב אים א סך שטו־דירט. א גרויסער קאפ!...

— וועל, וועל! אלבערט איינשטיין! קכא, קכא... — פלעגט מיט צופרידנקייט זיך צעהוסטן מיסטער גראסלי. — הי איז עי זייאניסט, יו נאו? — און צונעמענדיק פון מערין די טאץ מיט טיי, ווי אלעמאל איר געבן א פעטשל איבער דער באק.

— גוד גערל, מערי! מיעט מיסטער פראכניק, פראם ראשיא...

און מערי, ווי קיינמאל גארנישט, זאגט זיך אפ איר „האו דו יו דו" און טענצלט זיך ארויס פון צימער.

— א דאגה האט זי מיט אלבערט איינשטיינען! א נארישע ציג, אן אמתע שיקסע! — טראכט מיט פארדרוס פישל און נעמט צוריק קנעלן א גמרא־פשטל מיט מיסטער גראסלי.

איינמאל אן אוונט, עס איז געווען מוצאי־יום־טוב, איז פישל געזעסן ביי מיסטער גראסלי און גערעדט תורה. פישל איז געווען אביסל יום־טובדיק אויפגעלייגט. ער האט זיך צע־ווארעמט ביים רעדן און זיך אריינגעלאזן אין א פארפלאנטערטן פילפול וועגן קרבנות. ער האט גערעדט מיט ברען, געווארפן מיט די הענט, און זיינע אויגן האבן פייכט געגלאנצט מיט יום־טוב־דיקער פרומקייט. אויך מיסטער גראסלי איז געווען באזונדערס גוט אויפגעלייגט. דער רעווערענד פון שול „אנשי ישראל" האט אין זיין היינטיקער, יום־טובדיקער דרשה גערעדט וועגן אים, וואס פארא גרויסער מאן און הייסער ייד ער איז. ער האט מיט א פרום־פארצויגן פנים זיך איינגעהארכט אין פישלס רייד, און זיינע בולטע אויגן האבן זיך פלינק נאכגעגליטשט נאך יעדער בא־

וועגונג פון פישלס הענט. ער האָט געשמאַק אונטערגעזיפצט מיט זיין נחתדיק הוסטל און נישט אַראָפּגענומען די האַנט פון דער יאַרמולקע, זי זאָל חלילה זיך נישט אַראָפּגליטשן פון זיין נאַקעטן שאַרבן אינמיטן פון אַזאַ הייליקן שמועס.

מערי האָט אַריינגעבראַכט טיי, היינטיקס מאָל מיט אַ טאָרט לכבוד יום־טוב. מיסטער גראָסלי האָט מחמת צוואָרעמ־טער פרומקייט זי אָנגערופן ביי איר יידישן נאָמען.

— מרימ׳ל, עי גוד גערל!...

פישל איז געזעסן אַ שווייגנדיקער, אַן אָפּהענטיקער. ער האָט זיך געריכט, אַז אַט שטעלט אים מיסטער גראָסלי ווי גע־ווינליך פאַר זיין טאָכטער, ווי זי גיט אַ זאָג־אָפּ איר פּזמונדיקן „האו דו יו דו" און ווערט באַלד פאַרשוווּנדן, נישט אומקוקנדיק זיך אויף אים אפילו. זי איז געשטאַנען האַרט נעבן אים. עס האָט זיך פון איר געטראָגן אַ גביריש־דעליקאַטער ריח פון טייערן פּאַרפום, וואָס האָט פישלען שיכורדיק פאַרדרייט דעם קאָפּ. ער האָט טיף אין זיך אַ ציי־געטון דעם פּאַרפום־געשמאַק, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט מיידלשער, קילער פרישקייט פון איר שלאַנקן גוף. עס איז אים מיטאַמאָל טרוקן געוואָרן אין מויל, ווי ער וואָלט געקייעט וואַטע. די הענט האָבן ביי אים אָנ־געהויבן שטאַרק שוויצן, און אין מוח האָט ווילד גענומען קלאַפּן אַ רעיון:

— זאָל זי כאָטש אַ קוק־טון אויף מיר! כאָטש איין קוק!

אין זיין ברוסט האָט זיך פונאַנדערגעשפּאַרט אַ בייזע פאַרביסנקייט. ער האָט טרוקן אָפּגעהוסט, אַ וויש־געטון די פאַרשוויצטע הענט אויף די קני, און מיט אַן אָפּגעהאַקט, פאַרשטיקט קול געזאָגט:

— מיסטער גראָסלי! איך גלויב נישט אין גאָט! נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט!...

ביי מיסטער גראָסלי זענען די גליטשיקע שוואַרצאַפּלען מיטאַמאָל געבליבן שטיין אויסגעגלאָצט און שטייף. ער האָט גענומען טאַפּן מיט פונאַנדערגעשפּרייטע פינגער אַרום זיך איבער דעם ברייט־צעלייגטן בויך, דאָס פּנים האָט זיך ביי אים

אויסגעצויגן, און די יארמעלקע אויף זיין קאפ האט זיך קרומליך א רוק־געטון ארויפצוצו צום סאמע קארק:

— קכע! קכע! — האט ער זיך פונאנדערגעהוסט שארף און אפגעריסן, — קכע, קכע!

מערי האט, ווי קיינמאל גארנישט, גלייכגילטיק אוועקגע־שטעלט דעם כיבוד אויפן טיש און מיט איר לייכטן טראט ארויסגעטענצלט פון דער שטוב. זי האט זיך, ווי איר שטייגער, נישט אומגעקוקט אויף פישלען, וועלכער איז געזעסן אויף זיין ארט א פארלוירענער, אן אפהענגטיקער און אומבאהאלפן געפינטלט צו מיסטער גראסלי מיט זיינע דערשראקענע אויגן, ווי ער וואלט זיך ביי אים שטום געבעטן:

— וואס בין איך שולדיק? וואס זאל איך, נעבעך, טון?...

# אויף א פארם

סענדי א'ברייען, א הויכער אירלענדער מיט א לענגליכער, מאסיווער גאמבע, אויף וועלכער עס איז ווי א מאך געשטאנען א ברודיק־געלבליכער, נישט־דאזירטער אנוווקס, האט מיטן פוס אוועקגעשארט א קופע אפגעשונדענע, פארבלוטיקטע קראליק־פעלעכלעך, וואס ער האט געהאלטן ביים ארויפציען אויף דראטענע רעמלעך צום טרוקענען. פון די פעלעכלעך האט איבער דער ענגער, טונקעלער שטוב, מיט ווענט צונויפגעקלאפט פון רויע בעלקעס, זיך צעלייגט א יאטקעדיקער, צעפארעטער ריח און געקלעפט זיך צום גומען ווי א שליים. א'ברייען האט טיף א ציי־געטון דעם אטעם און זיך אויפגעשטעלט מיט א שווערן קרעכץ פונם נידעריקן, איבערגעקערטן קעסטל, אויף וועלכן ער איז געזעסן פארטון אין דער ארבעט. ער האט פארווארפן די הענט אויפן נאקן, זיך אויסגעלענגערט מיט דער גאנצער הויכקייט פון זיין ביינערדיקן, צעפלאכטענעם גוף, און מיט א הנאהדיק־פארצויגענעם געניץ צוגעגאנגען צום פענצטער.

אין דרויסן האט דער טריבער, אויסטראלישער הארבסט־טאג געהאלטן ביים פארגיין. עס האט און אויפהער געגאסן א דינער, קאלטער רעגן. דער גרא־פארוואלקנטער הימל איז שווער געהאנגען איבער די דורכגעווייקטע, בלאטיק־שווארצע פעלדער. עטליכע שיטער־צעווארפענע פארם־הייזלעך האבן זיך פארווארלאזט געהויערט אין דער ווייטקייט, און די בלעכערנע קעסלען, אין וועלכע די אויסטראלישע פארמערס זאמלען דאס רעגן־וואסער, זענען ווי בייזע שומרים געשטאנען ביי יעדן הייזל און מיט זייער בייכיקער רונדיקייט קאלט געגלאנצט מיט א זשאווערדיקן אפשיין אין דער רעגנדיקער גראקייט ארײַן. א סטאדע שעפסן האט זיך געטונקלט פונדערווייטנס, און די ענג־צונויפגעטוליע־

טע וואַליקע שעפּסן־רוקנס האָבן זיך הויקערדיק געכוואַליעט, ווי אַ שטיק וואָלקן־פּלאַכטע פון הימל אַראָפּ. אַ פּאָר יתומדיקע עקאַליפּטן האָבן זיך וויסט געשאָקלט אַנטקעגן נידעריקן הימל מיט זייערע שיטערע צווייגן, און אין דעם געדיכטן רעגן האָט זיך אַלץ געזען, ווי דורך אַ גלעזערנער זיפּ, וואָס האָט כסדר געציטערט און זיך פונאַנדערגעבלאָזן אין ווינט.

אַ׳ברייען איז אַ ווײַלע געשטאַנען ביים פענצטער און מיט אָנגעכמורעטע אויגן אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

— אַ ברודיק וועטער, — האָט ער אַ זאָג־געטון, אָפּווישנ־דיק מיט זיין שווערע, אָדערדיקער האַנט דאָס פאַרלאָפענע פענצטער. — עס וועט, דאַכט זיך, רעגענען אַ גאַנצע נאַכט.

— ביי מיר שטייט דאָס גאַנצע פעלד אונטערן וואַסער, — האָט מיט אַ יאושדיק קול געזאָגט סעם ראָטמאַן, אַ יידישער פאַרמער, אַ׳ברייענס שכן, וועלכער איז געזעסן הארט ביים קאַמין און פאַרזאָרגט געקוקט אויף דעם פייער, וואָס האָט מיט אַ וואַרים־־רויטן אָפּשיין זיך אָפּגעשלאָגן אויף זיין אויסגע־צערט, ביינערדיק פּנים, אויף וועלכן עס האָבן זיך שוואַרץ געבערשטלט אַ פּאָר האַרטע, געדיכטע ברעמען.

— נישט קיין וואונדער, סעם, — האָט אַ׳ברייען אים מוסרדיק געענטפערט. — כ׳האָב אייך כסדר געוואָרנט, אַז ס׳איז אומזיסטע אַרבעט עפּעס צו פאַרזייען. ס׳אָרט איז נידעריק.

— כ׳האָב אַליין גאַנץ גוט געוווסט דערפון, — האָט אים סעם אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן. — מיין אַרבעט איז מיר נישט קיין שאָד. עס גייט מיר וועגן עפּעס סנדערש, סענדי.

— כ׳וויים, כ׳וויים! — האָט דער אירלענדער חוזקדיק אַ שמייכל־געטון. — איר האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אריין אַ נאַרישע פאַנטאַזיע, נאָר איר וועט זיך אויסניכטערן מיט דער צייט, „נעווער־מאַינד”...

— וואָס פאַרא פאַנטאַזיע איז עס? — האָט מיט היץ אויסגערופן סעם. — הונדערטער פאַמיליעס קאָן מען דאָ, אין דער געגנט באַזעצן. אַ פּעט און פרוכטבאַר לאַנד פוסטעוועט דאָ. דער גאַנצער שטח כמעט ביז אַדעלאַיד איז פאַרנומען מיט שעפּסן־פאַרמעס. די שעפּסן קאָן מען אַריבערפירן העכער

צו צפון ארויף, און דאָ מאַכן פּלאַץ פאַר אַ גרויסן „סעטלמענט". וואָלטן מער פאַרמערס געטון ווי איך און זיך דאָ באַזעצט, וואָלט מען שוין געמוזט עפּעס טון אָפּצוציען ס'וואַסער.

— דאָס וואָלט זיך געלאָזט טון... — האָט אַ'ברייען ישוב־הדעתדיק געענטפערט, צוגייענדיק צום קאַמין און אויפשאַרנדיק דאָס פייער, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געלן פלאַם, פונאַנדערדרייסנדיק די בין־השמשותדיקע טונקל־קייט, אין וועלכער דאָס קליינע שטיבל האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרזינקען.

— דעריבער טאַקע האָב איך זיך באַזעצט דאָ אין דער ווילדערניש. כ'זאָל נאָר האָבן איין גוט געדעטעניש, און עס זאָל זיך ביי מיר אָפּשטעלן נאָר אַ קליין ביסל געלט, וואָלט איר שוין געזען, ווי דער גאַנצער יידישער „סעטלמענט" וואָלט אהערצו געקומען צו לויפן. דעם יידישן „סעטלמענט" וויל איך אהערצו ברענגען. וואָס פאַרא באָדן האָבן זיי דאָרט? לוימער זאַמד. דאָס באַמיסטיקן קאָסט זיי דאָך אָפּ אַ פאַרמעגן. די באַן גייט דאָרט אדורך, מיינען זיי, אַז דאָס איז דאָס גאַנצע גליק. דאָס לאַנד ארום דעם „סעטלמענט" איז טאַקע דעריבער טייער, און יעדער שפּאַן ערד איז שוין דאָרט פאַרנומען. נישטאָ קיין אָרט פאַרן „סעטלמענט" זיך פונאַנדערצושפּרייטן. און דאָ, אינגאַנצן אַ דריי מייל וויטער, פּוסטעוון טויזנטער אַקער גוט און ביליג לאַנד. וואָלטן נאָר עטליכע פאַרמערס אהערצו געקומען, וואָלטן שוין די איבעריקע נאָכגעגאַנגען. נאָר איין מזלדיקן שניט איך זאָל האָבן, האָט איר דאָ גלייך אַ האַלבן יידישן „סעטל־מענט".

דער אירלענדער האָט חידושדיק אָנגעקוקט סעמען.

— וואָס גייען אייך אזוי שטאַרק אָן די יידן פון „סעטל־מענט"? זיי טוען ווי זיי פאַרשטייען. וועמעס „ביזנעס" איז עס?

— וואָס הייסט, וועמעס „ביזנעס" דאָס איז? — האָט סעם זיך אויפגעכאַפּט און אין זיין שטים האָט זיך פאַרגנבעט אַן אָפּקלאַנג פון גמרא־ניגון, וואָס האָט מאָדנע פרעמד אָפּגעהילכט אין דעם גויאיש־רויען, פויערישן חלל פון דער שטוב.

— נישט נאָר די יידן פון „סעטלמענט" וואָלט מען דאָ געקאָנט

באזעצן. עס וואָלטן אויך געקומען אַ סך יידן פון דער שטאָט. אַ גרויסן יידישן „סעטלמענט" וואָלט מען דאָ געקאָנט אויפ־בויען. קיין פּלאַץ פעלט נישט דאָ.

— שטאָטישע מענטשן, הם...! — האָט דער אירלענדער ביטולדיק אַ קוועטש־געטון מיט די אַקסלען.

— הער־אויף אַזוי צו רעדן, „דעדדי"! — האָט זיך נישט דריסט אָנגערופן דזשין, אַ מיידל פון אַ יאָר ניינצן, וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסן שווייגנדיק ביים טיש און עפּעס גע־שטריקט פון רויטער וואָל. — דו דאַרפסט נישט רעדן אַזוי צו מיסטער ראָטמאַן!... ער וויל אויפטון אַ וויכטיקע זאַך. ער איז אַ פּיאָנער, אַ ריכטיקער אויסטראַלישער פּיאָנער. דו וואָלסט אים בעסער געהאָלפן אָנשטאָט אים אָפּצוקלאַפּן פון מוט.

— האָ, האָ, האָ! — האָט אָ'ברייען זיך ברייט פונאַנדער־געלאַכט. — דו נעמסט זיך צופיל אָן פאַר מיסטער ראָטמאַן, דזשין... עס איז פאַרדעכטיק... — האָט ער ביטרע אַ ווונק־געטון צו סעמען. — „באַט נעווער מאַינד". מיסטער ראָטמאַן ווייסט, אַז איך בין אים אַ גוטער פריינט. ער איז „דינקום", און אַזעלכע האָב איך ליב.

— האָסט מאָדנע ליב מענטשן, — איז דזשין ווייכער גע־וואָרן. — האָסטו עמיצן ליב, האַלטסטו אים אין איין זידלען און מוסר־זאָגן. צו דער מאַמען, ווען זי האָט געלעבט, ביזטו אויך אַזוי געווען, און צו מיר ביסטו אויך אַזוי!..

— שאַר־אַפּ, מיידל! לערנען וויל זי מיך גאָר! — האָט דער אירלענדער מיט געמאַכטער שטרענגקייט זיך צעבייזערט, און נאָך אַ ווייל שטילשווייגן מיט ברייטקייט צוגעגעבן:
— שטעל אוועק אויפן טיש אַ פלאַש „לאַגער", וועלן מיר אויס־טרינקען מיט מיסטער ראָטמאַן אויף פריינטשאַפט. אַן אמתדיק וואָרט איז שטענדיק אַביסל האַרב, ווי אַ גוט גלאָז ביר, נישט אמת, סעם?

דזשין האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון שטוב. אָ'ברייען האָט איר נאָכגעקוקט מיט ליבנדיקע, צעשמייכלטע אויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ:
— אמתדיק „אייריש" בלוט אין איר: קאָן נישט פאַרליידן

קיין עולה, און פאר א רעכטן מענטש וועט זי זיך לאָזן דעם האַלדז שנײַדן... פונקט אזוי ווי איך! — האָט ער אַ זעלבסט־צופרידענער אַ קרעכץ־געטון.

דזשין האָט אריינגעבראַכט ביר און גלעזער. אַ׳ברייען האָט מיט פייערליכקייט אָנגעגאָסן פאַר אַלע דריי און אויפהויבנדיק זיין גלאָז הויך אויסגערופן:

— „גוד־לאַק", סעם! איך ווינטש דיר אַ גוט געראָטעניש און טויזנטער יידישע פאַרמערס ארום און ארום. זאָל לעבן „איירלענד"!

ער האָט מיט הנאה אָפּגעזופּט פון גלאָז, מיט הרחבה זיך צעשפּאַרט אויף זיין שטול און קוקנדיק אַ ווייל אויף סעמען מיט אויפמערקזאַמקייט, גלייך ער וואָלט זיך פאַרנומען אים אדורכצובליקן דורך־און־דורך, געזאָגט:

— מאָדנע מענטשן זייט איר, יידן! אומרואיקע, שטענדיק פאַרזאָרגטע, ערנסטע. פאַרוואָס נעמט איר נישט דאָס לעבן פשוט, אזוי ווי עס איז? צו וואָס פאַרלאַנגען פון זאַכן, מער וויפיל זיי קענען געבן? אָט איר אליין: איר זייט געוואָרן אַ פאַרמער, דאָס איז אָלרייט, זייט אַ פאַרמער. איר מאַכט אָבער פון אייערע פאַר אַקער לאַנד אַ גאַנצע פּאָליטיק. און דאָס ערגסטע, וואָס די פּאָליטיק איז ביי אייך דער עיקר, און די פאַרם גופא צוזאַמען מיט אייער גאַנצער אַרבעט — נאָר אַ נעבנזאַך. דאָס איז...

דזשין האָט מיט פאָרוואורף אַ קוק־געטון אויף איר פאָטער. ער האָט דעם בליק אויפגעכאַפּט און מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט זיינע רייד. ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ פרישן גלאָז ביר, עס ארייַנגעזופּט אין איין אָטעם און אָפּווישנדיק זיך די ליפּן עטוואָס אָנגעשטרענגט געוואָרפן זיינע בליקן דאָ אויף סעמען, דאָ אויף זיין טאָכטער. עס איז געווען קענטיק, אַז ער שטרענגט זיך אָן עפּעס צו זאָגן.

— הערט סעם — האָט ער ענדליך, אָנטוענדיק זיך אַ כוח, אויסגערופן: — איך האָב פאַר אייך אַ ביזנעס: מאַכט מיט מיר שותפות. עס איז אַ גוט יאָר אויף קראָליקעס. מען קאָן מאַכן געלט. איך וויל פון אייך גאָרנישט. העלפט מיר בלויז צו,

מיר וועלן עס מאכן „פיפטי־פיפטי". דער ווינטער רוקט זיך ערשט אָן, און ביזן זומער וועלן מיר ביידע האָבן מינדעסטנס צו צוויי הונדערט פונט אין טאַש. וואָס זאָגט איר דערצו?

סעם איז געוואָרן אביסל צעטומלט.

— איך... איך ווייס אליין נישט... — האָט ער אין פאַר־לעגנהייט געשטאַמלט. — מען דאַרף עס איבערקלערן... עס איז אזוי פלוצלינג...

— וואָס איז דאָ פאַרהאַן איבערצוקלערן? — האָט אָ'ברייען אומגעדולדיק אים איבערגעשלאָגן. — פון אייער פאַרמעריי, סעם, וועט גאָרנישט ארויסקומען. איר מאַטערט זיך דאָ אומזיסט...

סעם האָט געמאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג. דער אירלענדער האָט אים אָבער אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און בעת מעשה אַ קוק־געטון אויף דער טאָכטער. זי האָט באַמערקט זיין בליק און פאַרשעמט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זיינע אויגן האָבן אַ פינקל־געטון מיט קלוגן, פאַטערליכן מיטגעפיל און ער האָט אַ פּעסטן דריק־געטון סעמס האַנט.

— „קאָם־אָן, באָי"! — האָט ער גענומען צודרינגלעך ווייטער רעדן. — זאָגט יאָ, און דאָס געשעפט איז שוין געמאַכט. אַט די אַלע פעלן, וואָס איר זעט דאָ אין שטוב, גייען אויך אריין אין שותפות. איר האָט אַ גוטן „טשענס" סעם!

— איך ווייס אליין נישט, וואָס צו זאָגן, — האָט סעם פאַרלוירן געשטאַמלט. — איך מוז זיך נאָך איבערלייגן. אַ שאָד מיר אָפּצולאָזן די פאַרם, דעם אמת געזאָגט. איך האָב אַ סך אַרבעט אין איר אריינגעלייגט, און עס איז אַ שאָד. איך וועל זיך נאָך מישב זיין.

אָ'ברייען האָט אַן אנטוישטער אָפּגעלאָזט סעמס האַנט. אין דער שטוב איז געבליבן הענגען אַן אומבאַקוועמע, אָנגעצויגענע שטילקייט. ער האָט אַ זייטיקן קוק־געטון אויף דער טאָכטער, וועלכע האָט שטיל אוועקגעדרייט פון אים דעם קאָפּ.

— זי איז פאַרליבט אין דעם „דזשו" ניט אויף אַ שפּאַס — האָט ער מיט ווייטיק געטראַכט — און ער? ווער קאָן דערגיין וואָס אַ „דזשו" האָט אין זינען? מיט מיין ארייננמישן זיך, מיט

מיין צושטיין צו אים, ווער איך, זעט־אויס, גאָרנישט העלפֿן. איך באַליידיק בלויז דאָס מיידל דערמיט!...

סעם האָט אויף זיך שווער געפילט דאָס געשפּאַנטע שטילשווייגן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט און ווי פאַרשולדיקט זיך בלאָס אָנגערופן:

— צייט צו גיין. מען דאַרף די קו אויסמעלקן און אָנפּאַשען. זי וואַרט אויף מיר אַ הונגעריקע.

— איך זיץ און פּלוידער, — האָט זיך אויך אָ׳ברייען אויפגעכאַפּט מיט איבערגעטריבענער איילעניש פון זיין אָרט. — די דינגאָס מיט די פוקסן וועלן מיר דערווייל אויפפרעסן די געפאַנגענע קראָליקעס. קומט, סאַם.

— יעדנפאַלס דאַנק איך אייך פאַר אייער פריינטשאַפט, סענדי, — האָט סעם אומדרייסט געזאָגט. — איך וועל אייער פאָרשלאַג גוט באַטראַכטן.

— צו יעדער צייט, סעם! מיין וואָרט בלייבט וואָרט.

סענדי האָט אַראָפּגענומען פון וואַנט אַ זאָטל, פאַרוואָרפן אים אויפן אַקסל, און מיט דער פרייער האַנט גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ־געטון סעמען אויף דער פּלייצע.

— איר זייט אַ שווערער מענטש, סעם — האָט ער מיט אַ גוטמוטיקן פאָרוואורף געזאָגט — אָבער אַן ערליכער זייט איר, און דאָס איז ביי מיר דער עיקר. „וועל, דזשין, טשיריאָ!" — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער טאָכטער. — דאָס עסן זאָל זיין אָנגעגרייט אויפן טיש, ווען כ׳וועל זיין צוריק, געדענק. און אַ פלאַש ביר זאָלסטו אויך נישט פאַרגעסן, כע, כע!...

ביידע מענער זענען ארויס פון שטוב. ארויסגייענדיק האָט סעם נישט ווילנדיק זיך אומגעקוקט אויף דזשינען און געכאַפּט אויף זיך איר בליק, אַ פאַרבענקטן און אַ טרויעריקן.

*

סעם איז געווען בייז אויף זיך אליין. ער איז אַן אָנגעכמור־דעטער געשטאַנען ביים איינציקן פענצטער פון זיין אָרים, פון [illegible]

דעם רעגנדיקן דרויסן, ווו עס האָט שוין אָנגעהויבן צוצופאַלן די נאַכט. אין דער אומגעלומפּערט־גרויסער, פּוסטער שטוב,

וואָס האָט ״יכער אויסגעזען ווי אַ שטאַל, איז שוין געווען גוט פינצטער, און בלויז דאָס רויט־צעגליטע רייפל פון אַ פרימוס־מאַשין, אויף וועלכער עס האָט זיך עפּעס געקאָכט אין אַ טעפּל, האָט בייז און דראָענדיק געגלאָצט אין דעם פינצטערן חלל אריין. אין דער שטוב איז שווער געהאָנגען אַן אומהיימליכע פוסטקייט. פון די בלעכערנע ווענט און פון דאַך, איבער וועלכע עס האָט גע־דיכט און הילכיק געפּייקלט דער רעגן, האָט געבלאָזן מיט עלנט און פייכטער קעלט. דער פאַרנאַכט האָט דורכן פענצטער זיך געטונקלט וואָס אַמאָל שוואַרצער און געדיכטער, און ערשט ווען די שויבן זענען אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן, און די נאַכט אינ־דרויסן האָט אַלץ איינגעוויקלט אין חושך, איז סעם אָפּגעטרעטן פון פענצטער און ביים שיין פון דער ברענענדיקער פרימוס־מאַשין אָנגעצונדן אַ קליין נאַפט־לעמפּל, וואָס האָט מיט זיין רויכיק פלעמל, אָנגעפילט די שטוב מיט אַ געלן, נעפּלדיקן ליכט.

סעם האָט מיט שווערע, פאַרזאָרגטע טריט גענומען שפּאַ־נען אַהין און צוריק איבער דער שטוב. ער האָט געטראַכט וועגן דזשינען. איר פּנים איז ווי לעבעדיק געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, און איר מיידלש־גלאַנציקער, פייכטער בליק האָט טיף אריינגע־קוקט אין אים מיט מאָנונג און מיט בקשה צוזאַמען. ער האָט בולט פאַר זיך געזען אירע הייסע, זאַפטיק־אָנגעקוואָלענע ליפּן, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיי ציטערן אין שטומען, פאַרחלשטן רוף:

— סעם, סעם!...

ער האָט געוואָלט אָפּטרייבן פון זיך דאָס דאָזיקע בילד און ער האָט מיט בייזקייט אויסגעשפּיגן אין חלל אריין:

— וואָס טוט זיך מיט מיר, צו אַלדע רוחות! אַ פּיאָנער בין איך, מ׳שטיינס געזאָגט, וויל בויען אַ יידישן „סעטלמענט“, און שפּיל גאָר ליבעם מיט אַן אירישער שיקסע!...

ער האָט שטייפער גענומען שפּרייזן איבער דער שטוב.

אַ פאָרם מוז ביי אים זיין אַן אמת יידישע, מיט אַ יידיש הויז־געזינט, נישט אַנדערש, האָט ער צו זיך גערעדט אין געדאַנק. אַזיסט דאַרף ער דאָס גאַנצע עסק אויף כּפּרות. צי דען

האט ער זיך פארקליבן דא אהער אין דעם וויסטן העק, כדי צו באפן א שיקסל? מער פעלט אים נישט... שטארק מוז ער ביי זיך זיין, קעמפן מיט זיך, פונקט אזוי ווי ער האט זיך פארנומען צו קעמפן מיט דער ווילדער אויסטראלישער סטיכיע, און דאס זייניקע מוז ער אויספירן: א פארם און דוקא א יידישע, און נישט ערגעץ אנדערש, נאר טאקע דא, אין דעם העק.

אויפן געדאנק איז אים געקומען ראזע זעלמאן, פון יידישן „סעטלמענט", די קלוגע, מיושבדיקע ראזע. דזשין און ראזע!... מער ווי אירע שיקסעדיקע, פארפירערישע חנדלעך, פון וועלכע ער לאזט זיך פארדרייען א קאפ, האט דען דזשין? ראזע איז טאקע נישט קיין שיינע, אבער א יידישע טאכטער איז זי. מיט איר וואלט ער געקענט אויפבויען אן אמתדיק יידישע פארם, האבן יידישע קינדער, און זיין ארבעט וואלט טאקע געקענט האבן עפעס א ממש, וואלט באמת געלוינט.

ראזע האט אים גערן, דאס וויסט ער אויף זיכער. יעדעס מאל, ווען זי זעט אים, שמייכלט זי צו אים ווארעם און פריינט־ליך, רופט אים „דו", און ווען עס קומט אויס, אז זיי זיצן איינער נעבן צווייטן, נעמט זי זיין האנט אין אירער, און דאס פנים רויטלט זיך ביי איר דאמאלס אזוי צניעותדיק, מיט אמתן יידישן חן. ער פארשטייט זי אבער נישט אינגאנצן. עפעס גליטשט זי זיך בסדר ארויס פון זיינע הענט. זי האט אוועקגעשטעלט א מחיצה צווישן אים און זיך, און זי לאזט אים בשום אופן נישט אריבערטרעטן די דאזיקע מחיצה. זי ווארט אויף עפעס, זי טראגט עפעס אין איר רעיון, דאס איז קענטיק. אבער וואס? אפשר פילט זי ארויס, אז ער ליבט זי נישט, און זי איז דערי־בער נישט אינגאנצן זיכער מיט אים? ער האט שוין עטליכע מאל מיט איר געוואלט פארפירן א שמועס דערוועגן און זאגן איר, אז ער מיינט זי גאנץ ערנסט, אז ער איז א פשוטער הארעפאשניק און האלט נישט פון די גרויסשטעטישע, סענטימענטאלע ליבע־חנדלעך; אז ער וויל זי האבן פאר א ווייב און זי ליבן מיט פראסטער ערליכער ליבע אן שום קונצן. זי אבער לאזט זיך נישט ארויסקריגן אויף אן אפנהארציקן שמועס, רעדט מיט אים אויסמיידנדיק, מיט האלבע ווערטער

און האָט, קענטיק, מורא זיך צו אַנטשליסן אויף עפּעס באַשטימטס. כּילא, וואָלט ער כאָטש געוווסט, ווי ער האַלט מיט ראָזעס עלטערן, מיט די זעלמאַנס אליין, וואָלט ער ראָזען פּשוט און גלייך געפרעגט: יאָ, אָדער ניין, און וואָלט אַ סוף געמאַכט צום גאַנצן עסק — אַהין, אָדער אַהער. זענען אָבער די זעלמאַנס אויך נישט צו פאַרשטיין. אליין האָבן זיי געהאַלטן אין איין שיקן צו אים רעוורענד גאָלדמאַן, דעם שוחט פון „סעטלמענט", אַלס שדכן, און איצט זענען זיי זיך מישב. דער אַלטער זעלמאַן האָט אים די לעצטע צייט גאָר אינגאַנצן אויפגעהערט צו באַמערקן, און אַז ער רעדט שוין יאָ מיט אים, רעדט ער זייטיק אזוי און קאַרגט אַ וואָרט, ווי איינער זאָגט: ארויסגעוואָרפענע רייד... און די זעלמאַנשע ווידער פונקט פאַרקערט: איז לעצטנס געוואָרן צו אים גאָר חניפהדיק־זיס און פאָרעט זיך ארום אים, ווי זי וואָלט אים כסדר געמאַכט אָנצוהערעניש: אָבער גוטע פריינט קאָנען מיר דאָך סיי־ווי בלייבן...

די דאָזיקע רעיונות האָבן סעמען אָנגעפילט מיט ביטערקייט. ער איז צו צו דער פּרימוס־מאַשין, אַראָפּגעדרייט דאָס רוישנדיקע פלעמל און אויסגעליידיקט דאָס הייסע טעפּל געקעכץ אין אַ טעלער אריין. עס האָט אָ שלאָג־געטון צום סופּיט מיט אַ געדיכטער, ווייסער פּאַרע. ער האָט גענומען עסן לאַנגזאַם, אָן השק, אָבער איינציקוויין האָט דאָס הייסע געקעכץ אים אָנגעוואַרעמט און אָנגעגאָסן זיין גוף מיט אַ שלעפעריקער מידקייט. די אַרומיקע שטילקייט האָט שווער געפּרעסט אויף זיין געמיט. עס האָט אים אָנגעהויבן צו ווערן אומהיימליך, און אַ נאָגנדיק געפיל פון איינזאַמקייט האָט זיך גענומען פונאַנדערשפּרייטן אין זיין ברוסט. ער האָט זיך שווער און מיט אַ קרעכץ אויפגעשטעלט און פון אַ פּאָליצע אַראָפּגענומען אַ פּראָסטן ראָדיאָ־קעסטל מיט אַלטמאָדישע האָרכערס אָנצוטון אויף די אויערן. ער האָט אָנגעשטעלט דעם אַפּאַראַט, און אַ שטילע, צוגעדושעטע מוזיק האָט שוואַך אָנגעהויבן זשומען אין די האָרכערס, גלייך זי וואָלט געקומען פון ערגעץ אַ ווייטער אַנדערער וועלט. דאָס האָט נאָך שאַרפער פאַרשפּיצט אין אים דאָס געפיל פון איינזאַמקייט, וואָס האָט פּשוט ביז פּיזישן

ווייטיק געגומען גראַבלען אין זיין האַרץ. דזשין איז אים ווידער געקומען אויפן געדאַנק, און ווי דאָס טרעפט אָפּט ביי איינזאַמע מענטשן, האָבן זיך זיינע געדאַנקען באַלד פאַרקערפּערט אין בילדער. דזשינס געשטאַלט האָט ווידער אָנגעהויבן שווימען פאַר זיינע אויגן און רופן אים מיט איר בריענדיקן, מיידלש־גלאַנציקן בליק, אויפרודערנדיק אין אים אַן אומגעדולדיקע, צאַפּלדיקע בענקשאַפט.

ער האָט מיט האַרץ אוועקגעוואָרפן פון זיך די ראַדיאָ־האָרכערס און מיט פעסטע שפּריין ווידער גענומען שפּאַנען איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט וועלן אָפּטרייסלען פון זיך די קאָשמאַרנע געדאַנקען וועגן דזשינען. זיינע טריט האָבן שטומפּיק און האַרט אָפּגעקלאַפּט אויף דער ערדענער פּאָדלאָגע. ער האָט צונויפגעביילט די פויסטן, דאָס פּנים האָט זיך ביי איב עקשנותדיק פאַרשפּיצט און זיינע בערשטלדיקע, געדיכטע ברעמען האָבן זיך פאַרביסן צונויפגעצויגן אין איין האַרטן, גלייכן שטריך.

נאָך היינט וועט ער אהיגגיין צו די זעלמאַנס. עס מוז נעמען איינס פאַר אַלעמאָל אַ סוף. די אומזיכערקייט, דאָס נישט וויסן, ווו ער האַלט אויף דער וועלט, מאַכט פון אים אַ תל. זאָל ער וויסן, אַז עס איז אים באַשערט צו בלייבן איינזאַם, וועט ער זיך אָנטון אַ כוח און איינבייסן די איינזאַמקייט מיט מער אַרבעט, מיט מער עקשנות. אָבער נאָכלאָזן וועט ער נישט, ער וועט זיך פעסט האַלטן. דאָס זייניקע מוז ער אויספירן, און אַז עס וועט נישט אַנדערש אים זיין באַשערט, וועט ער איינער אַליין אין דער בחור׳ישער איינזאַמקייט אויפבויען די פאַרם. אַרבעט, אַרבעט! נאָר נישט אָפּשטיין! די פאַרם איז זיין מיסיע. אַלע חוזקן פון אים, די יידן פון „סעטלמענט”, די אַרומיקע ענגלישע און כינעזישע פאַרמערס, און אפילו זיין שכן, דער שיכור אָ׳ברייען. אָבער להכעיס אַלעמען וועט ער דווקא דאָ, אין דער פאַרוואָרפענער ווילדערניש, צווישן פוסטע שאָף־פעלדער, אויפבויען זיין פאַרם. ער איז אַ פּיאָנער, ווי דזשין זאָגט, אַ יידישער פּיאָנער, וואָס האָט אויף זיך גענומען אַ גרויסע, וויכטיקע מיסיע!



די דאָזיקע געדאַנקען האָבן סעמען צעוואָרעמט און אויפגעמונטערט. ער האָט אין איילעניש זיך גענומען איבערטון. ער האָט לאַנג גענעצט און געבאַרשט די נישט־געשווירענע, געדיכטע האָר, האַרט געריבן מיט זייף די שוואַרץ־פאַרהאָרע־ווערטע הענט און פאַרזיכטיק, מיט ישוב־הדעת געקליבן צווישן אַלטע, צעקנייטשטע קראַוואַטן, ביז ער האָט געפונען איינעם, וואָס האָט אויסגעזען אַביסל לייטישער און פרישער, נישט פאַרגעסן אַריינצולייגן אין ברוסט־טעשל אַ פריש נאָז־טיכל, און איז אַרויס אינדרויסן אויף דעם וועג צום יידישן „סעטלמענט".

*

ביי די זעלמאַנס אין שטוב איז געווען טומלדיק און פול מיט מענטשן. עס איז געווען אַ שטיקל שמחהלע. דער אַלטער זעלמאַן האָט באַקומען אַ פּאָסטן אַלס שמש און בעל־קורא אין דער שול „אנשי צדק" אין מעלבורן, און ער האָט לכבוד דער דאָזיקער געשעעניש פאַרבעטן צו זיך די יידישע שכנים פון „סעטלמענט".

דער עולם איז געזעסן אַרום טיש אַן אויפגערוימטער און טומלדיקער. מען האָט געראויכערט, געטרונקען טיי, געפּלוידערט, איבערשרייענדיק און איבערהאַקנדיק איינער דעם צווייטן, און די אַלטע זעלמאַנשע אַ צעגאָסענע, קורצע יידענע האָט אַ צעיאַכמעטע מיט פעט־גלאַנציקע, פלינקע אויגן אַרומגעשמייעט צווישן דעם עולם און כסדר יעדן איינעם אונטערגעשטופּט כיבוד:

— עסט עפּעס... נעמט עפּעס אין מויל אַריין...

דער אַלטער זעלמאַן איז געזעסן ביים טיש אויבן־אָן שוין מעשה שטאָט־מענטש אין אַ שטייפן קאָלנער און אין אַ פאַר־קנעפּלטער וועסט, אויף וועלכער עס האָט זיך באַלעבאַטיש געבאָמבלט אַן אַלט, אָפּגעריבן זייגער־קייטל. ער האָט לייטזעליק געשמייכלט צו אַלע און געהאַלטן אין איין איבערדערציילן מיט אַ צופרידן, פייכט קולעכל, ווי אַזוי ער האָט באַקומען דעם פּאָסטן אַלס שמש.

— דער „דזשאָב", זאָג איך אייך, איז מיר אָנגעקומען מיט

די גרינע ווערים. נישט אזוי לייכט איז זיך ארײנצודרייען אויף אזא „דזשאָב". נאָר מיינט נישט, אַז איך האָב זיי שטאַרק געבעטן, געקראָכן אונטער די נעגל. לאַ ולאַ! מיט די לייט דאַרף מען וויסן ווי זיך אומצוגיין. זיי האָבן פיינט קריכערס, און, בעיקר, קבצנים, און נאָכמער האָבן זיי פיינט אַ יידן אַ טובה צו טון. איך האָב געהאַלטן אין איין איינטענהן מיט זיי, אַז פון דער פאַרם האָב איך פרנסה בריוח און שפּאָר אפילו אַ היבשע מטבע. נאָר וואָס דען? צוליב די קינדער... וואָס טוט דען נישט אַ ייד צוליב קינדער?... אזוי האָב איך מיט זיי גערעדט, און איר זעט דאָך, עס האָט טאַקע געהאָלפן.

— מזל דאַרף מען האָבן! אַז מ'האָט נישט קיין מזל, גילטן נישט קיין שום חכמות, — האָט מיט אַ פרום קול ארײנגעוואָרפן דער רעוורענד גאָלדמאַן, אַ דערשלאָגענער ייד מיט איינגעפאַלענע באַקן. — עס איז אייך באַשערט געווען אַ גליק, מיסטער זעלמאַן.

— אַ גליק, מ'שטיינס געזאָגט, צו זיין אַ כלי קודש ביי די שטאַטישע „יאהודים", און דערצו נאָך ביי די „אנשי צדק" — האָט זיך אָנגערופן מיט אַ געדיכט קול אַ געלער, שטרענגער ייד מיט אַ האַלב-פאַרקוילטער ליולקע אין מויל. — גלייכער צו גראָבן די ערד מיט דער נאָז אָטאָ דאָ אויף דער פאַרם, איידער אָנצוקומען צו קהלשע פרנסות.

— וויים איך וואָס! — האָט מיט ביטול אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אַ דריטער. — אַ מציאה די פאַרם... אַ שיינער תכלית, כ'לעבן. פאַר אַ דזשעק, אַ דזשים איז עס אַן ענין. ער האָרעוועט זיך אָן די זייטן אַ גאַנצע וואָך, און זונטיק זויפט ער זיך אָן מיט ביר. וואָס דאַרף אַזאַ איינער מער?

— אַ גלייכעניש — די פאַרם און די שטאָט! — האָט מיט אַן אפּוטרופּסיש קול זיך אָנגערופן מיסטער זעלמאַן. — טויזנט מאָל להבדיל דאַרף מען זאָגן. וואָס האָט מען פון דער פאַרם מער ווי די פרעס? מען קאָן זיך בלויז אָנשטאָפּן די קישקע, מער נישט. לא על הלחם לבדו יחיה האדם... אַ ייד זוכט אַ תכלית, וויל עפּעס אויפטון אויף דער וועלט.

אינדרויסן האָט זיך פּלוצלינג צעבילט מיט אַ געבייזערייי

אַ הונט. די זעלמאַנשע האָט אויפגעשפּיצט די אויערן און זיך אָנגערופן צום מאַן:

— עמיץ גייט. גיי־אַרויס און נעם איין דעם כּלב.

דער אַלטער זעלמאַן האָט אָן חשק זיך אויפגעשטעלט פון אָרט, נאָר איידער ער האָט באַוויזן אָפּצוגיין פון טיש, האָט זיך געעפנט די טיר און אין שטוב איז אריין סעם. ער האָט מיט זיך אריינגעבראַכט די דרויסנדיקע קילע פרישקייט אין דער וואַרעמער שטוב. אויף זיינע אַקסלען און אויף זיין הוט האָבן געגלאַנצט רעגן־טראָפּנס. ער האָט אַביסל פאַרזשמורעט די אויגן נאָך דער דרויסנדיקער פינצטערניש און געבליבן שטיין אַביסל צעחושט פון דער טומלדיק־פולער שטוב מענטשן.

— אַ גאַסט, אַ גאַסט! — האָט מיט צעיאַכמעטער פריידיקייט גענומען פאָרען זיך אַרום אים די זעלמאַנשע.

— ראָזע, ראָזע! — האָט זי גענומען רופן אין קיך אַריין, — ברענג אַריין אַ שטול פאַר מיסטער ראָטמאַן. מיסטער ראָטמאַן איז געקומען! וואַ־וואַ, טאַקע אַ חידוש, ווי אַזוי עס איז שוין צו אייך אויף דער פאַרם דערגאַנגען די נייס, טאַקע אַ חידוש! — האָט זי ווידער גענומען רעדן צו סעמען. — נאָר אויף אַ גוטן פריינט איז נישט צו פרעגן קיין קשיות, ער ווערט שוין געוואָר, נישט אמת, מיסטער ראָטמאַן?

— וואָס פאַרא נייס? — האָט סעם איבערגעפרעגט אַביסל פאַרוווּנדערט און פאַרשנדיק אַ קוק געטון אויף ראָזען, וועלכע האָט אים געבראַכט די שטול.

— דער טאַטע האָט באַקומען אַ פּאָסטן אַלס שמש אין מעלבורן, — האָט זי געענטפערט, אויסמיידנדיק זיין בליק.

— מיר פאָרן נאָך היינטיקע וואָך אַוועק פון דער פאַרם. גוט, וואָס איר זייט געקומען זיך געזעגענען.

— זעצט אייך, מיסטער ראָטמאַן, זיצט! — האָט אים די זעלמאַנשע געבעטן. — אפשר אַ גלעזל טוו? נאָך אַזאַ וועג איז גוט אַ גלעזל טיי.

סעם האָט זיך אַוועקגעזעצט. פאַרזיכטיק האָט ער געזוכט מיט די בליקן ראָזעס אויגן, געוואָלט אַראָפּלייענען פון איר פּנים עפּעס אַ וווּנק צו אים, אַ צייכן. איר פּנים איז אָבער געווען שטום

און פרעמד. זי האָט געפילט אויף זיך סעמס פרעגנדיקע בליקן, און נישט אומקוקנדיק זיך אויף אים, איז זי באַלד צוריק אריין אין קיך.

דער עולם יידן האָט זיך קנאַפּ־וואָס אומגעקוקט אויף סעמען, גלייך ער וואָלט געווען איינגאַנצן אַ זייטיקער, אַ פרעמדער, און ווייטער, ווי קיינמאָל גאָרנישט, געצויגן דעם שמועס.

— ווען איך וואָלט געהאַט אַ „טשאַנס" צו קומען אין שטאָט אריין, — האָט איינער פון די יידן אַ זאָג געטון מיט אַ זיפץ, — וואָלט איך שוין געוווסט, וואָס צו טון. מען שמועסט, אַז די העמדער־„מאַניופעקטשורערס" האָבן היי־יאָר אַ גאָלדע־נעם סעזאָן, שאַרן פּשוט ס'געלט מיט די הענט.

— אויך מיר אַן ארטיקל — העמדער, — האָט אים איבערגעהאַקט מיסטער זעלמאַן. — אַ גראַשנדיק ארטיקל... אָט זאָקן, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. זינט מען האָט ארויפגע־לייגט אַ צאָל אויף זאָקן, רייסט מען פּשוט די סחורה פון די הענט. מען ארבעט ביי טאָג און ביי נאַכט.

— דער הויכער צאָל איז גאָרנישט אַזאַ מציאה, — האָט זיך אָנגערופן דער ערשטער ייד, — ווארום אַ הויכער צאָל איז גוט נאָר פאַר די גרויסע לייט, פאַר די קאַרפּן־קעפּ. פאַרן קליינעם איז גלייכער, אַז סחורה איז ביליג. ער קאָן זיך דאַמאָלס גיכער אַן עצה געבן פאַרן גרויסן פאַבריקאַנט, ווייל ער האָט קלענערע הוצאות, איז אים לייכטער צו פאַרקלאַפּן זיין ביסל סחורה, אבי נאָר ביליגער!

דער שמועס ארום מסחר איז געוואָרן וואָס אַמאָל לעבע־דיקער, היציקער. דער עולם האָט זיך צעוואַרעמט פונם דאָזיקן שמועס. מען האָט גערעדט וועגן יידישע פאַבריקאַנטן, וועגן באַנקראָטן, וועגן גרויסע געשעפטן... מען האָט זיך דערציילט וועגן די גרויסע פאַרמעגענער, וואָס די שטאָטישע יידן האַלטן אין איין מאַכן, וועגן נייע פאַבריקן און נייע ארטיקלען, וועגן עקספּאָרט און אימפּאָרט, בענק, וואַלוטע און הויז־פינאַנס. מען האָט פאַרגעסן די איינגענע פאַרמעס, די קי אין די שטאַלן, די סעדער און פעלדער, מען האָט געוואָרפן מיט ריזיקע סומעס,

אויסגערעכנט אַלע גרויסע יידישע געשעפטסלייט פון מעלבורן און פון סידנעי, די אויגן האָבן זיך ביי אַלע געבעדיק צעפלאַקערט און די פּנימער פיבערדיק צעהיצט. אפילו דער שטרענגער, שווייגנדיקער ייד מיט דער גלעזער באָרד האָט זיך צערעדט מיט זיין געדיכט קול, און פֿאַכנדיק מיט דער אויסגעלאָשענער ליולקע אין דער האַנט גענומען דערציילן חידושים, ווי אַזוי מענטשן אַרבעטן זיך אַרויף פון גאָרנישט, מאַכן פאַרמעגענער און רודערן אַ וועלט.

— אַ קלייניקייט, אַזאַ סטאַנבערג — האָט ער דערציילט.

— געקומען צוזאַמען מיט מיר קיין אויסטראַליע, אויף איין שיף מיט אים געפאָרן. קיין גראָשן ביי דער נשמה האָט ער נישט געהאַט און אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט שמאַטעס. איך האָב פון אים געמאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער: אין אויסטראַליע שמאַטעס גאָר. ר'מיינט ס'איז ביאַליסטאָק. איך בין טאַקע געבליבן ביים געלעכטער און ווער פאַרשוואַרצט אויף דער פּאַרם, און ער, דער ביאַליסטאָקער שמאַטניק, שטייט היינט מיט אַ גרויסער שפּינערייַ, קערט וועלטן, אַ גאַנצער מאַגנאַט געוואָרן.

— און פרענקל? און סעגאַל? און לעווין? — האָט אַ צווייטער ייד געזאָגט מיט אַ שווערן זיפץ. — אַלע אין דער שטאָט אַרבעטן זיך אַרויף, קומען צו אַ תכלית. וואָס דען, ווי מיר דאָ אויף דער פּאַרם?

סעם איז געזעסן ביים טיש אַ שווייגנדיקער, נישט אַריינמישנדיק זיך אין שמועס. ער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, ווי אַ נישט-געבעטענער גאַסט. דער אַלטער זעלמאַן האָט ווי נישט געזען אים אינגאַנצן, און אויך די איבריקע ביים טיש האָבן זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ראָזע האָט ווי אויף להכעיס זיך פאַר אים נישט געוויזן. ער האָט כסדר געוואָרפן זייטיקע בליקן אין דער ריכטונג פון דער קיך, וווּ ראָזע האָט געהאַלטן אין איין קלימפּערן מיט געפעס, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אין דעם דאָזיקן געקלימפּער אַ פּאַריבל, הלמאי ער זיצט נאָך דאָ און גייט נישט אַוועק. ער האָט שוין

עטליכע מאָל געוואָלט זיך אויפשטעלן און אוועקגיין, נאָר ער האָט עפּעס נישט געהאַט קיין מוט דאָס צו טון.

— בעסער וועל איך שוין אויסזיצן ביזן סוף צוגלייך מיט אַלע, — האָט ער זיך געטראַכט. — זאָלן זיי נישט מיינען, אַז עס גייט מיר שטאַרק אין לעבן...

ער האָט גענומען זיך איינהאָרכן אין שמועס, געפּרוווט אריינוואַרפן אויך זיינס אַ וואָרט, הויך אויפן קול, אַז ראָזע אין דער קיך זאָל אים הערן. ער האָט אפילו איינמאָל אַ הויכן לאַך־געטון: זאָל זי וויסן, אַז דאָס גאַנצע עסק אַרט אים נישט, אַז ער האָט זי קנאַפּ וואָס אין זינען. נאָר אינעווייניק אין אים איז געווען אַ שווערע, פינצטערע שטילקייט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזן אויסמישן מיט דער אַרומיקער אויפגערוימטער טומלדי־קייט. דאָס פּלוידערן פון די יידן איז אים וואָס אַ רגע געוואָרן מער דערווידער. ער האָט גענומען טראַכטן וועגן זיין שטילער, עלנטער פאָרם מיטן בלעכערנעם הייזל, און עס האָט אים אַ ציי־געטון צוריק צו זיין בחורשער איינזאַמקייט, צו זיין שווערער, פאַרעקשנטער און אַלעמען להכעיסדיקער האָרע־וואַניע. ער האָט זיך כמעט דערפרייט, ווען דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן צום אוועקגיין. ער האָט מיט אַן איבערגעטריי־ב'נער האַפעדיקייט גענומען זיך געזעגענען מיט די זעלמאַנס, געווונטשן זיי גליק, און דער אַלטער זעלמאַן האָט נאָך אַ שטיקל ישוב־הדעת אָפּגעמאָסטן אים מיט זיין בליק און אַפּוטרופּסיש אַ זאָג־געטון:

— אַז איר וועט אַמאָל זיין אין שטאָט, פאַלט אריין צו אונז, ס'מאַכט נישט.

ראָזע איז צו אים אַרויס פון דער קיך. ער האָט איר דער־לאַנגט די האַנט, אָנגעצויגן אַ שמייכל־געטון, און קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן אריין, האָט ער איר געזאָגט:

— נו, ראָזע, איך ווינטש דיר אַלדאָס גוטס.

זי האָט קאַלט און גלייכגילטיק צוריקגעצויגן איר האַנט פון זיינער. איר בליק איז געווען ווי פאַרשטיינערט, דאָס פּנים אָנגעשטרענגט און אירע שטענדיק־פולע, זאַפטיקע ליפּן זענען געווען האַרט צונויפגעצויגן. סעם איז אַ וויילע געשטאַנען נעבן

איר אין פארלעגנהייט און לסוף מיט א טרוקן, איבערגעהאקט קול געזאגט:

— גוד באי, מיס זעלמאן.

ערשט דאמאלס האט זי אויפגעהויבן אויף אים אירע אויגן, און עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז עפעס האט אין איר בליק א צוק־געטון.

— גוד באי, גוד באי! — האט זי שטיל געזאגט.

*

סעם איז ארויס אין דרויסן, ער האט זיך געפילט ווי אפגעפאטשט פון דעם געזעגענען זיך מיט ראזען. אויף אזא סוף האט ער זיך נישט גערעכנט. א בייזקייט אויף זיך אליין האט גע־קאכט ביי אים אין הארץ, און ער האט מיט צונויפגעקוועטשטע ליפן זיך אליין נאכגעשפעט:

— מיס זעלמאן!... מיס זעלמאן!...

ער האט פעסט און שטייף געשטעלט די טריט אויף דעם פינצטערן און ליידיקן שאסע. די נאכט האט זיך אביסל אויס־געקלארט. דער רעגן האט אויפגעהערט, און עס האט געבלאזן א הארט, טרוקן ווינטל. די לבנה, א שפיציקע און א דינע איז ווי א זילבערנער קינזשאל שארף געהאנגען צווישן די פונאנדער־געריסענע וואלקנס, וואס זענען פון דעם לבנה־ליכט געווען באַ־זוימט מיט א פערלמוטערנעם אפשיין. ארום איז געווען מדבר־דיק־פוסט און אור־שטיל. די עקאליפטוס־ביימער ביי די זייטן וועג זענען געשטאנען שטומע און ערנסטע און זיך בלאס געזילבערט מיט זייערע גלאטע, ווייסליכע שטאמען, וואס האבן אויסגעזען ווי רייזיקע, פארשטיינערטע מענטשן־הענט אויסגע־צויגן צום הימל ארויף. א לאנגזאם, געמאסטן קלאפעריי פון רעדער האט זיך טעמפ געטראגן פון דער ווייטקייט ארויס, און סעמען איז געקומען אנטקעגן א שווערער וואגן פון אן אינדישן האקער, וועלכער האט זיך פארשלאפן געוויגט אויף דער קעלניע און אונטערגעזונגען א געדריידלטן, מזרחדיקן ניגון. צו־שאקלענדיק מיטן ווייסן טורבאן אויף זיין קאפ. באלד איז דער

זואָגן צוריק פאַרשוווּנדן אין דער ווייטקייט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך די שטילקייט נאָך סודותדיקער, נאָך ווילדער.

סעם איז ווייטער געגאַנגען אין דער נאַכט אַריין. די ביי־נאַכטיקע שטילקייט האָט טיף אויף אים געאָטעמט. די פאַרבי־טערונג איז פון אים אָפּגעטראָטן און אין זיין ברוסט האָט זיך פונאַנדערגעפּלייצט אַן אומעטיקע אַביסל און אַ יום־טובדיקע פרידליכקייט. אויף אַ פעלד פון דערווייטנס האָט אַ געל, ציטער־דיק פלעמל אַרויסגעוווּנקען פון דער פינצטערניש, און ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו דעם פלעמל, האָט ער דערזען די שאָטנדיקע געשטאַלט פון אַ כינעזישן פאַרמער אין לויז־אַראָפּ־הענגענדיקע מלבושים, וועלכער האָט מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט זיך געפּאָרעט אַרום די בייטן גרינס, אויפרודערנדיק די דורכגעווייקטע ערד נאָכן לאַנגן רעגן. סעם האָט צוגעלייגט די האַנט צום מויל און גוט־ברודעריש אַ שריי־געטאָן צום כינעזער:

— העללאָו דזשאָן!

— העללאָו באָסס! — האָט דער כינעזער צוריקגערופן מיט אַ דין עטוואָס חניפהדיק קול׳עכל, נישט אויפהויבנדיק זיך פון זיין אַרבעט.

סעם האָט שוין געוואָלט פאַרקערעווען אויף אַ זייטן־וועג, וואָס האָט געפירט צו זיין פאַרם, ווי ער האָט דערהערט הינטער זיך דאָס קול פון זיין שכן, אַ׳ברייען. ער האָט אים גערופן מיט זיין פול, געדיכט ביר־קול. סעם האָט נישט ווילנדיק אַ ציטער־געטאָן, אַן אומקלאָר, שווער פאַרגעפיל האָט זיך צעפּלאָטערט אין זיין ברוסט און ער איז געבליבן שטיין אין דערוואַרטונג. אַ׳ברייען איז צו צו אים רייטנדיק אויף אַ פערד. ער איז געווען באַהאָנגען מיט קראָליק־פעלעכלעך, וועלכע האָבן זיך נאָך פריש געדרויטלט מיטן רויען פלייש.

— אַ נאַכט ווי אַ גאָלד, נישט אמת, סעם? — האָט ער צו־פרידן און לוסטיק אויסגעדונערט מיט זיין שטאַרק קול.

— געהאַט אַ גוטן יאַגד? — האָט אים סעם צוריקגעפרעגט.

— די קראָליקעס קריכן אין די פאַסטקעס, ווי אַ רוח! — האָט ער זיך ברייט פונאַנדערגעלאַכט. ער האָט אָפּגעבונדן פון

זאָטל אַ טויטן פוקס און באַרימעריש מיט אים אַ פּאַכע־נעטון פאַר סעמס אויגן.

— אָט דאָס איז אַ „גוד דזשאָב״, נישט אמת? אַ פונט אַ גאַנצן וועט ער זיכער ברענגען. וואָלט איר אפשר אַריינגעגאַנגען צו מיר? מיר וועלן אויסטרינקען לכבוד דעם פוקס. ער איז עס ווערט, כאַ, כאַ!...

— צו שפּעט — האָט זיך סעם געקווענקלט.

— קאַם־אָן, בי עי ספּאָרט! — איז דער אירלענדער אַראָפּ פון פערד און אָנגענומען סעמען פאַר דער האַנט.

זיי זענען ביידע אַריין צו אָ'בריענען אויף דעם הויף. די טיר פון הויז האָט זיך געעפנט און אין דעם ליכטיקן פיר־עק פון דער טיר האָט זיך באַוויזן דזשין.

— העללאָו, דעד! — האָט זי פריידיק אויסגערופן און אַנטקעגנגעלאָפן דעם פאָטער, אָננעמענדיק דאָס פערד ביי דער צוים.

— איך האָב געבראַכט אַ גאַסט. אַ שפּעטן אפילו, אָבער אַ גוטן, — האָט אָ'בריען אָנגעוויזן אויף סעמען, וועלכער איז געבליבן שטיין עטוואָס פון הינטן. — אַ גאַסט געהערט צו דער באַלעבאָסטע, טאָ נעם זשע דו אים אויף, דזשין! — האָט דער אַלטער הרחבהדיק און צופרידן געטענהט. — איך וועל שוין אויסזאָטלען דאָס פערד.

אָ'בריען איז אַוועק מיטן פערד צום שטאַל. סעם מיט דזשינען זענען געבליבן אַליין אויף דעם הויף. זי איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַ שווייגנדיקע, נישט רירנדיק זיך פון אָרט. סעם איז צו צו איר. דאָס האַרץ האָט זיך אין אים גענומען וואַרפן און צום האַלז האָט זיך אין אים צוגעשפּאַרט אַ בריענדיקע טרוקנקייט.

— וועל, דזשין... — האָט ער קוים אַרויסגעקריגן פון זיך מיט אַ געדיכט, הייזעריק קול.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשעמטן און אַביסל אַ פאַרשולדיקטן שמייכל. ער איז נענטער צוגעטראָטן צו איר און קענן זיין אייגענעם ווילן זי אָנגענומען פאַר דער האַנט. ער האָט געפילט, ווי יי ציטערט־אויף

פון דער באַרירונג מיט איר גאַנצן לייב, און עס האָט אים מיט־אַמאָל ווי פאַרגאָסן מיט אַ זידיקער כוואַליע. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם. דאָס האַרץ האָט אין אים געהאַמערט.

— סעם... — האָט זי קוים אַ ריר־געטון מיט די ליפּן, און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ זאַפטיקער פייכטקייט ווי פול־אָנגעגאָסענע טרויבן.

פונדערווייטנס האָבן זיך דערהערט אַ'ברייענס טריט, וואָס האָבן ווייך געפּאַטשט אויף דער דורכגעווייקטער ערד. דזשין האָט זיך אָפּגערוקט פון סעמען און געוואָלט אַרויסנעמען די האַנט פון זיינער. ער האָט זי אָבער נישט אָפּגעלאָזט און נענטער זי צוגעצויגן צו זיך.

אַ'ברייענס טריט זענען מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. ער איז געבליבן שטיין אין דער פינצטער מיטן זאָטל אויף די אַקסלען און געקוקט אויף דער טאָכטער און סעמען. זיי זענען געשטאַנען האַרט איינער ביים צווייטן, און זייערע שאָטנס האָבן זיך געשוואַרצט אין דער טונקלקייט, ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק.

# גריניע

אין גרויסאַרטיקן גאַסטצימער ביי מיסטער היימען דזשייקאָבס האָט דער ווייס־גערעקטער טיש געבלאַנקט מיט זילבערוואַרג און טייערע, דורכזיכטיק־דינע פּאַרצעלאַנען. דער גרויסער קרישטאַ־לענער זשיראַנדאָל האָט העל געברענט אויף אַלע לאָמפּן און געשפּריצט מיט שאַרפע, געשליפענע פלעמלעך, אַז עס האָט אַזש געשטאָכן אין די אויגן. דעם מיסטער דזשייקאָבס אָבער איז אויסגעקומען, ווי דאָס העל־באַלויכטענע צימער מיטן ווייס־בלאַנקענדיקן טיש וואָלטן געווען איבערגעווישט מיט אַ טונקלקייט. ער האָט געוואָרפן פון אונטער די אויגן אַפּצר גיכע, צעטראָגענע בליקן אויף זיין ברודער, יאָסל, מיטן יונגן ווייבל זיינעם, אַ מיידלש־שמאָלער, מיט דינע, בלאָנד־געבלייכטע האָר און פולע, ווי אויסגעקושטע אויגן. יאָסל און זיין ווייב זענען דעם אייגענעם טאָג ערשט מיט אַ שעה, צוויי צוריק אַראָפּ פון שיף. ער, יאָסל, איז געווען אַ וווקסיקער מאַנספּאַרשוין מיט אַ גרויס, פול פּנים און גלאַטיק־אויסראַזירטע, פלייש׳יקע באַקן און מיט אַ פעסטער, בולטער נאָז, וואָס האָט זיך מענעריש געבערגלט אינדערמיט. ער איז געזעסן ברייט־אויסגעלייגט אינם ווייכן פאָטעל, פאַרוואָרפן אַ פוס אויף אַ פוס, און מיט אַ שווערער, טיף־ברוסטיקער שטים כסדר איבערגעחזרט:

— אַבי מען זעט זיך, חיים... אזויפיל יאָרן, איין קליינ׳יקייט!...

דער אַלטהיימישער נאָמען, חיים, האָט מיט פרעמדקייט און פריקרע אָפּגעקלונגען אין מיסטער דזשייקאָבס אויערן. ער האָט געדיכט אָפּגעהוסט און מיט אַן אומבאַשטימט זיפצעלע שטיל אָפּגעענטפערט:

— וועלל, וועלל... די יאָרן לויפן...

ער האט זיך מיטן ברודער זיינעם נישט געזען, זינט ער איז אוועק פונדערהיים, שוין א יאר דרייסיק. יאסל, ווי ער געדענקט אים פון יענע צייטן, איז געווען אן איבערגעוואקסענער בחור מיט צעפלאכטענע הענט־און־פיס און מיט א פאר אומקלארע, פארשלאפענע אויגן, וועלכע ער האט שטענדיק געהאלטן אראפ צו דער ערד. מען האט אים אינדערהיים גערופן יאסל „טרופ”. ער האט זיך שטענדיק ארומגעדרייט א שווייגנדיקער, א צעחושטער, נישט געטון די האנט אין קאלטן וואסער אריין און גאנצע טעג געדרעמלט ביים טאטן אינם קליינעם לעדערקרעמל אין די האלעס. עס האט געהייסן, ער קומט דעם טאטן העלפן אין מסחר.

דער טאטע, א ייד געבויגן אין דרייען, מיט א שיטער, גלייך־צעקעמט בערדל, וואס איז ווי פאדים אראפגעהאנגען פון דער גאמבע, און מיט בייזע, טיף־אריינגעזעצטע אויגן, איז שטענדיק געווען פארטון ביי די שטויסן זוילן־לעדער מיט א שמאל, האלב־קיילעכדיק קנייפיקל אין דער האנט. ער האט געהאלטן אין איין ארומאמפערן זיך מיט די שוסטערס, וועלכע האבן מיט שווארץ־פארסמאלעטע, קרום־ביינערדיקע פינגער געטאפט די שטיקער לעדער, געשמעקט צו זיי און געפרווט זייער הארטקייט מיט די ציין.

— סמאלע־קעפ, איר צעגריזשעט מיר ס׳ביסל סחורה!... — האט ער זיך געבייזערט מיט א טרוקן, אנגעצויגן קול און געריסן פון זייערע הענט די לעדערס. ער האט בעת־מעשה געהאלטן אן אויג אויף יאסלען, וועלכער פלעגט זיך שטילערהייט דערוייל צושארן צום געלט־שופלאד.

— זיי מיר נישט קיין מחותן ביים געלט, יאסל „טרופ”! גיי דיר געזונטערהייט פון דאנען, פאשאל וואן!... — פלעגט דער טאטע מיט רוגזא אים משלח זיין פון געוועלבל.

אבער ווי מען האט אים נישט געזאלט היטן, איז יאסל קיינמאל נישט אוועק פון געוועלבל מיט ליידיקע הענט. איז אים נישט געגאנגען ביים געלט־שופלעדל, האט ער געכאפט הינטער דער פאלע ארונטער א שטיק לעדער און עס פארקויפט פאר

האלב־בחינם אין גאס, און מיטן געלט געלאפן צו די נקבות, וואס האבן זיך געדרייט ביים „אייזערנעם טויער".

די גנבה איז אים אבער קיינמאל גלאטיק נישט אפגעגאנגען. דער טאטע האט געוווסט פון יעדן גראשן אין געלט־שופלעדל און געהאלטן רעכנונג פונם קלענסטן פיצל לעדער. נאך יעדער גנבה האט זיך אין שטוב אפגעטון חושך. דער טאטע האט געקלאפט מיט זיינע קליינע, בלאסע פויסטעלעך אין טיש און געוואלדעוועט מיט א באנומען קול:

— ער באגנבעט מיך, דער „טרופ"! צו דער טארבע וועט ער מיך ברענגען! זאל ער ארוים פון מיין שטוב!...

א שטיק צייט דערנאך פלעגט יאסל זיך נישט טארן ווייזן אין געוועלבל. ער האט זיך עובר־בטלדיק ארומגעדרייט איבער דער שטוב, בלאנדזשענדיק געגלאצט ארום זיך מיט די פארשלאפענע אויגן, און חיים, מעשה עלטערער ברודער, האט געשאקלט אויף אים מיטן קאפ און מוסרדריק אריינגעטענהט אין אים:

— וואס וועט זיין דיין סוף, יאסל? זאג אליין, אדרבא...

יאסל פלעגט ברוגזדיק אראפלאזן דעם קאפ, פונדערווייט אפמעסטן דעם ברודער מיט א שווערן בליק און א ברום־טון מיט אן איבערגעשלאפן, הויל קול:

— בארג מיר א גילדן, חיים... כ'וועל דיר אפגעבן...

— נא־דיר, גענוג פאר דיינעטוועגן... — פלעגט חיים אפטורופסיש אים צושארן א קופערנעם צענער. — מיין נישט, מען זשאלעוועט דיר דעם גראשן!

— הנג... א צענער!... — פלעגט יאסל אומגעשיקט א כאפ־טון דאס געלט מיט זיינע פעטע, צעווירענע פינגער, זיך בייז אנבלאזן און מיט זייטן־טריט, ווי א פרעמדער, זיך ארויסשארן פון שטוב.

— כ'וועל גיין אין דער וועלט אריין... וווּ די אויגן וועלן טראגן, וועל איך גיין... — פלעגט ער ביי דער טיר שוין זיך אויסדרייען צו חיימען און א קוק־טון אויף אים מיט אזא פאר אויגן, פון וועלכע חיים פלעגט אפגעגאסן ווערן מיט א קעלט.

אבער געמאכט האט זיך פונקט פארקערט. נישט יאסל, נאר חיים האט זיך געלאזט אין דער וועלט אריין, געוואנדערט פון

לאַנד צו לאַנד, געוואָרן אויסגעריסן אין דער פרעמד, און יאָסל איז געבליבן אינדערהיים, ווייטער געגנבעט ביים טאַטן אין געוועלבל און געלאָפן מיטן געלט צום „אייזערנעם טויער". זינט ער, חיים, איז אוועק, איז יאָסל געוואָרן אינגאַנצן הפקר. אזוי האָט אים דער טאַטע געשריבן אין די בריוו און זיך באַוויינט די יאָרן צוליב יאָסלען, וואָס צעטראָגט אים דאָס ביסל פאַרמעגן און שטעלט אים אויס פאַר אַן אָרימאַן אויף דער עלטער.

וואָס עס איז געוואָרן יאָסלס סוף, האָט מיסטער היימען דזשייקאָבס נישט געוווּסט. עס האָט זיך געמאַכט די מלחמה און אַ פּאָר יאָר צייט האָט ער נישט געהאַט פונדערהיים קיין שום ידיעה. דערנאָך איז דער פאָטער געשטאָרבן, און מיסטער דזשייקאָבס איז אינגאַנצן געוואָרן אָפּגעריסן פון דער אַלטער היים. דאָס האָט אים ווינציק געאַרט. ער האָט איצט געהאַט געגנוג אייגענע זאָרגן און קאָפּדרייעניש. חתונה געהאַט, געפירט גרויסע ביזנעס, געווען אַ פּאַריאָגטער מענטש, איז אים דער קאָפּ נישט געשטאַנען צומאָל אַ טראַכט־צו־טון וועגן דער אַלטער היים, וועגן משפחה, און יאָסל „טרופּ" איז אים אינגאַנצן עפּעס אַרויס פון געדאַנק. איז ער אים יאָ אַמאָל געקומען אויפן רעיון, האָט ער זיך פון אים אָפּגעשאָקלט, און דאָס פּנים האָט זיך ביי אים געקנייטשט מיט ביטול: ס'איז דאָ וועגן וועמען צו טראַכטן, מ'שטיינס געזאָגט...

מיטאַמאָל, גאָר אומגעריכט, האָט ער דערהאַלטן פון אים אַ בריוו. דער בריוו איז נישט געקומען גלייך צו אים, נאָר דורכן ראַביי ליוויי. דער ראַביי איז געקומען צו אים צו לויפן אַ פּאַר־סאַפּעטער, נחתדיק זיך געפּאַטשט אין די ווייכע, שיט האָר באַוואָקסענע הענט, און זיינע אויגן זענען געווען פול מיט גדולה.

— קאָנגראַטשולייזשנס, מיסטער דזשייקאָבס! איך האָב פאַר איך גוטע נייעס! אַ גרוס פון אייער ברודער!... — האָט ער אין איין אָטעם געזאָגט מיט זיין ברייט, חזניש קול און אים דערלאַנגט יאָסלס בריוו.

מיסטער דזשייקאָבס האָט פּאָרזיכטיק און מיט חשד גענומען דעם בריוו אין דער האַנט אריין. אינם בריוו, געשריבן אויף דייטשמעריש און מיט אַן אויסטערליש־געדריידלטן כתב, האָט

אים יאָסל געמאָלדן פון זיין „ליבן געזונט", אויסגערעכנט א צעטל גרוסן פון פעטערס און מומעס, געשוועסטער־קינדער און גליד־געשוועסטער־קינדער, און לסוף אים איידל געגעבן אָנצו־הערן, אַז ער וואָלט וועלן קומען צו אים, דעם ברודער זיינעם. מיסטער דזשייקאָבס האָט נישט־ניחאדיק געדרייט דעם בריוו צווישן די פינגער, און ווען ראַביי ליוויי איז אוועקגעגאַנגען, האָט ער דעם בריוו מיט כעס צעריסן אויף קליינע פּיצלעך: ס'איז גוט, יאָסל „טרופּ" דאַרף ער דאָ צו האָבן; נאָך דאָס פעלט אים....

יאָסל אָבער האָט נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט געשיקט צו אים דורך ראַביי ליוויי א בריוו נאָך א בריוו, און שפּע־טער האָבן שוין די בריוו איינער נאָכן צווייטן אָנגעהויבן קומען גלייך צו אים. וואָס אַמאָל זענען די בריוו געוואָרן צודרינגלעכער: ער זאָל זען צו ראַטעווען אים, יאָסלען, און וואָס גיכער שיקן פּאַפּירן, וואָרום אין דער אַלטער היים איז סכנת נפשות, עס עקט זיך די וועלט... און יעדן בריוו האָט ער אויסגעלאָזט מיטן זעלביקן פּזמון: צום שנעלן ווידערזען, דיינע עוויג דאַנקבאַרע איגנאַצי און מאַטילדאַ. די דייטשמערישע בריוו און נאָכמער די אונטערשריפט „איגנאַצי און מאַטילדאַ" האָבן דעם מיסטער דזשייקאָבס ארויסגעבראַכט פון די כלים. וואָס פאַרא איגנאַצי מיטאַמאָל? ווער ווייסט, מיט וואָס אַזא „איגנאַצי" שמעקט, וואָס עס האָט פון אַזא יאָסל „טרופּ" געקאָנט אויסוואַקסן... און מאַטילדאַ? ווער זאָל דאָס זיין? זאָל ער האָבן חתונה געהאַט, יאָסל? ער קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַרא חפץ עס האָט יאָסלען געוואָלט נעמען... מיסטער דזשייקאָבס האָט א צעקאָכטער, געריסן די בריוו אויף פּיץ־פּיצלעך און גאָרנישט געענטפערט. יאָסל אָבער האָט ווידער גענומען שרייבן צום ראַביי ליוויי. דער ראַביי האָט מיט א גאָטספאַרכטיק פּנים געטראָגן די בריוו צום מיסטער דזשייקאָבס, וועלכער האָט לסוף איינגעזען, אַז ער וועט זיך שוין פון יאָסלען נישט ארויסדרייען. מיט א שווער האַרץ האָט ער אים געשיקט פּאַפּירן, און נישט נאָר פּאַפּירן, נאָר אויך געלט אויף הוצאות, וואָס יאָסל האָט אין זיינע בריוו הייליק געשווירן צו באַצאָלן מיט „דאַנקע און פּראָצענטע".

די מיססים דזשייקאָבס, א דאַרע, ביינערדיקע פרוי מיט א

שטייף פנים און מיט א פירקאנטיקן שטערן איינגערעמט אין גראָליכע, פלאַטשיק־פאַרקעמטע האָר מיט א הארטן, גלייכן שרונט אינדערמיט ווי ביי א גויע, איז ארומגעגאנגען אן אָנגע־ברוגזטע, זינט זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דער מאַן ברענגט־אראָפּ דעם ברודער זיינעם. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, זי איז בטבע געווען א שווייגנדיקע, נאָר דאָס פּנים ביי איר איז אינ־גאנצן פארשטייפט געוואָרן, און זי האָט געקוקט אויפן מאַן מיט שמאָל־צוזאמענגעצויגענע אויגן, וואָס האָבן ווי געטענהט:

— מיר וועלן זיך נאָך אָפּרעכענען, נישקשה...

איצט איז זי געשטאנען ביים טיש מיט א לייטזעליק, ווייך שמייכעלע אויף די ליפּן און זיך געפּאָרעט מיטן געפעס און זילבערוואַרג. די שוועגערין, מאַטילדאַ, האָט איר ארומגעבונדן די האָר מיט א רויט, זיידן בענדעלע און צוגעשטאָכן צום בוזים א גרויסע, פּייערדיקע בלום. זי האָט היימישלעך געלאַכט צו איר מיט אירע פולע, גלאַנציק־פייכטע אויגן און נישט־ווו, נישט־ווען זי ארומגעכאַפּט און זיך געקושט מיט איר. די מיססים דזשייקאָבס האָט שעמעוודיק געדרייט מיטן קאָפּ, כסדר זיך געטאַפּט דאָס רויטע בענדל ארום די האָר און געשנורעוועט די ליפּן:

— אָה, מאַטילדאַ, פּליז...

אין שטוב איז אריינגעקומען סוזי, די איינציקע טאָכטער ביי די דזשייקאָבס. זי איז געווען א מיידל פון א יאָר עטליכע־און־צוואַנציק, מיט גרויסע, הונגעריקע אויגן אויפן שמאָלן, קרענקליך־פאַרשפּיצטן פּנימל און מיט א לאַנגן, דינעם האַלדז, וואָס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט קוים אויף זיך געהאַלטן איר קאָפּ מיטן הויכן, ביינערדיקן שטערן. זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט גיין צו דער שיף באַגעגענען די גרינע און אוועק אויף א האַלבן טאָג שפּילן טעניס. זי איז אריינגעקומען א פאַרשוויצטע און אויסגעמאַטערטע, אָנגעטון אין קורצע, ווייסע הייזלעך, פון וועלכע עס האָבן ארויסגעשטעקט אירע דאַרע פיס מיט גרויסע, פלאַטשיקע קניען ווי טעלערס.

יאָסל איז גיך אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אויסגעצויגן די הענט.

— דאָס איז זי, אודאי, די בת־יחידקע דײַנע? — האָט ער מיט אַ ברייטן שמייכל אַ קוק־געטון אויפֿן ברודער און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער, מיט פֿלינקע טריט צו צו סוזין און זי אַרייַנגענומען אין די אָרעמס. זי האָט אויסגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע אויגן, און דאָס פּנים ביי איר האָט זיך חידושדיק פֿאַרשפּיצט.

— אַן אמת ספּאָרט־מיידל, ווי איך האָב ליב! — האָט זיין שוואַגער, מענעריש קול זיך הילכיק געקייקלט איבער דער שטוב.

אויף סוזיס שפּיציקע קינבאַקן זענען אַרויס רויטע פֿלעקן. זי האָט פּרובירט זיך צו באַפֿרייען פֿון זיינע אָרעמס, אָבער ער האָט זי נאָך נענטער צוגעטוליעט צו דער ברוסט, געקוקט איר גלייך אין די אויגן אַריין, און זיינע פֿינגער זענען פֿלינק און לייכט געלאָפֿן איבער אירע האָר און נאַקן. מאַטילדאַ האָט מיט שוועבנדיק־צעוויגטע טריט זיך דערנענטערט און אַנגענומען סוזין פֿאַר דער האַנט:

— אַך, איגנאַצי, לאָז מיך אויך באַקענען מיט אונזער פֿלימעניצע! — האָט זי געזאָגט מיט אַ ווייך, זינגענדיק קול.

— ביזט אייפֿערזיכטיק, „קאָכאַניע", כאַ, כאַ, כאַ!... — האָט יאָסל ווילעריש פֿאַרקוועטשט אַן אויג און זיך צעלאַכט מיט אַ פֿול, ברוסטיק געלעכטער.

יאָסלס געלעכטער האָט דעם מיסטער דזשייקאָבס אַ גריליץ־געטון אין די אויערן. ער האָט געוואָרפֿן אַ צעטומלטן בליק אויף אים, ווי ער טוליעט צו זיך דאָס מיידל און פֿרעגנדיק אַ קוק־געטון אויפֿן ווייב. זי איז געשטאַנען אינגאַנצן אַ צעשיינטע מיט אַ נחתדיקן שמייכל אויף די ליפּן און דאָס רויטע שלייפֿעלע האָט יום־טובדיק אַראָפּגעפֿלאַטערט פֿון איר קאָפּ.

— המ... מען וועט נעמען עפּעס אין מויל אַריין... — האָט מיסטער דזשייקאָבס אַ זאָג־געטון מיט אַ טרוקן, אָנגעצויגן קול.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש, און יאָסל האָט אַזוי אויסגעפּאַסט, אַז ער זאָל זיצן נעבן סוזין. ער האָט געהאַלטן אין איין גלעטן איר די האָר און זי צערטלדיק געפּעטשלט איבער די באַקן.

— זי איז די מאַמע, זאָל זיין אָפּגעשיידט, אויסן אויג, דייז

סוזי! — האָט ער זיך אָנגערופן צום ברודער, נישט אַראָפּנע־מענדיק די אויגן פון סוזין.

— ווייס איך וואָס... זי איז אינגאַנצן געראָטן אין מיין ווייבס משפּחה! — האָט היימען טרוקן אָפּגעהאַקט. עס איז אים געווען איבערדריסיק, וואָס יאָסל זיצט אזוי האַרט נעבן סוזין. ער האָט פון דער זייט אַ קוק־געטון אויף אים, אויף זיין זאַט, פליישיק פּנים, אויף זיין הויכער און פעסטער ברוסט, פון וועלכער עס האָט אַראָפּגעבלאַנקט אַ שפּיץ פונם ווייסן, זיידענעם טיכעלע, עלעגאַנט פאַרשטעקט אינם ברוסט־טעשל פון דעם ענג־געפּאַסטן אַנצוג לויט דער לעצטער מאָדע. פונם אמאָליקן צע־קראָכענעם יאָסל „טרופּ" איז נישט פאַרבליבן דער מינדסטער זכר. בלויז אין די אויגן איז אים נאָך געלעגן עפּעס פון דער פאַרשלאָפנקייט פון אַמאָל, אָבער די פאַרשלאָפנקייט איז געווען אַ קעצישע, אַ לויערנדיקע און אַזעלכע, פאַר וועלכער מענטשן האָבן מורא. ער איז זיך ברייט געזעסן אויף דער שטול, געלאָסן און צו־ביסלעך פאַרזוכט פון די מאכלים און נאָך יעדן ביסן אָפּגעלעקט מיטן שפּיץ צונג די ליפּן און ביטולדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— נו יאָ, די ענגלישע קיך, מען ווייסט... ביי אונז אין איירָאָפּע האַלט מען קנאַפּ פון דער ענגלישער קיך, „ניעפּראַווודא קאָכאַניע?" — האָט ער זיך צוגעבויגן צום ווייב און געשמייכלט צו איר מיט זיינע פאַרשלאָפענע אויגן.

עס זענען געקומען עטליכע געסט, משפּחה פון מיססים דזשייקאָבס צד און סתם גוטע פריינט, אַלץ יידן — גבירים און אָנגעזעענע באַלעבאַטישע מענטשן. זיי זענען געקומען מיט שטייפע, יום־טובדיקע שמייכלען אויף די פּנימער, אָנגע־שטעקט יאָסלען אַ שלום־עליכם מיט די שפּיצן פינגער און גרויסמוטיק געשאָקלט מיט די קעפּ צו מאַטילדאַן. מיסטער סילווער, אַ פּלינק, האַפּערדיק מענטשל מיט אומרואיקע אויגן, וואָס האָבן שאַרף ארויסגעגלאַנצט דורך די גאָלדענע קוועטש־ברילן, האָט זיך גלייך צוגעזעצט צום טיש, כאַפּעדיק עפּעס טועם געווען און אויפדערגיך אָפּגעמאָסטן יאָסלען מיט אַ בליק פון אויבן אַראָפּ.

— נו, וואָס זאָגט איר עפּעס צו דער „קאָנטרי”? אַ פּיינע „קאָנטרי”, האַ? — האָט ער זיך געריבן די הענט און געבלינצלט אויף יאָסלען איבער די ברילן אריבער.

מיסטער ניומען, אַ רייכער גאָלדהענדלער, מיט אַ פּאָר לאַנגע, פליישיקע אויערן, וואָס האָבן זיך לויז געבאָמבלט ביי יעדן ריר פון זיין שווערן, פליכעוואטן קאָפּ, האָט אויפגעהויבן די הענט, צעווירענע און בלאַסע ווי ביי אַ קראַנקן, און זיי אוועקגעלייגט אויפן טיש מיט די פלאַכן ארויף.

— איר זעט אָט־די הענט, מיסטער? — דאָ, אין דער „קאָנטרי” מוז מען ארבעטן, שווער ארבעטן צו מאַכן אַ לעבן! — האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַן אָנגעבלאָזן, שטרענג קול.

— געוויס, מיינע הערשאַפטן! ארבעט מאַכט דאָס לעבן זיס! — האָט יאָסל אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט ווי איינער, וואָס מען דאַרף אים נישט לייגן קיין פינגער אין מויל אריין. ער האָט גענומען זיך אויספרעגן וועגן די ביזנעס אין לאַנד, וועגן „גאַווערנמענט”, וועגן עקספּאָרט און אימפּאָרט, וויכטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און זיינע פאַרשלאָפענע אויגן האָבן געקוקט ווינקלדיק, ארויפצוצו, ווי איינער זאָגט:

— ווייס איך וואָס... נישט וואַזשנע!

דער שמועס וועגן ביזנעס האָט צעוואַרעמט דעם עולם. מען האָט גערעדט וועגן אַקציעס, וועגן די הויכע פּרייזן פון ווייץ, און יאָסל, אַ הרחבהדיק־צעזעצטער, האָט מיט אַן אַפּוטראָפּסיש פּנים זיך צוגעהערט צום שמועס, אריינגעוואָרפן אויך אַ וואָרט ענגליש און זיך געפּאָכעט מיטן זיידענעם טיכעלע פונעם ברוסט־טעשל ארויס. די געסט ארום טיש, די וואַזשנע גבירים, זענען געווען צו אים גוטברודעריש־צוגעלאָזן און בעתן שמועס כסדר געוואָרפן פרעגנדיקע בליקן אין זיין זייט: וואָס זאָגט ער עפּעס דערצו?

מיסטער דזשייקאָבס איז געזעסן אַ שווייגנדיקער. דער אויפגערוימטער טומל ארום טיש, דער דינער, פריילעכער געקלימפּער פון די לעפל־גאָפּל־מעסער און פאַרצעלאַנענע האָבן שטומפּיק אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן, ווי פונדערווייטנס. מען קאָן טאַקע מיינען, אַז יאָסל איז מי יודע וואָס פאַרא צעלייגער, האָט ער געטראַכט, קוקנדיק אויפן ברודער, און מיטאַמאָל, פון דער

הוילער הויט ארויס גענומען דערציילן עפעס א לאנגע געשיכטע, ווי ער האט געהאלטן ביים שליסן א גרויסן קאנטראקט אויף וואל מיט יאפאן. עס איז אים געשטאנען צו פארדינען אזויפיל־און־אזויפיל טויזנטער פונטן, נאר צוליב עפעס א קלייניקייט, א נאר־רישער אמביציע זיינער, איז פון קאנטראקט גארנישט געווארן. ער האט גערעדט שטיל, כלאחר־יד געצויגן די ווערטער, אבער בעת מעשה האט ער נישט אראפגענומען די אויגן פון יאסלען, וועלכער האט לאנגווייליק געקייעט עפעס מיטן שפיץ מויל און קוים מיט איין אויער זיך צוגעהארכט צו דער געשיכטע. מיסטער דזשייקאבס האט שיטער אפגעהוסט, איבערגעכאפט דעם אטעם און פלוצלינג מיט א הויך קול וויכטיק א זאג געטון:

— וועלל, יו נאו, ביזנעס מיט די יאפאנטשיקעס לאז איך פאר אנדערע. א פאר טויזנטערס ארויף, א פאר טויזנטערס אראפ, ביי מיר שפילט עס א קנאפע ראלע.

— נו יא, וואס מאכן־אויס אין ביזנעס א פאר טויזנ־טערס? — האט יאסל גלייכגילטיק צוגעווארפן און אויסגעצויגן די האנט צו דער זילבערנער סיגארעטן־שאכטל אויפן טיש. ער האט מיט די שפיצן פינגער ארויסגענומען א סיגארעט, באַ־שמעקט אים פון אלע זייטן און ערשט נאך א שטיקל ישוב־הדעת פאררויכערט.

— א יוקס... — האט ער קרומליך פארצויגן די נאז. — אט דאס רויכערט מען ביי אייך, אזא יוקס?...

ער האט לייכט פארווארפן דעם קאפ און געלאזן דעם בליק וואנדערן איבערן גרויסארטיקן צימער מיט די זילבער־באמאלטע ווענט, אויף וועלכע עס האט זיך רעגנבויגנדיק געמיניעט דאס געשליפענע ליכט פון זשיראנדאל. ער האט מיט די ווייסע, ווי מיט הינער־שמאלץ אנגעגאסענע פינגער זיך א גלעט־געטון די גאמבע, חלומדיק פארזשמורעט די אויגן און ארויסגעלאזט דורך דער נאז א געדיכטן קנויל רויך.

— האסט זיך נישט שלעכט איינגעארדנט, חיים... א שיין צימער, נישקשה, נאר אביסל וויניק ארטיסטיש, אן פאנטאזיע. איך וועל מיך דא אנדערש איינארדנען, לויטן אייראפעאישן

געשמאַק, ס'וועט זיין וואָס צו זען! מיין מאַטילדע איז אַ בריה אויף אַזעלכע זאַכן, „ניעפּראַוודאַ קאָכאַניע"?

— אך, איגנאַצי! — האָט מאַטילדאַ אַ דריי־געטון מיט אירע פולע אויגן און אַ מיד, געצויגן שמייכעלע האָט זיך צעלייגט איבער איר ווייך פּנים.

ביי מיסטער דזשייקאָבס האָבן זיך אויפגעבערשטלט די ברעמען. זיין פּנים האָט זיך אָנגעצויגן און די ליפּן האָבן קרום און להכעיסדיק אַ ציטער־געטון. איבער דער גאַנצער שטוב איז מיטאָמאָל אַדורכגעפלויגן אַ שטילקייט. מיסטער דזשייקאָבס האָט אַ פיר־געטון מיט די אויגן איבערן טיש און זיין בליק איז געפאַלן אויף דער פרישער און מיידלשער מאַטילדאַ. ער האָט זי אַ ווײַלע באַטראַכט, דערנאָך אַ קוק־געטון אויפן ווייב מיטן אויסגעצויגענעם, שטייפן [illegible]ים, אויף סוזין, וואָס האָט אַ פּאַר־רויטלטע געקוקט אויפן פעטער מיט שיינענדיק־פייכטע אויגן, און עס איז אים מיטאָמאָל געקומען אויפן רעיון, אַז יאָסל דאַרף שוין אַלט זיין אַ יאָר 48, אינגאַנצן מיט צוויי יאָר יינגער פאַר אים. ער האָט מיט זיין טרוקענער, נערוועזער האַנט אַ טאַפּ־געטון זיך דאָס ביינערדיקע פּנים מיט די צוויי טיפע קנייטשן אין די באַקן און שטיל געזאָגט:

— דו ביסט אָלרייט, איגנאַצי... — און דאָס וואָרט „איג־נאַצי" איז ביי אים ארויסגעקומען מאָדנע שפּיציק, מיט אַ פייף.

יאָסל האָט זיך ברייט און הילכיק צעלאַכט:

— דאָס הייסט ביי דיר אָלרייט? כאַ, כאַ, איך וועל ערשט זיין אָלרייט, לאָמיך נאָר אַביסל צעפירן די הענט, וועל איך דיר ווייזן, וואָס איך קאָן אויפטון! ווען איך וואָלט דאָ געווען דריי־סיק יאָר אַזוי ווי דו, וואָלט איך ווייט דערגאַנגען, אַהאַ!... מיט מיליאָנען געדרייט, מיט צענדליקער מיליאָנען, „ניעפּראַוודאַ קאָכאַניע"? — האָט ער אַ ווונק־געטון צו מאַטילדאַן מיט אַ בלישטשל אין די אויגן.

עם זענען אָנגעקומען נאָך געסט, דער ראַביי ליוויי, און אַביסל יונגוואַרג, סוזיס פריינט. אין דעם גרויסן צימער איז געוואָרן ענג און טומלדיק. אַלע האָבן זיך געדרייט ארום יאָסלען

און מאַטילדאַן און זיך געוואָלט באַקענען מיט די סימפּאַטישע און אינטעליגענטע מענטשן, ווי סוזי האָט זיי פּאַר אַלעמען פאָרגעשטעלט מיט שטאָלץ. די מיסס דזשייקאָבס איז געווען גאָר יום־טובדיק אויפגעלייגט, ארומגעגאַנגען צווישן עולם, גע־וואָרפן שמייכלען אויף אַלע זייטן און יעדע פּאָר רגעס זיך צוגע־שאַרט צו מאַטילדאַן און מיט א היימישלעך־צוגעלאָזן שמייכעלע עפּעס איינגערוימט איר אויפן אויער. יאָסל איז געשטאַנען צווישן אַ קרענצל עלטערע הערן מיט אַ לאַנגן, שמעקעדיקן ציגאַר אין מויל און מיטגעהאַלטן אין עפּעס אַן ערנסטן געשפּרעך. ער האָט דערביי זייער קלוג און וויכטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און יעדע ווײַלע גוטברודעריש אַראָפּגעווישט אַ שטויבעלע פון מיסטער ניומענס לאַצן. ראַבי ליוויי איז נישט אָפּגעטרעטן פון מאַטילדאַן, אריינגעטענהט אין איר מיט אַ פרום־אָנגעצויגן שמייכעלע און מיט אַ צערטליכקייט באַטראַכט די נעגל פון זיינע פינגער.

מיסטער דזשייקאָבס האָט זיך געדרייט צווישן עולם אַ שווייגנדיקער. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים, ווי ער וואָלט דאָ געווען עפּעס אַ זייטיקער. בלויז סוזי איז פון צייט צו צייט צוגעלאָפן צו אים, אים ארומגעכאַפּט מיט אירע דינע, שטעקלדיקע הענט און געקושט אין די באַקן. אירע קושן האָבן אים גערירט, און מיט אַ שמייכל אויף איין זייט מויל האָט ער זי געפרעגט:

— ווי געפעלט דיר דיין „נייער" אַנקל?

— וואָס פרעגסטו, „דעד", ער איז דאָך דיין ברודער! — האָט זי אביסל אין פאַרלעגנהייט גיך אָפּגעענטפערט און גלייך אַוועק.

— מיין ברודער, המ...! — האָט מיסטער דזשייקאָבס אַ ברום־געטון צו זיך. — אַ גאַנצער קנאַקער איז ער, יאָסל „טרופּ"! מיט מיליאָנען וויל ער דרייען, אַנדערש נישט...

עס איז שוין געווען גאָר שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ ליידיקע שטילקייט אין דעם גרויסאַרטיקן צימער. דער קרישטאָלענער זשיראַנדאָל האָט שאַרף געבליצט אין דער שטילקייט און גע־

שניטן די אויגן. די מיססים דזשייקאָבס איז מיד געזעסן אין אַ ווינקל, געפּינטלט מיט די אויגן, און אירע פּלאַטשיקע האָר זענען געווען אויפגערודערט און שיטער געשטאַנען אויפן קאָפּ. סוזי האָט אַלץ נישט געקאָנט איינרוען, זיך געדרייט איבערן שטילן צימער, און אויף איר פאַרשפּיצט פּנים זענען געשטאַנען רויטע פלעקן. מיסטער דזשייקאָבס איז שווער געזעסן ביים טיש מיט אַ רויש אין קאָפּ. אין די טיפן פאַלדן פון זיין פּנים איז געלעגן אַ פאַרשלאָפענע גראָקייט, אָבער שלאָפן האָט זיך אים עפּעס נישט געוואָלט גיין. יאָסל איז געשטאַנען מיט זיין ווייבל אָן אַ זייט און שטיל עפּעס צו איר גערעדט, וואַרפנדיק אומרואיקע בליקן אויפן ברודער. אויף זיין גרויס מענעריש פּנים האָט זיך אָנגעדרוקט אַ טונקלקייט, און זיין בולטע, שיינע נאָז האָט אויסגעזען פאַרשפּיצט, ווי דער שנאָבל ביי אַ דרעמלענדיקן האָן. מאַטילדא האָט זיך אומבאַהאָלפן געטוליעט צו אים. אירע בלאָנד־געבלייכטע האָר האָבן אויסגעזען ווי וואַטע צוגעקלעפּט צום שאַרבן, ווי ביי אַ ליאַלקע. מיסטער דזשייקאָבס האָט באַהאַלטענערהייט געקוקט אויף זיי, געזען זייער פאַרלוירנקייט און זיך געגלעט די גאָמבע מיט זיינע טרוקענע, ביינערדיקע פינגער.

— איגנאַצי און מאַטילדאַ, מנע!... גרינע ווי אַלע גרינע... מיט מיליאָנען וויל עס דרייען, אַנדערש נישט! — האָט ער ביי־טולדיק אַ צי־געטון די ליפּן, זיך אויפגעשטעלט פון אָרט און מיט אַ לויז, היימישליך שמייכעלע צוגעגאַנגען צו זיי.

# דער ברית

דזשעק סילווער האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין איין וואָרט, ווען ס׳ווייב זיינס, קעטלין, האָט אים געזאָגט, אַז זי באַשטייט, מען זאָל מל־זיין דאָס קינד. ער האָט בכלל די לעצטע צייט, זינט זי איז אַהיימגעקומען פון שפּיטאָל נאָך דער קימפּעט, קנאַפּ־וואָס מיט איר גערעדט. ער האָט געהאַלטן אין איין אַריינטראַכטן וועגן קינד. דער געדאַנק, אַז עס איז נישט געמלט, האָט אים נישט געלאָזט צו־רו, און קעטלין פלעגט עס ווי אויף להכעיס כסדר אים אונטערטראָגן צום סאַמע פּנים און זיך פאַרכליניען מיט אַ פּייכטליך, צעוואַרעמט קול:

— זע ווי עס שמייכלט! אינגאַנצן ווי דער „דעדי"...

דזשעק פלעגט וואַרפן אַ פלינקען בליק אויפן קינד, אַן איינגעבאַבלטס ביז צו דער גאָמבע, און דאָס רויטע, ווי אָפּגעקאָכטע קעפּל מיטן פאַרקנייטשטן פּיצעלע פּנימל, וואָס האָט ווי אַ פּויסטל אַרויסגעשטעקט פון די וויקעלעך, איז אים געווען פרעמד און דערווידער, ווי עפּעס אַן אומריינע זאַך.

— אַן אונטערשייד... אַ קינד איז אַ קינד... — פלעגט ער זייטיק אַ וואָרף־טון מיט אַ ברוגזדיק פּנים.

עס האָט אים געאַרט, וואָס קעטלין האָט מיטאַמאָל אים גענומען רופן „דעדי" און עס איז אים אויסגעקומען, ווי זי וואָלט מיט אַ כיוון פול געמאַכט דאָס גאַנצע הויז ׳מיטן קינד. אין אַלע שטובן זענען די לאָמפּן צוליבן קינדס וועגן געווען אַרומגעוויקלט מיט בלוי פּאַפּיר, און אין דער בלויער, צוגעדו־שעטער טונקלקייט איז שטענדיק געשטאַנען אַ דעמפּיק־פייכטער, זייפיקער ריח, ווי מען וואָלט כסדר געוואַשן וועש. אויף די שטולן און טישן האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט ווינדלען און קינדערשע יאַקעלעך, אומעטום איז געווען אָנגעשטעלט מיט

בלערליי מעדיצינען אין סלאָיקעס און פלעשלעך, און קעטלין האָט זיך געדרייט פון איין שטוב אין דער צווייטער אַ פאָרטראַגענע, מיט הייסע פלאָמען אויף די שמאָלע, קאַנטיק־פאַרשפּיצטע קינבאַקן. די קלאָרע, בולטע ביר־אויגן האָבן זיך ביי איר געמיניעט מיט אַ דינעם און שאַרפן גלאַנץ, וואָס האָט אים, דזשעקן, אַ ברי־געטון יעדעס מאָל, ווען זיין בליק האָט זיך געטראָפן מיט אירן.

דער דאָזיקער בליק אירער האָט אים נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. ער האָט שוין עטליכע מאָל געוואָלט אַ רעד־טון מיט איר וועגן מל־זיין דאָס קינד, אָבער דאָס דינע, אָנגעשפּיצטע גלענצל אין אירע אויגן, האָט ביי אים אָפּגענומען דאָס לשון. פּונקט אַזוי האָט זי געקוקט, ווען זי איז געווען אין די הויכע חדשים. גאַנצע טעג פלעגט זי זיך ארומטראָגן אַ צערודערטע, נישט געלאָזט צו זיך רעדן קיין וואָרט, און אין די נעכט, ווען זי האָט געמיינט, אַז ער שלאָפט, פלעגט זי זיך אַראָפּשאַרן פון בעט און שטילערהייט תפילה־טון, אָפּשטייענדיק שעהנווייז אויף די קניען. אַ גאַנצן טאָג דערנאָך פלעגט זי אַ שווייגנדיקע זיך דרייען איבער די שטובן מיט אָנגעשטרענגטע, שטייפע טריט, ווי זי וואָלט געגאַנגען ארויף אויף טרעפּן, און בגנבה, דזשעק זאָל נישט זען, זיך צלמן איבערן הויך־אָפּשטייענדיקן בויך. פון איר פּנים, וואָס איז געוואָרן אויפגעלאָפן פונם טראָגן ווי אַן אָנגעזאַפּטע שוואָם, האָט געשלאָגן אַ פייכטע היץ, און אונטער די אויגן זענען ביי איר געשטאַנען טונקעלע רייפן.

ער האָט אין אַזעלכע טעג נישט געקאָנט זיך געפינען קיין אָרט. ער פלעגט לאָזן אויף הפקר דאָס שניידעריי־פאַבריקל און זיך ארומדרייען פּוסט־און־פּאַסט אין דער „ליין", מאָטלען מיט די יידישע „האָלסעילערס", שמועסן פּאָליטיק וועגן „פּאַלעסטיין", און אויף מיטאָג פלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן קיין קאַרלטאָן צו דער מיססים פּראַדקין אין כשרן רעסטאָראַן. ער פלעגט מיט כונה קייען די געריישטע ציבעלעס, די קרעפּלעך און דעם פעטן צימעס, טרינקען שאַרפן טיי מיט ציטרין, און מעשה שטאַם־גאַסט געהאַלטן אין איין דרייען מיט דער נאָז:

— עס האָט נישט קיין יידישן טעם, דאָס ביסל עסן...

עס איז געווען שפּעט אויפדערנאַכט, שוין פאַרן שלאָפן־גיין, ווען קעטלין האָט פּלוצלינג פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן מל־זיין דאָס קינד. זי האָט גערעדט שטיל, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און געהאַלטן די פינגער פאַרפלאָכטן ווי ביים תפילה־טון.

— איך בין גרייט דערצו, דזשעק... עס איז דאָך דיין קינד פונקט אַזוי ווי מיינס... — האָט זי געזאָגט מיט אַ קול, וואָס האָט דזשעקן אַ זעץ־געטון אין האַרצן אַריין. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פלינקען, צעטומלטן בליק, געדיכט אָפּגעהוסט און גאָרנישט געענטפערט. ער איז צו צום בעטל, וווּ דאָס קינד איז געלעגן אַ שלאָפנדיקס מיט אַן איינגעצויגן פּנימל און פאַרקוועטשטע אויגן, ווי עס וואָלט שטאַרק וועגן עפּעס געטראַכט. אַ שפּאָר ביסל צייט האָט ער געקוקט אויפן קינד און וויכטיק געשאָקלט צו זיך מיטן קאָפּ.

— עס איז זייער אַ געזונטע זאַך, דאָס באַשניידן... דאָקטוירים האַלטן דערפון גאָר שטאַרק! — האָט ער מיט ישוב הדעת ווי צו זיך אַליין אַ זאָג־געטון, נישט אַראָפּנעמענדיק פונם קינד די אויגן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער נישט געקאָנט צוטון קיין אויג און זיך געדרייט אין בעט אויף אַלע זייטן. דאָס בעטגעוואַנד האָט אים געבריט מיט אַ צעפּאַרעטער, קלעפּיקער היץ. אין דער שטוב איז געשטאַנען אַ געדיכטע שטילקייט, און אין דער שטילקייט זענען ווי אויף מייזענע לאַפּקעס ארומגעלאָפן באַהאַלטענע שאָרכן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פונם דיל און פון די ווענט. עס האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז אויך קעטלין ליגט אַ וואַכע, קוקט אויף אים אין דער פינצטער און וויל עפּעס זאָגן. אָט זעצט זי זיך אויף אין בעט און גיט אים פונקט ווי פריער פּלוצים אַ זאָג, אַז ניין, זי וועט נישט לאָזן מל־זיין דאָס קינד... עס האָט אים באַשלאָגן אַ שווייס. אַ שטיקל צייט איז ער געלעגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, זיך נישט אַ ריר־געטון און אַריינגעהאָרכט אין דער שטילקייט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

מיטאַמאָל האָט דאָס קינד אַ וויין־געטון פון שלאָף מיט אַ

דין, פאַרצויגן קולכל. דזשעק איז געשווינד אַראָפּ פון בעט און צו צום קינד. עס איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער דזשעק איז ווייטער געשטאַנען איבערן בעטל. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס קינד ליגט עפּעס צו שטיל. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט דערכאַפּן מיטן אויער דעם קינדס אָטעם. עס איז אים באַפאַלן אַ פּחד. אַ קינד, אַזאַ פּיצל, ווער ווייסט?... ער איז צו צו קעטלינען און זי גענומען וועקן מיט אַ פאַרזיכטיק, אַנגסטיק קול:

— קעטלין, שלאָפסט? האָ?

—וואס איז? — האָט זי זיך צעטומלט אַ כאַפּ־געטון פון שלאָף.

— ס'קינד... מען דאַרף געבן אַ קוק דערצו!

— ס'איז אַלרייט... — האָט זי זיך צעגעניצט מיט אַ שווער, פאַרשלאָפן קול און זיך צוריק איינגעטוליעט אין דער קאָלדרע.

דזשעק האָט זיך נישט־ניחאדיק צוריקגעלייגט אין בעט אריין. עס האָט שוין אָנגעהויבן אינדרויסן צו גרויען, ווען ער איז קוים איינגעשלאָפן מיט אַן אומרואיקן, צערודערטן שלאָף. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין דער טאָג, אַ העל־צעשיינטער און אַ לאַבעדיקער, געשטאַנען אינם פענצטער. דאָס ערשטע האָט דזשעק אַ קוק־געטון צום ווייב. זי איז געשמאַק געשלאָפן מיטן קינד ביי דער זייט. אַ פּנים, זי איז פריער אויפגעשטאַנען, גענומען דאָס קינד צו זיך און עס געגעבן אָנצוזויגן. אירע ברוסטן האָבן ווייך און קילעבדיק ארויסגעקוקט פון דער צעקנעפּלטער שלאָף־יאַקע און זיך פאַמעלעך און טיף־אָטעמדיק געהויבן ארויף און אַראָפּ. אויף איר פּנים, וואָס איז געווען לייכט פאַררויטלט פון שלאָף, איז געשטאַנען אַ הויך וו־אויף צייטיק אויבסט ערשט פון בוים אַראָפּ. דאָס קינד ביי איר זייט איז געשלאָפן מיט אַ צעעפנט מיילעכל ווי ביי אַ פישל און אריינגעשמייכלט אין זיך מיט אַ צעגאָסן, מילכיק שמייכעלע. דזשעק האָט געקוקט אויפן קינד און זיך אויך צעשמייכלט.

— ס'וואַקסט אַ חברה־מאַן, אָהאָ!... — האָט ער נחתדיק געשאָקלט צו זיך מיטן קאָפּ און מיט געטרייע אויגן געקוקט אויף קעטלינען. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו איר און אַ

קוש־געטון איר אין שטערן. זי האָט פֿאַמעליך געעפֿנט די אויגן, וואָס האָבן אים ווי אָפּגעגאָסן מיט אַ ווייכן, בורשטינענעם גלאַנץ.

— שלאָף, קעטלין, ס'איז נאָך פֿרי... — האָט ער געזאָגט און זאָרגעוודיק אַרויפֿגעצויגן די קאָלדרע איבער איר אָפּגעדעקטער ברוסט.

זי האָט אים לײַכט אַ גלעט־געטון איבער דער האַנט און מיט אַ פֿאַרצויגן שמייכעלע אויף די ליפּן צוריק פֿאַרמאַכט די אויגן.

אַ גאַנצן טאָג איז דזשעק אַרומגעלאָפֿן אַ פֿאַרמעכיעטער. אַז עס האָלט שוין יאָ ביים מל־זיין דאָס קינד, האָט ער געוואָלט עס מאַכן מיט אַלע פּיטשעווקעס, ס'זאָל זיין אַן אמתער יידישער ברית. ער האָט זיך באַדונגען מיטן רעוורענד פֿרענקל, דעם מוהל, איינגעקויפֿט וויינען און באַשטעלט ביי דער מיססיס פּראַדקין אין כשרן רעסטאָראַן אַ רייכן מאָלצייט. ער איז געווען ביי אַלע זיינע באַקאַנטע יידישע סוחרים אין דער „לייז", געבעטן זיי אויפֿן ברית און מכלומרשט גלייכגילטיק געצויגן די אַקסלען:

— „מיינע" דערגייט מיר די יאָרן... זי וויל דווקא אַ ברית, ס'זאָל זיין מיטן גאַנצן קנאַק, נישט אַנדערש! וואָס זאָגט איר נישט דערצו, האַ?

אין טאָג פֿון ברית איז קעטלין נישט אויפֿגעשטאַנען פֿון בעט. זי איז געלעגן מיט אַ פֿאַרפֿלאָמט פּנים, געטוליעט צו זיך דאָס קינד, און דזשעקן האָט זי געזאָגט מיט אַ הויל, געמאַטערט קול, אַז זי פֿילט זיך נישט געזונט. דזשעק איז אין האַרצן ביי זיך געווען דערפֿון צופֿרידן. ער האָט נישט געוואָלט, אַז די פֿאַרבעטענע געסט זאָלן גלייך ביים אַריינקומען אין הויז זיך טרעפֿן מיט איר. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער ברית וועט זיין יידישליכער, כשרער, ווען זי וועט נישט זיין דערביי.

דער ערשטער איז געקומען רעוורענד פֿרענקל. ער איז געווען אַן אויסגעצויגענער, דאַרער ייד מיט הויכע קינבאַקן, איבער וועלכע עס איז געווען שטײַף אָנגעצויגן אַ בלייכע, דורכזיכטיק־

דינע הויט ווי פּאַרמעט. ער האָט געשטעלט דראָבנע, פלינקע טריטעלעך, אומרואיק געוואָרפן ארום זיך מיט די שווארצע, ווייבעריש־גלאַנציקע אויגן און אָן אויפהער זיך געריבן די שמאָלע, בלאַס־איידעלע הענט, ווי ער וואָלט זיי געהאַלטן אין איין וואשן. ער איז צוזאַמען מיט דזשעקן אריין אין שלאָפצימער, א קוק־צו־טון אויפן קינד. ער האָט פלינק, מיט געניטע פינגער פונאַנדער־גענומען די וויקעלעך, זיין בליק האָט זיך לייכט אדורכגעגליטשט איבערן נאַקעטן גופל, און ער האָט מבינותדיק א שאָקל־געטון צו זיך מיטן קאָפּ. קעטלין האָט אויף אים געקוקט מיט שמאָל־צוזאַמענגעצויגענע אויגן. זיינע דראָבנע, איידעלע הענט מיט די פלינקע פינגער האָבן אַנגעוואָרפן אויף איר א שרעק. זי האָט געשווינד צוריק איינגעוויקלט דאָס קינד און עס צוגעטוליעט צו זיך, נישט אראָפּנעמענדיק דעם בליק פונם רעווריענד און פון דזשעקן. עס איז איר אויסגעקומען חידושדיק, וואָס ביידע האָבן זיי געטראָגן די היטן, און ביידע צוגלייך האָבן זיך אינגאַנצן נישט אומגעקוקט אויף איר, ווי זי וואָלט גאָר דערביי נישט געווען.

עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען נאָך מענטשן. דאָס גאַנצע הויז איז פול געוואָרן מיט א האָפערדיקן טומל. קעטלין האָט מיט א קלאַפּנדיק האַרץ זיך צוגעהאָרכט צום מינדסטן שאָרך, ווי מען רוקט פונאַנדער די שטולן, ווי עס קלינגען טעלער, ווי מען רעדט אויף א פרעמדער שפּראַך און קלאָר ארויסגעהערט דזשעקס קול, ווי ער לאַכט אַן אויפגעלייגטער, און ער איז איר מיטאַמאָל אויסגעקומען ווי עפּעס א זייטיקער, ווילד־פרעמדער מענטש. עס האָט זיך איר אָנגעהויבן דאכטן, אז די אַלע מענטשן זענען געקומען עפּעס צונעמען ביי איר. זי האָט פעסטער צוגעטוליעט דאָס קינד צו דער ברוסט, געקוקט דערויף מיט נעפּלדיק־פאַרלאָפענע אויגן און שטילערהייט, מיט פאַר־טרוקנטע ליפּן געגומען זאָגן א תפילה.

דזשעק און עפּעס אַן אומבאַקאַנטע פרוי, א דיקליכע, מיט א שטאַרק אָנגעפּודערט פּנים און קיילעכדיקע, זיסליך־גלאַנציקע אויגן זענען אריינגעקומען אין שלאָפצימער. די פרוי האָט גע־האַלטן די הענט פאַרלייגט אויפן הויכן בוזים, געקוקט אויף

קעטלינען מיט א צוגעלאָזן שמייכעלע און ליבליך געשאָקלט צו איר מיטן קאָפּ. זי איז מיט שווימענדיקע טריט צו צום בעט קעטלין האָט זיך אינגאַנצן איינגעקאָרטשעט און צוגעדריקט צו זיך דאָס קינד מיטן גאַנצן כוח. די פרוי האָט זיך צו איר אַראָפּ־געבויגן, אריינגעשמייכלט אין פּנים אריין און מיט א פייכט, רחמנותדיק קול געזאָגט:

— נעווער מאַינד, מיססים סילווער... ס'איז צום גוטן, ביליוו מי....

זי האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט. ביי קעטלינען האָט זיך דאָס האַרץ געוואָרפן, אַז זי האָט נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. זי האָט מיט א געבעט אויפגעהויבן די אויגן או דזשעקן. ער איז געשטאַנען אביסל א פאַרלוירענער, מיט אַן אומבאַקוועם שמייכעלע אויפן פּנים און אומגעדולדיק זיך געריבן די הענט. די פרעמדע פרוי האָט געהאַלטן דאָס קינד צוגעטוליעט צו זיך, ווי עס וואָלט געווען איר אייגנס, און מיט פאָרזיכטיקע, ווייכע טריט, אומקוקנדיק זיך כסדר אויף קעט־לינען, איז זי ארויס פון דער שטוב. דזשעק איז איר נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט א שטייף־אויפגעהויבענעם קאָפּ.

קעטלין איז געבליבן אליין. אין דער שטוב איז געשטאַנען א ברוגזע, הוילע שטילקייט ווי אין א פּוסט פעלד. אויך אין די אנדערע שטובן, וואָס זענען ערשט געווען פול מיט גערודער, איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. עס האָט זי אָנגענומען א פּחד פאַר דער שטילקייט. ווער ווייסט, וואָס דאָרט געשעט איצט... זיי האָבן דאָרט איר קינד! וואָס טוען זיי דערמיט? פאַרוואָס זענען זיי אַלע מיטאַמאָל אנטשוויגן געוואָרן? זי איז געזעסן אין בעט א פאַר־שטייפטע, אינגאַנצן באַשלאָגן מיט א גערדיכטן, קלעפּיקן שווייס, און מיט אויפגעשפּיצטע אויערן אריינגעהאָרכט אין דער שטילקייט אריין.

פלוצלינג האָט זיך צו איר דערטראָגן דאָס קול פונם רעוו־רענד, וועלכער האָט פייערליך, מיט א צעצויגענעם ניגון ארויס־געזונגען עפּעס אומפאַרשטענדליכע, סודותדיקע ווערטער, און באַלד דערנאָך האָט זיך דערהערט א פאַרקייכט, אָפּגעהאַקט געוויין. זי איז געוואָרן אויפגעציטערט. מען טוט דאָרט ווי איר

קינד! זי איז אַראָפּ פון בעט, געבליבן שטיין מיט ציטערדיקע קניען און זיך איינגעהאָרכט, ווי דאָס געוויין ווערט העכער, שרייענדיקער. זי האָט זיך אַ ריס־געטון, געוואָלט אַריינלויפן צום קינד. די פיס אָבער האָבן זי נישט געפאָלגט און זיך גע־בראָכן אונטער איר. זי איז צוגעפאַלן צום בעט, פאַרגראָבן אין די הענט דאָס פּנים, און דאָס גאַנצע לייב האָט ביי איר געציטערט.

ווען דזשעק איז צוזאַמען מיט נאָך עטליכע געסט, מענער און פרויען, אַריינגעקומען מיטן קינד אויף די אָרעמס, איז זי אַלץ נאָך געלעגן אויפן בעט מיטן פּנים פאַרגראָבן אין די הענט. דאָס שלאָפצימער איז מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט געפּילדער. מען האָט פון אַלע זייטן זיך געוווּנדערט צו קעטלינען מיט מיטגעפיל, זי געטרייסט און באַרואיקט. דזשעק האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו איר און מיט אַ שטיל, טיף קול געזאָגט:

— קעטלין! וואָס טוט זיך מיט דיר? נעם צו דאָס קינד...

קעטלין האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דערזעענדיק דאָס קינד אויף דזשעקס הענט, האָט זי עס געשווינד צוגענומען פון אים. איר פּנים איז געווען ווייס און זיך געראַנצלט ווי אין אַ קאַלטן שווידער. זי האָט אַרומגענומען די שטוב מיט אַ פאַר־לאָפענעם, טונקעלן בליק און פלינק, מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג איבערגעצלמט דאָס קינד.

# אַ לוויה

ר׳ אַלטערס טויט האָט אָנגעמאַכט אַן אמתן קאָך אויף דראַמאָנד סטריט. פֿון באַלד אינדערפֿרי האָבן זיך ייִדן געדרייט פֿאַרן שטאָקיקן, ברוין־באַמאָלטן הויז, ווו ר׳ אַלטער איז געווען איינגעדונגען, און צעטומלטע געקוקט אויף דער פֿאַרמאַכטער גלאָז־טיר, וואָס האָט מיט די מאַטע שויבן ביז אַראָפּגעגלאַנצט פֿונם הויכן גאַניק, אַרומגעצוימט מיט פֿאַרזשאַווערטע, פֿון אַלטקייט צעקרומטע שטאַכעטן. אין דער טיר האָט זיך עטליכע מאָל באַוויזן מיססים מעק־קאַרטי, די באַלעבאָסטע, אַ ברייט־צעגאָסענע פֿרוי מיט אַ רויטער שלאָף־קופּקע, געשטריקט פֿון וואָל, אויפֿן קאָפּ, און מיט שטרענג־צוזאַמענגעצויגענע אויגן באַטראַכט די ייִדן, וואָס האָבן זיך טומלדיק געדרייט אויף דער גאַס. דערזעענדיק זי האָבן זיך די ייִדן אַ לאָז־געטון צו דער טיר, געמאַכט צו איר מיט די הענט, און מערקעל, דער ליטוואַק, אַ שמאָל, רירעוודיק פֿאַרשווינדל מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, וואָס די אַפּלען ביי זיי האָבן כמעט אָנגערירט די גלעזער פֿון זיינע גרויסע, שוואַרץ־רעמלדיקע ברילן, האָט זיך געשטופּט פֿאָראויס און פֿאַרמעכיעט גערדרייט מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן. ער איז געווען צווישן עולם דער ענגליש־קענער, און מיט אַן אָנגעצויגן קול ווייכטיק געטענהט:

— מיססים מעק־קאַרטי... עקסקיוז מי... פּליז...

ביי מיססים מעק־קאַרטי האָט זיך דאָס רויטע קופּקעלע ביז אַ טרייסל־געטון. זי האָט אָפּגעמאָסטן מערקלען מיט אַ בליק פֿון אויבן אַראָפּ און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט פֿאַרהאַקט די טיר פֿאַר זיין נאָז. די ייִדן האָבן זיך איבערגעקוקט, געצויגן די אַקסלען און אונטערגעקרעכצט:

— אַ שיין פּנים האָט מען דאָ, מ׳שטיינסגעזאָגט...

— מילא, יידן זענען אין גלות, שייך צו זאָגן... אומעטום ס׳אייגענע... — האָט ביטולדיק אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט משה האָקער, א ייד מיט אַן אָפּגעצערט, לומדיש פּנים און מיט אַ נייעם קאַפּעלוש, וואָס איז אים אומגעלומפּערט געשטאַנען אויפן שפּיץ קאָפּ ווי אַ יארמעלקע.

עס זענען אָנגעקומען נאָך יידן. די שטילע, פאַרשלאָפענע דראַמאָנד סטריט, מיט די לאַנגע רייעס אָפּגעדראַפּעטע, חושכדי־קע הייזלעך, וואָס שטייען צוגעטוליעט איינס צום צווייטן הינטער שמאָלע גאַניקלעך, פאַרוואַקסענע מיט ווילד־גראָז, איז געוואָרן פול מיט אַ צערודערטן טומל. די יידן האָבן אבלדיק זיך אי־בערגעשאָקלט מיט די קעפּ, זיך געזאַמלט אין קופּקעלעך, און משה האָקער האָט אַ פאַרזאָרגטער זיך גערדרייט צווישן עולם, זיך געריבן די הענט און אריינגעטענהט אין זיך מיט אַ גמרא־ניגון:

— נו יאָ...אָ...אָ... אויסטראַליע... אומעטום טרעפט ער, דער מלאך־המות, נו יאָ...

—מנע! מ׳שטיינסגעזאָגט, די גאָלדענע מדינה...—האָט דער עולם צוגעבאָמקעט און געוואָרפן טרויעריקע בליקן אויפן ברוי־נעם הויז מיט דער מאַט־באַגלאָזטער טיר.

דער הויכער פּייוול איז אָנגעקומען א ציגיאַכמעטער, ברייט געשטעלט די טריט אויף זיינע לאַנגע פלאַט־פיס און די פאַררי־סענע, פליישיקע נאָז איז ביי אים געווען פאַרשאַרצט אין קליינע, בייזע פעלדלעך. ער האָט זיך ארומגעקוקט מיט אַ פּאָר שפּילקע־דיקע, פלינקע אויגן, אין וועלכע עס האָט געטאַנצט אַ להכעיס־דיק בלישטשל, און זיך צעלאָזט איבער דער גאַנצער גאַס מיט זיין ברייטן חיתוך־הדיבור:

— נו, יידן, וואָס זאָגט איר איצט? עס קומט אויף מיינע רייד! ס׳מ׳זע׳מיר דאָ מיאוס אריינגעפאַלן! אַ מדינהלע, שוין איינמאָל, האַ?

ער האָט צווישן עולם דערקנסט מערקלען. צווישן זיי ביידן האָט זיך געפירט אַ פאַרביסענע מלחמה. מערקעל האָט זיך אריינגעדרייט אויף אַ גוטן „דזשאָב", געווען אַ פאַרדינער און געהאַלטן פון דער „קאַנטרי" אַ וועלט... ער אָבער, פּייוול, לאַכט

פון די גוטע פארדינסטן. אים איז נישט ניחא די „קאַנטרי", מען זאָל אים אפילו אָפּגילדן!

— „גליַיכסט" די מדינה, ליטוואַק? האַ? — פּלעגט ער זיך כסדר טשעפּען צו מערקלען. — מאַכסט אַ לעבן!...

— פאָר זיך צוריק, אַז עס געפעלט דיר נישט! — פלעגט מערקעל זיך נישט לאָזן. — קיינער האַלט דיך נישט צו, פאָר זיך געזונטערהייט...

פּייוול האָט זיך מיט אַן אימפּעט אַ לאָז־געטון צו מערקלען, אָנגעכאַפּט אים מיט זיינע לאַנגע, ביינערדיקע הענט פאַר די לאַצן, געטרייסלט אים מיטן גאַנצן כוח און געשריגן גליַיך אין פּנים אריין.

— רעד איצט, ליטוואַק, אדרבא! אין דר'ערד מיט דיין „דזשאָב", מיט די גוטע פארדינסטן!... ווי „גליַיכסטו" איצט די מדינה, זאָג? אַ רוח אין דיין ליטוואַק־גנב אריין!...

— לאָז מיך אָפּ'עט, משוגענער! — האָט זיך מערקעל געריסן פון זיינע הענט, פארלוירן געפּינטלט מיט די ארויסגע־זעצטע אויגן הינטער די שוואַרץ־רעמלדיקע ברילן, און זיין שמאָל גופל האָט זיך נעבעכדיק געבאַמבלט אין פּייוולס הענט. — באַשערט אַן אומגליק, אַ מענטש איז געשטאָרבן... וואָס קאָן מען טון?

— באַשערט, מנע... — האָבן די יידן בייז נאָכגע־שפּעט. — אַ שיין באַשערעניש צו שטאַרבן דאָ־אָ, אין דעם ווייסטן העק, אַז אך־און־וויי!...

אין גאַס האָט זיך מיט אַ ווייבן, גומענעם געוויש אריינגע־גליטשט אַ טונקל־בלויער אויטאָ און האַסטיק, מיט אַ טיפּן, באַ־סאָוון סקריפּ פון די געהאַמעוועטע רעדער זיך אָפּגעשטעלט ביים קרענצל יידן. פון אויטאָ איז אַראָפּ אַ שמאָלער יונגערמאַנטשיק מיט דינע שוואַרצע וואָנסעלעך און געדיכטע קרייזעלעך האָר, וואָס האָבן זיך ווי פּראָפּנציערס געדריידלט פון אונטערן האַרטן קאַפּעלושל אַפּער. ער האָט זיך דערנענטערט צו די יידן מיט גיכע, ווייבערישע טריטעלעך און גענומען מיט אַ פאַרכליניעט קול עפּעס רעדן צו זיי אויף ענגליש. די יידן האָבן געפּינטלט מיט די

אויגן, געהויבן די אַקסלען און צעטומלט געדרייט אויף אַלע זייטן מיט די קעפּ.

— מערקעל!... ווו איז ער דאָס, דער ליטוואַק? אַז מ׳פאַר־שטייט נישט קיין וואָרט!

מערקעל האָט זיך ארויסגעשטופּט פון קרענצל, זיך גלייך־געמאַכט די ברילן און אויסגעשטעלט אויפן יונגערמאַנטשיק אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן. דער יונגערמאַנטשיק האָט פונאַנדערגע־נומען די הענט און גערעדט מערקלען גלייך אין פּנים אריין:

— העזוראו קעדישאו, יו נאו... העווראַ קעדישאו... — האָבן זיך די וואָנסעלעך ביי אים געהויבן ארויף און אראָפּ, און די לשון־קודשדיקע ווערטער האָבן זיך געדיכט ווי אָנגעשוואָלע־נע אראָפּגעקייקלט פון זיינע ליפּן.

— פון דער חברה־קדישא! — האָט מערקעל מיט אַ וויכטיק קול צווויסן־געטון דעם עולם.

— יעס, יעס, העווראו קעדישאו... — האָט זיך דערהערט אַ נידריק, שיוער קול פון אויטאָ ארויס, און עס איז אויסגעשטיגן אַ דיקליכער, שטייפער מענטש מיט אַ גרויס פּנים און מיט אַ געגאָלטער, קאַנטיקער גאָמבע, וואָס איז ווי אַן אָפּדעכל אוועק־געשטאַנען איבערן גלאַנציק־ווייסן קאָלנער, פאַרמאַכט פון הינטן ווי ביי אַ גלח.

— דער ראַביי סטאַון!... — האָט מען זיך דרך־ארצדיק געשושקעט צווישן עולם, און מערקעל איז געוואָרן אינגאַנצן אַ צעפּלאָטערטער. די שמאָלע פּלייצע האָט זיך ביי אים שפּיציק אונטערגעהויבן און די אויגן הינטער די דיקע גלעזער האָבן אויפגעגלאַנצט מיט התפעלות. ער האָט זיך צוגעשאַרט צום ראַביי, זיך גענייגט פאַר אים און מיט ביידע הענט געוויזן אויפן ברוין־באַמאָלטן הויז:

—היר, ראַביי סטאַון, היר...

דער ראַביי האָט אַ שאָקל־געטון מיטן קאָפּ צום יונגער־מאַנטשיק פון דער חברה־קדישא, און ביידע האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צום הויז צו. מערקעל איז געלאָפן פאָראויס מיט אַ הויך־פאַרשפּיצטער פּלייצע, יעדע רגע זיך אומגעקוקט מיט צעשיינטע אויגן אויפן ראַביי, און צוקומענדיק צו דער מאַט־באַגלאָזטער

מיר, הויך, מיט תקופות א זעץ־געטון אין דעם שווארצן, איי־ זערנעם טיר־קלאפער.

— וואָ־וואָ, ראַבּיי סטאַון אַליין איז געקומען... — האָט מיסטער פרענקעל, א ברייטער ייד מיט א קיילעכדיק בייכל, פאַרחידושט געצמאַקעט מיט די פליישיקע ליפּן. ער איז געווען דער „אַלרייטניק" צווישן די גרינע, געהאַט זיין אייגנס א הויזן־פאַבריקל מיט אַכצן „הענט" און זיך געהאַלטן פאַר א שטיקל דעה־זאָגער ביים עולם. ער האָט צענומען מיט די פינגער דאָס צווייישפּיציקע געלע בערדל אויף ביידע זייטן גאָמבע, און דער קורצער, שמאַלציקער האַלז האָט זיך ביי אים וויכטיק אָנגעגרי־ דערט: — צבי איר זאָגט: אויסטראַליע... אַט זעט איר, ראַבּיי סטאַון אַליין האָט זיך מטריח געווען. א מענטש האָט פונדעסט־ וועגן דאָ מער „אָווואַזשעניע" ווי אינדערהיים!...

— א וואַזשנע מציאה, ראַבּיי סטאַון! א „גאַליבראַדע", קען קיין יידיש וואָרט נישט ארויסרעדן, אויך מיר א רבי... — האָט משה האָקער אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און ביטולדיק פאַרקנייטשט די ליפּן.

— און דער פאַרדרייטער קאָלנער זיינער? ס'וואָלט גע־ פּאַסט פאַר א גלח, כ'לעבן... מען שמועסט, יאַקבי ער גייט אין „משערטש" און האַלט דאָרט דרשות פאַרן גייעס! — האָט מיט א כּוונתדיק קול אריינגעוואָרפן שמעון לוויוויטשער, א ייד — הויט און ביין מיט א פּאָר צעשראָקענע, ביסטרע אייגעלעך ווי ביי א מייזל. ער האָט געהאָקט מיט פּאַפּיראָסן, אָן איינגעהויקערטער זיך ארומגעשלעפּט איבער יידישע הייזער מיט זיין קליין, אָפּגע־ ריבן וואַליזקעלע כּחורה און שטענדיק געהאַט א פולן בויך מיט נייעסן. פון ארומגיין איבער די יידישע הייזער האָט ער געוווסט, וואָס עס קאָכט זיך ביי יעדן איינעם אין טעפּל, און דער עולם אויף דראַמאַנד סטריט האָט זיך געקוויקט מיט זיינע מעשהלעך, וועלכע ער פלעגט דערציילן מיט א טונקל, איינגעצויגן קול, אוו כאָטש מען האָט אים נישט שטענדיק געגלויבט, פונדעסטוועגן האָט מען געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס און חידושדיק גע־ שאָקלט מיט די קעפּ:

— וואָס דאָ קאָן זיך אַלץ פּאַרלויפן!... שוין איינמאָל אַ מדינה!...

מיסטער פרענקעל האָט אָפּגעמאָסטן שמעונען מיט די אויגן פון אויבן אַראָפּ, און זיינע פּליישיקע באַקן האָבן זיך אָנגעבלאָזן. עס איז אים נישט אָנגעשטאַנען זיך אריינצולאָזן אין אַ שמועס מיטן פּאַפּיראָסן־האָקער, וועמען ער פּלעגט טיילמאָל אויס רחמנות געבן צו לייזן אַ שילינג, און ער האָט זייטיק אַ וואָרף־געטון אין חלל אריין:

— טשי־רטש־שמערטש... וויים איך וואָס! אַבי מען לאָזט לויפן די צונג...

—אַ נפקא־מינה... סיי־ווי האָט דאָס יידישקייט דאָ אַ פּנים, אַז אַך־און־וויי... — האָט משה האָקער שווער אָפּגעזיפצט.

— ס׳הייסט, ס׳האָט נישט קיין פּנים? — האָט מיסטער פרענקעל גענומען רעדן בייזער. — און גענעראל מאָנאש? אינדערהיים האָט מען אויך געהאַט אזעלכע יידן, האַ?

דער הויכער פּייוול האָט ברייט צעשטעלט זיינע פּלאַט־פיס און זיך אָנגענומען פאַר די באַקעס.

— קוקט אים נאָר אָן, דעם אויסטראַלישן מליץ־יושר! אַ גאַנצער קנאַקער דאָ געוואָרן, מיטן גענעראל מאָנאש צוזאַמען חזירים געפּאַשעט! — האָט ער אויפן הויכן קול געטענהט צום עולם, און דער עולם האָט אים אונטערגעהאָלפן:

— אַ צעלייגער אַ גאַנצער!

—דעות וועט ער אונז זאָגן!

— אַ „מאַניופעקטשערער", איין קליינקייט!

די יידן זענען מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. פונם הויז איז ארויסגעקומען ראַביי סטאָון מיטן יונגערמאַנטשיק פון דער חברה־קדישה, און הינטער זיי האָט מערקעל אַ פאַרמאַכיעטער נאָכגעטענצלט אויף זיינע שטעקלדיקע פיס. דער עולם האָט זיך אַ לאָז־גיטון צו אים, ארומגערינגלט פון אַלע זייטן, אָבער ער האָט בהלהדיק אַ וואָרף־געטון מיט די הענט, געשווינד זיך אויסגעדרייט פון קרענצל און גענומען נאָכיאָגן דעם ראַביי מיטן יונגערמאַנטשיק. ער איז צוזאַמען מיט זיי איינגעשטיגן אין מונקל־בלויען אויטאָ, און ווען דער אויטאָ האָט שוין גענומען

רירן פון אָרט, האָט ער ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענצטערל און מיט אַ חשיבות אין קול מודיע געווען דעם עולם:

— היינט נאָכמיטאָג וועט זיין די לוויה.

* *
*

צו דער לוויה איז געקומען אַ גרויסער עולם. די גרינע האָבן זיך צוגעשטעלט אַלע ווי איין מאַן. דאָס איז געווען זייער ערשטע לוויה אין דער נייער מדינה. די האָקערס און די מאַרק־שטייערס האָבן געלאָזט שטיין אַלע געשעפטן, און אויך די שניידערס האָבן אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט אויף זייערע „דזשאָבס" און גוטע פאַרדינסטן. די דראַמאַנד סטריט איז געווען שוואַרץ מיט מענטשן. עס איז געשטאַנען אַ חמימהדיקער נאָכמיטאָג. פון קלאָר־צעשיינטן הימל האָט געשלאָגן אַ ליכטי־קייט און אַ היץ, און אין דער דינער, צעגליטער לופט האָט זיך שאַרף אריינגעשניטן דער מינדסטער שאָרך, יעדעס וואָרט, וואָס מען האָט געלאָזט פאַלן. דער עולם האָט זיך געדרייט אויף און אָפּ מיט שווערע, פאַרזאָרגטע טריט, זיך געקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן אריין און שטילערהייט געשושקעט צווישן זיך:

— די גאָלדענע גליקן דאָ... כדאי געווען אהערצוקומען...

עס האָבן זיך געיאָוועט אויך עטליכע ווייבער אויסגעפּוצט לוויהדיק אין שוואַרצע שאַלן אויף די קעפּ און מיט פרום־אויס־געצויגענע, ווי אין עסיק אויסגעווייקטע פּנימער. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין אַ באַזונדער קרענצל, גערעדט צווישן זיך מיט צונגעדושעטע, פאַרווייִנטע קולות, און די מיססים עקמאַן פון כשרן בוטשער־שאָפּ, אַ הויכע, ביינערדיקע יידענע מיט אַ מאַנסבילשן געשטעל, האָט אַלע פּאָר רגעס אַ פּאַטש־געטון אין די ברייטע הענט מיט שוואַרץ־ארומגעגריזשעטע נעגל, און איר קול האָט זיך געדיכט געטראָגן איבער דער גאַנצער גאַס:

— ווײַ, ווײַ! אינדערהיים געלאָזט אַן אלמנה מיט יתומים!...

צווישן עולם האָבן זיך שטיף ארומגעדרייט עטליכע פּני פון דער „קאָנגריגיישן". זיי זענען געקומען צו דער לוויה אין

זייערע גלאַנציקע, געדעקטע אויטאָס, וואָס זענען געשטאַנען רחבותדיק צעוואָרפן איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס און נבֿיריש געבלאַנקט מיט זייער לאַקירטער בייכיקייט ווי פעטע זשוקעס. די פּני האָבן געלאָסן און מיט ישוב־הדעת געשטעלט די טריט, געדינט און לייכטצדיק אַריינגעהוסט אין זיך און קרומ־ליך, אבי אָפּצוקומען, געשאָקלט מיט די קעפּ אויף די הכנעה־דיקע באַגריסונגען פון די גרינע. העררי גודמען, דער רייכער „האָלסעילער", וואָס האָט געגעבן די האָקערס סחורה אויף קרעדיט און זיך געהאַלטן מיט זיי היימישלעך, מעשה אייגענער מענטש, האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן עולם אַ צעיאַכמעטער, געצויגן די פּלייצעס אַרויף און אַראָפּ און געטענהט מיט זיין פול, גווידערדיק קול:

—וואַט־דו־יו־מין געשטאָרבן? ערשט יענע וואָך האָב איך מיט אים גערעדט! נו גיי וויס... אוי, גרינע, גרינע!...

— מילא, מאַ, וואָס קאָן מען טון? ס'א גאָט־זאַך, מיסטער גודמען! — האָט מיט אַן אומבאַהאָלפן שמייכעלע, ווי אַ פאַר־שולדיקטער, הכנעהדיק אָפּגענטפערט משה האָקער.

אַ שוואַרץ־לאַקירטער, לענגליכער אויטאָ מיט אַ רייך־גע־שניצטן קאַסטן פון הינטן איז פאַמעליך אַריינגעפאָרן אין דער גאַס אַריין. צווישן עולם איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. עס האָט אַ יאָג־געטין מיט אַ קילער טונקלקייט. אין דער לופט האָט זיך אַדורכגעטראָגן אַ שטילער, צעשראָקענער פלאַטער. די יידן האָבן זיך ענגער צוגעשאַרט איינער צום צווייטן און געוואָרפן זייטיקע, צעטומלטע בליקן אויפן שוואַרצן אויטאָ. ביים רעדל איז געזעסן אַ גוי אין אַ שוואַרץ היטל מיט אַ ברייטן גלאַנציקן דאַשעק. ער האָט שטייף געהאַלטן די שוואַרץ־באַהענטשקעטע הענט אויפן רעדל, און זיין גרויס, פּירקאַנטיק פּנים האָט אויס־געזען ווי אַ שטיק פאַרפרוירן טייג. ביים הויכן פּיוואָל זענען די אויגן פלינק אַרומגעלאָפן אין די טיפע אויגן־לעכער. ער האָט נישט געקאָנט איינשטיין אויף אַן אָרט, געוואָרפן מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן און זיך געשושקעט מיטן עולם:

— אַ מבין אַביסל אויף אַן עגלה? אַ „מאָטעקאַר" מיט אַ גוייאישן קוטשער גאָר!

— א מדינה!... א גוי זאָל גאָר פירן א יידישע לוויה! — האָט משה האָקער זיך אָנגערופן מיט א שווער קול.

— מען מאַכט דאָ חוזק פון אונז, צי וואָס? ס'זעט דאָך אויס ווי א גויאישע „באסעלע", להבדיל! — האָט פייוול שוין העכער אויפגעהויבן דאָס קול מיט א ירגזון.

— ס'טײַטש! היתכן! ס'איז טאַקע ווי א חוזק!.. — האָט כ'ען זיך גענומען קאָכן צווישן עולם און זיך א לאָז־געטון צו מיסטער גודמען מיט טענות.

— וואַט־סע־מעטער, יידן? — האָט ער ברוגזליך געפרעגט.

— ווו קומט עפּעס א גוי צו א יידישער לוויה? — האָט אויך מיסטער פרענקעל איצט מיטגעהאַלטן מיטן עולם. ער האָט אויפגעהויבן דאָס צווײַשפּיציקע בערדל צו מיסטער גודמען און אריינגעשטעקט מעשה תכיף די גראָבע פינגער פון ביידע הענט אין די וועסטל־קעשענעס.

— א מאַניופעקטשערער זאָל אזוי רעדן? ס'פּאַסט נישט, מיסטער פרענקעל! דאָ אין דער קאַנטרי פירט מען זיך אזוי, יו אנדערסטענד?...

— נישט געדאַכט זאָל זי ווערן, די קאַנטרי! — האָט פייוול אויסגעשפּיגן מיט כעס.

צווישן די פּני איז געוואָרן א גערודער. זיי האָבן אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן מיט אויפגעריסענע אויגן, אָנגעצויגן די פּנימער און בייז געוואָרפן מיט די קעפּ.

— א חוצפּה פון גרינע... זיי זידלען די קאַנטרי! די קאַנטרי געפעלט זיי נישט!

— זאָלן זיי פאָרן צוריק אהיים! ווער דאַרף זיי דאָ? — האָט מיסטער גודמען זיך געקאָכט מיט זיין גווידערדיק קול. — בלויז טראָבל האָט מען פון זיי, דאַטס אָל!

— קאַטערזשאַנעס! אַנטיסעמיטן! — איז דער עולם ארוים פון די כלים און גענומען שרייען אויפן הויכן קול, און ווער ווייסט צו וואָס עס וואָלט דערגאַנגען, ווען נישט מערקעל, וועלכער איז א פאַרסאָפּעטער אָנגעקומען מיטן געקרייזלטן יונגער־מאַנטשיק פון דער חברה־קדישא און נאָך צוויי עלטערע יידן אין פאַרשמאָלצענע, הארטע קאַפּעלושן הויך ארויפגעשאַרצט

איבער די שטערנס. זיי זענען געגאנגען שווייגנדיקע, מיט גיכע, פאַרטראַגענע טריט און נישט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם גלייך צו צום הויז, וווּ עס איז געווען דער מת. דער עולם איז צוגעלאָפן צו מערקלען, זיך געשטופּט צו אים פון אַלע זייטן און פאַרוואָרפן מיט קשיות: וווּ איז ער אַלץ געווען, וויאַזוי איז עס צוגעגאַנגען, וואָס האָט ראַביי סטאַון געזאָגט?

— רעד אַ וואָרט, מערקעל, דערצייל! — האָט מען זיך ביי אים געבעטן און געקוקט אין די באַברילטע אויגן אַריין.

— באַלד... לאָזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם! — האָט מערקעל אַ פאַרטראָגענער געסאָפּעט און מיט ביידע הענט זיך געפּאָכעט אײ־בערן פּנים. ער האָט דערזען פונדערווייטנס די פּני, וועלכע האָבן זיך ברוגזדיק אָפּגערוקט אָן אַ זייט און געוואָרפן הינטן־אַרום בייזע בליקן צום עולם צו. ביי מערקלען האָבן זיך די אויגן גדולהדיק צעפּינטלט. ער האָט אויסגעצויגן דעם שמאָלן, פויגלשן האַלדז און מיט אַ פאַרגאַפּט שמייכעלע גענומען שאָקלען צו זיי מיטן קאָפּ. ער האָט געוואָלט צוגיין צו זיי, אָבער פּייוול האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַן אַקסל און שאַרף אַדורכגעזיפּט צווישן די ציין:

— שטיי־איין, ליטוואַק... קריך נישט, וווּ מען דאַרף נישט!

אַרום הויז איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ געדראַנג. אין דער מאַט־באַגלאָזמער טיר, וואָס איז געשטאַנען הפקרדיק צעפּראַלט ווי אַן אויפגעבראָכענע, האָבן זיך באַוויזן די חברה־קדישא־לייט מיט אַ שוואַרץ־איבערגעדעקטער מיטה אויף די אַקסלען. זיי האָבן זיך קרומליך, מיט איין זייט פּלייצע קויב אַדורכגעשטופּט דורך דער ענגער טיר און געשווינד, מיט געהיפּעטע טריטעלעך, ווי עמיץ וואָלט זיי נאָכגעיאָגט, צוגעטראָגן די מיטה צו דער עגלה. צווישן די ווייבער איז געוואָרן אַ יללה. די מיססים עקמאַן האָט מיט פונאַנדערגענומענע הענט זיך געוויגט אין דער ברייט און זיך פאַרגאַנגען אין אַ צעצויגענעם תחינה־ניגון:

— די אַלמנה, נעבעך... די יתומים!...

— וואָס שרייַען זיי די ווייבער? — איז מערקעל געוואָרן אינגאַנצן צעטראָגן און נישט־ניחאדיק געוואָרפן מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן. — ס'איז נישט אינדערהיים... דאָ גייען נישט קיין

וויבער צו לוויות!

— ווים איך וואס... — האט פייוול מיט ביטול פאר־קנייטשט די פלײשיקע נאז. — מען פייפט אויף די היגע מאדעס! זאלן זיי וויינען, די ווייבער! ס׳איז אונזער לוויה!

ער האט זיך א לאז־געטון נאך די חברה־קדישא־לייט, וועל־כע האבן זיך געפארעט ביי דער עגלה מיט דער מיטה. ער האט אונטערגעשטעלט א געבויגענע פלייצע, בריהש צעפירט די הענט, און די מיטה האט זיך מיט א טרוקענעם, הילצערנעם סקריפ אריינגעגליטשט אין דער שווארצער טיפקייט פון דער עגלה. דער עולם האט זיך גענומען צושארן צו דער עגלה מיט פאמעליכע, לוויהדיקע טריט. איבער דער גאס האבן וויך, ווי גרויסע ווערים, זיך אנגעהויבן רירן די בייכיקע אויטאס פון די פני, זיך איבער־געריפן מיט קורץ־אפגעהאקטע, פארזשאווערטע קולות פון די טרומייטערס. ווי זיי וואלטן זיך געביזערט. די עגלה האט שווער א סקריפ־געטון, זיך צעבארכלט מיטן מאטאר און גערירט פון ארט. משה האקער האט אבלדיק אנגעשפארט די הענט אויפן טירל, און דער איבריקער עולם, מענער און ווייבער אויסגעמישט, איז נאכגעגאנגען פון הינטן. די עגלה האט זיך א וויג־געטון אין דער ברייט און גענומען פארן גיכער. דער עולם האט געפרווט נאכיאגן די עגלה, און פרענקל, ביז וגעמען דער קיילעכדיקער בויך האט זיך געהויבן ארויף און אראפ פון שנעלן לויפן, האט מיט א פארקייכטן אטעם גענומען נאכשרייען:

— העי, סטאפ! סטאפ! ס׳טראג אים, דעם ערל... א בייז געאייל אויף אים!...

די עגלה איז געפארן וואס אמאל געשווינדער און איבער־געלאזט הינטער זיך דעם עולם ייִדן; זיי זענען געבליבן שטיין אינמיטן גאס מיט אויפגעריסענע, צעטומלטע אויגן. פארביי האבן זיך אדורכגעטראגן איינער נאכן צווייטן די אויטאס פון די פני, געפאטשט מיט די גומענע רעדער איבערן ברוק און פאר־שוווגדן הינטער א ראג נאך דער עגלה. פייוול האט פארלייגט די הענט אויפן בוזים, באטראכט דעם עולם מיט א קרומליך שמיי־כעלע אויף איין זייט מויל און מיט אן איינגעצויגן ביי־סולבל געטענהט צום עולם:

— נו, וואָס זאָגט איר נישט דערצו?... מ'האָט אונז אָנגע־פּיפן, האָ?...

— סדום!... ס'איז אויף דער וועלט נישט געהערט גע־וואָרן!... — האָט משה האָקער זיך געקאָכט און געוואָרפן מיט די הענט.

מיסטער פרענקל האָט נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם פון נאָכלויפן די לוויה. ער האָט שווער געפרייכט מיט אַן אָפן מויל, און דאָס צווייִשפּיציקע בערדל האָט זיך ביי אים צעשויבערט און אראָפּגעהאָנגען פון דער גאָמבע ווי אַ צעדריוולט שמאַטקעלע.

—אַזאַ בזיון!... — האָט ער קורץ־אָטעמדיק געסאָפּעט מיט אויפגעבלאָזענע, פאַרפלאַמטע באַקן. — ער האָט זיך מיט די עלנבויגנס ארויסגעשטופּט פונם קרענצל יידן און מיט אַ צע־קאַטשעטן בויך זיך געלאָזט לויפן לענג־אויס דער גאַס. — מ'עט זיי ווייזן!... ס'איז נישט הפקר אַ וועלט!... — האָט ער לויפנדיק געפּאָכעט אין דער לופט מיט אַ געבײַלטער פויסט.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און ער איז געקומען אָנגעצור־פאָרן מיטן גראָבן בילל אין אַ הויכן, צעטראַסקעטן לאַסט־אויטאָ. בילל, אַ ברייט־געפּאַקטער, רויט־פּנימדיקער פאַרשוין מיט ארויסגעזעצטע וואַסערדיקע אויגן און שטענדיק מיט אַ גראָבן, פון סלינע דורכגעווייקטן ציגאַר צווישן די ליפּן, איז געווען אַ היימישער מענטש צווישן דעם עולם גרינע. ער האָט אין זיין צע־טראַסקעטן אויטאָ געפירט פאַר די מאַרקעטשטייערס זייערע פּעק סחורות אין מאַרק אריין און חוץ דעם אויך אליין אַביסל אונ־טערגעהאַנדלט מיט פאַרשידנערליי ראַמשן און באָוולען. ער פלעגט ברענגען אויפן מאַרק אַן אויסגעמישטע קראָם פון קנעפּ, שנאָלן, צעפלאָנטערטע פּעק פּאָדים, אַלטפרענקישע פרויען־היטן, שפּיגעלעך, גומענע אָפּצאַסן, אַלץ צוזאַמענ־וואָרפן אין אַ קופּע אויף דער ערד און שרייען מיט אַ פאַררוי־כערטן, גאָרגלדיק קול:

— מעציעס, לײדים און דזשענטלמען! בעסט קוואַליטי! מאַזעלטאָפ!...

די יידן האָבן אָנגעקוואָלן פון זיינע יידישע ווערטלעך און געדרונגען, אַז נישט אַנדערש, ער מוז זיין אַ ייד. אַז מען פלעגט

מיט אים פארפירן א שמועס וועגן דעם, פלעגט ער איבערוואַרפן דעם ציגאַר פון איין זייט מויל אין דער צווייטער, אויסשפייען מיט א שפריץ און זיך ברייט צעלאַכן:

— מאמזער... האסנע... מיסעמעשונע... כאַ, כאַ, כאַ!...

מיסטער פרענקל איז אַראָפּגעקראָכן פון אויטאָ. דער קאַפּעלוש איז ביי אים געווען ארויפגערוקט אויפן שפיץ קאָפּ. ער האָט מיט א פינגער אַראָפּגעשאַרט די טראָפּנס שוויס, וואָס זענען אים געדיכט געשטאַנען אויפן שטערן, און א וואָרף־געטון מיטן קאָפּ צום אויטאָ צו:

— זעצט אייך אויף! מיר פאָרן צו דער „סעמעטרי", אויף מיינע הוצאות!...

— און די ווייבער? — האָט מערקעל אויסגעשטעלט א פּאָר צעשראָקענע אויגן. — ווייבער טאָרן דאָך נישט גיין אויף קיין לוויות!...

— מיט די ווייבער! איך פרעג נישט ביי קיינעם! איך באַצאָל! — האָט פרענקעל ברייט א מאַך־געטון מיט דער האַנט.

דער עולם האָט זיך טומלדיק און שטויסנדיק זיך ארויפגעדראַפּעט אויפן אויטאָ, וואָס האָט גענומען קרעכצן און שאָקלען זיך, ווי ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי פאָרן, צי ניין. בילל האָט געמייסטרעוועט ביים רעדל, געאַרבעט מיט די הענט און די פיס, ביז דער אויטאָ האָט זיך א ריס־געטון, זיך צעהוסט מיטן גאַנצן איינגעווייד און גערירט פון אָרט.

אָנגעקומען צו דער „סעמעטרי", איז צווישן עולם געוואָרן אויפסניי א קאָך. אויף דער „סעמעטרי", ווי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט דערלאַנגען, האָט מען געזען בלויז מצבות מיט צלמים און הייליקע פיגורן, וואָס האָבן שטרענג, מיט קלויסטערדיקער פייערליכקייט ארויסגעקוקט דורך די שטאַכעטן פון הויכן פּאַרקן. ארום פאַרקן זענען ווי הינער געווען אויסגעזעצט א פּאָר אַלטע פרויען מיט קוישן בלומען, וואָס זענען ווי קאַלירטע פּאַפּירלעך געווען אָנגעהויפט איינס אויפס אַנדערע. דער עולם האָט זיך פארלוירן געדרייט ביים טויער פון דער סעמעטרי", געקוקט דורך די שטאַכעטן אויף די צלמים, וואָס האָבן זיך שאַרפקאַנ־

ציק אריינגעשניטן אין שטילן חלל אריין, געהויבן די פלייצעס און געהאט טענות צו פרענקלען.

— ווו האט מען אונז פארפירט? ס'איז דאך א „צמענטאזש"!

— כ'זאל אזוי וויסן פון בייז... — האט פרענקעל יאושדיק צונויפגענומען די הענט און צו צום גראבן ביל, וועלכער איז זיך געזעסן, ברייט צעשפארט אינם אויטא און נחתדיק געצמאקעט מיט די ליפן זיין פארסלינעטן ציגאר. — די דזשואיש סעמעטרי, יו נאו, גראבער קאפ איינער! — האט ער בייז צו אים געמאכט מיט די הענט, און דער עולם האט אים אונטערגעהאלפן:

— יעס, יעס, דהי דזשואיש סעמעטרי!

— מאזעלטאפ, מאזעלטאפ! — האט ביל ביטרע פארקוועטשט אן אויג און הינטן־ארום געטייטלט מיטן גראבן פינגער אויף די באצלמטע מצבות.

—און אפשר איז דאס טאקע דער בית־עלמין? א קשיא אויף אויסטראליע... — האט פייוול מיט א שפיציק שמייכעלע פארשארצט די נאז און זיך געוויגט אויף זיינע לאנגע פלאטפיס.

— נאר ער חכמעט זיך, פייוול! — האט דער עולם זיך אנגעבייזערט אויף אים — א מענטש זאל שטענדיק האבן ליצנות אין זינען!

— א קשיה אויף א מעשה... — האט זיך שמעון לויוויטשער אנגערופן מיט זיין איינגעצויגן קול, און אנווייזנדיק אויף עטליכע אויטאס, וואס זענען שיטערלעך געשטאנען צעווארפן ביי די זייטן גאס, פארחידושט געפינטלט די מיזענע אויגן — די „מאטעקארס" קומען מיר אוים עפעס היימיש. כ'וואלט געשווירן, אז דארט־א שטייט מיסטער גודמענס „ביואיק", און דערנעבן מיסטער סוויטמענס נייער „דאדזש". אנגעזעצט אויף פינף טויזנט פונטלעך און זיך געקויפט א „דאדזש", דער גנב!...

— כ'מיין, אז שמעון איז גערעכט — האט פרענקעל נישט־ניחאדיק אביסל צוגעגעבן. — נישט אנדערש, דער בית־עלמין דארף דא ערגעץ זיין, — ער האט מיט ישוב־הדעת זיך א ווישגעטון די צוויי שפיצן פון זיין בערדל און א מאך־געטון צו שערקלען מיטן קאפ: — דו ביסט דאך עפעס א קנאקער אויף

ענגליש, טאָ גיב־זשע אַ פרעג ביי מענטשן. זאָלסט זיך פרעגן אויף דער „דשזואיש סעמעטרי”, הערסט?

מערקעל האָט וויכטיק זיך צורעכט־געמאַכט די ברילן אויף דער נאָז, אַ דריי־געטון מיט דער שמאָלער פּלייצע און פאַר־שמייעט גענומען ארומהאַפּקען אויף זיינע דינע פיס איבער דער גאַס. ער האָט אָפּגעשטעלט איין פאַרבייגייער, אַ צווייטן, גע־וואָרפן מיט די הענט, און דער עולם האָט אים נאָכגעקוקט פונ־דערווייטנס, ווי ער טענהט זיך אוים מיט די מענטשן, און אים באַוווּנדערט מיט קנאה:

— אַן אייזערנע גבורה פון אַ ליטוואַק... ער וועט אויפן פייער נישט פאַרברענט ווערן!

מערקעל איז צוריקגעקומען מיט אַ לאַנג פּנים און אומבאַ־האָלפן אויסגעשפּיצט אַן אַקסל.

— גיי וויים... — האָט ער זיך געקוועטשט. — אַלע זאָגן, אַז דאָ איז די „דזשואיש סעמעטרי”...

— מילא, מען וועט אריינגיין, וועט מען זען — האָט פרענקעל אָפּגעפּסקנט. — אפשר איז דורך דאַנען דער וועג צום בית־עלמין.

— וויים איך וואָס... — האָט משה האָקער אומגעדולדיק אַ וואָרף־געטון מיט אַ געדיכט קול. — אויף אַ „צמענטאַזש” וועל איך קריכן! כ'בין נישט משוגע...

— וווּ־דען וועט מען גיין? אַ ברירה האָט מען?... — האָט פרענקעל מיט אַ טענה זיך צעלאָזט אויפן הויכן קול. -— איז מען שוין דאָ, איז ממה נפשך, גיט מען אַ קוק!

די יידן האָבן מיט פאָרזיכטיקע, ווייכע שפּרייזעלעך אויף די שפּיצן פינגער איבערגעטרעטן די משׂרמעלנע שוועל ביים טויער פון דער „טעמעטרי”. עס האָט אויף זיי אַ יאָג־געטון מיט אַ פייערליכער, שטייפער שטילקייט. צלמים און שטיינערנע פי־גורן האָבן האַרט און וויים ארויסגעבלאַנקט פון צווישן דעם טונקעלן, געקרייזלטן גרינס פון די בוימער ארום־און־ארום. די שפּעטע נאָכמיטאָג־זון, וואָס איז ווי צעשניטן אויף האַלב נידע־ריק געלעגן אויפן ראַנד פון הימל, האָט אָנגעגאָסן די שטילע לופט מיט אַ געדיכטן, רויטליכן אָפּשיין. דער עולם האָט שוויינ־

דיק געשטעלט די טריט, שרעקעוודיק זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן, און דער ברייטער, זאמדיקער וועג צווישן די אלעען האט טרוקן געקנאקט אונטער די פיס ווי מיט א געבייזער: ווו גייט איר? ווו גייט איר?... מערקעל, וועלכער איז געגאנגען פאראויס, האט יראת־הכבודיק אראפגענומען פון קאפ דעם הוט, און נאך אים האבן אויך די איבריקע נאך א שטיקל ישוב־הדעת איינציק־ווייז אנטבלויזט די קעפ.

— אויף א „צמענטאזש” צו זוכן א יידישע לוויה, מנע... — האט משה האקער בייז אונטערגעברומט און מיט חשד געווארפן פון דער זייט אפער קרומע בליקן ארום זיך.

— ווער ווייכט, ווו מיר פארקריכן דא! אז עס נעמט נישט קיין סוף!... — האט עולם אנגעהויבן ווערן אומרואיק און זיך הארט צוגעשארט איינער צום צווייטן ווי שעפסן.

אין דער טיפער, פארנאכטיקער שטילקייט האט זיך דער־הערט א לויז גערויש פון טריט. פון צווישן דער געדיכטער טונקלקייט פון די ביימער האבן שווארץ ארויסגעשלאגן מענטש־ליכע געשטאלטן, וואס האבן זיך שאטנדיק געצויגן אין א שי־טערער, געשלענגלטער שורה.

— א„ פאנזשעב”! — האט דער עולם זיך א כאפ־געטון אויף צוריק און זיך איבערגעקוקט מיט גרויסע אויגן.

— מכלכל חי...י...ים בחסד... — האט זיך פלוצטאלבן דערהערט א צעצויגן, טיף געזאנג. דער עולם האט זיך מהומהדיק א ריס־געטון און מיט צעפלאנטערטע טריט זיך געלאזט פאר־אוים. צוקומענדיק נענטער האבן זיי דערזען דעם ראביי סטאון, אנגעטון אין א שווארצן לאנגן קיטל מיט אראפהענגענדיקע ארבל און אין א הויכן, שפיציקן ספאדיק אויפן קאפ. ער איז געגאנגען מיט פאמעליכע, צעוויגטע טריט, די הענט פארלייגט קויך אויפן בוזים, און געציקלט מיט זיין טיף־ברוסטיק, שווער קול:

— מחיה מתי...י...ם ברחמים רבי...י...ים...

הינטער אים זענען געגאנגען די חברה־קדישא־לייט מיט דער איבערגעדעקטער מיטה אויף די אקסלען. נאך זיי האבן געשפאנט מיט אנגעבלאזענע, פארטועטע פנימער די פני און פרום צוגע־

שאָקלט מיט די קעפּ צום טאַקט פון ראַביי סטאַונס געזאַנג.

— די לוויה!... — איז דער עולם ראַפּטום געבליבן שטיין מיט אַנטבלויזטע קעפּ, פאַרגעסנדיק אין דער מהומה צוריק אָנצוטון די היטן. ראַביי סטאַון האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט צוזאַמענגעצויגענע ברעמען באַטראַכט דעם עולם יידן. ער האָט באַדויערנדיק אַ שאָקל־געטון צו זיך מיטן קאָפּ און גענומען ווייזן מיט אַן אויסגעצויגענעם פינגער אויף זיין ספּאָדיק, אַז דער עולם זאָל אָנטון די היטן. ער האָט דערביי נישט איבערגעריסן דאָס געזאַנג, וואָס האָט זיך ווי אַליין פון זיך געדריוולט פון זיין אָפן מויל. ער האָט אַ צי־געטון מיט די אַקסלען, העכער פאַרלייגט די הענט אויפן בוזים און גענומען ווייטער שפּאַנען מיט געמאָסטענע, פרומע טריט. די יידן האָבן זיך זייטיק צוגעשאַרט צו דער לוויה און נאָכגעגאַנגען גאָר פון הינטן, האַלטנדיק זיך דרך־ארצדיק אַביסל פונדערווייטנס. די פּני האָבן כסדר צו זיי אויסגעדרייט די קעפּ, געקנייטשט די פּנימער און פאַרדראָסיק געשמאָרעט מיט די נעז.

די לוויה איז צוגעקומען צו אַ פריש־אויסגעגראָבענעם קבר. די צעגראָבענע ערד איז געווען אַ ווייסליכע, אַ פעט־קלעפּיקע, ווי אַדורכגעקנעטן מיט אייל. דער עולם האָט שווייגנדיק, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זיך געשטעלט אַרום קבר. משה האָקער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אויפגעהויבן אַ שטיקל ערד. ער האָט עס צעריבן צווישן די פינגער, באַטראַכט עס מיט פאַרקלערטע אויגן און שטיל אַ קרעכץ־געטון:

— אַ מאָדנע ערד דאָ... גאָר אַנדערש ווי אינדערהיים...

— א דאגה... די ווערים וועלן סיי־ווי פרעסן! — האָט פרענקעל שווער אַ ברום־געטון און אים אָנגעקוקט מיט פינצטערע אויגן.

מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בר־מנן אין קבר אריין. ראַביי סטאַון האָט אויפדערגיך, מיטן אָטעם בלויז ארויסגעזאָגט פון אַן אָפן סידורל, פרום אָפּגעהוסט און גענומען אין די הענט אריין אַ לאָפּעטע, וואָס האָט געשטעקט אין דער ערד נעבן קבר. ער האָט אָנגענומען אויפן סאַמע שפּיץ אַביסל ערד און פאָרזיכטיק, ווי ער וואָלט געשיט זאַלץ, עס אריינגעוואָרפן אין קבר אריין. ער האָט זיך